STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03823

ALE VERK

Sholem Aleichem

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אלע ווערק פון שלום עליכם

פופצנטער באַנד

אידישע שרייבער

ווילנע—ווארשע 1926
ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

ווילנער פארלאג
ב. קלעצקין

עס איז שטרענג פארבאָטן צו קויפן און פאר־
קויפן דאָס דאָזיקע בוך אין צפון און דרום
אַמעריקע, אין דרומאפריקע און אין ענגלאַנד

Copyright 1921, by Olga Rabinowitz (Sholom-Aleichem), New York

צוליב דעם פארלאַג פון שלומעליכמס יורשים, איז די
אויסגאַבע געדרוקט לויט דער אַמעריקאַנער אויסגאַבע.

„Szolem-Alejchem. T. XV. „I d i s z e s z r a j b e r“.
Drukarnia „Wydawnictwo Wilenskie“ B. KLECKINA

אידישע שרייבער

אינהאלט

שלום־עליכם !	7
ווי שען איז דער בוים !	19
אויטאָ־דאַ־פע	29
מיין בעקאַנטשאַפט מיט א. ל. לעווינסקי	41
מ. מ. וואַרשאַווסקי און זיינע ליעדער	51
אַ וואָך מיט י. ל. פרץ	69
וועגען פרישמאַן'ס יובילעאום	79
פרישמאַן צוגאַסט ביי שלום־עליכם	89
מיין בעקאַנטשאַפט מיט ח. נ. ביאַליק	99
יער זענען מיר געזעסן	09

שלום - עליכם !

דיאלאָג

געשריבען אין יאָהר 1902

שלום־עליכם!

— שלום־עליכם!

— עליכם־שלום!

— פון וואנען פאהרט מען?

— פון ווארשא.

— וואס איז אייער געשעפט?

— איך בין א אידישע צייטונג.

— מה שמכם?

— א י ד י ש ע פ א ל ק ס צ י י ט ו נ ג. און איהר, פון וואנען זענט איהר?

— פון וואנען זאל איך זיין? פון יעהופעץ.

— וואס איז א י י ע ר געשעפט?

— וואס זאל זיין מיין געשעפט? איך בין א אידישער שרייבער.

— מה שמכם?

— שלום־עליכם.

— שלום־עליכם? קומט דאך אייך שלום־עליכם.

— עליכם ועל בניכם.

— וואס־זשע מאכט איהר עפּיס, פאני שלום־עליכם?

— וואס זאלען מיר מאכען? מע שרייבט.

— וואס שרייבט מען?

— וואָס זאָל מען שרייבען? וואָס מע זעהט, דאָס שרייבט מען.

— וואָס האָט איהר פון אייער שרייבען, וואָס איהר שרייבט?

— וואָס זאָל מען האָבען? צרות האָט מען, בויכוועהטיג, האַרצקלעהמעניש, בזיונות, יסורים, אנגסטען, גריזאָטע...

— אָט דאָס איז גאָר?

— וואָס נאָך האָט איהר געוואָלט?

— איך מיין...

— כבוד? אָהן א שיעור און אָהן איין ערך! קיין שרייבער אויף דער וועלט האָט ניט אזוי פיעל כבוד, וויפיעל א אידישער מחבר. א קליינינקייט ביי אידען א שרייבער, א מענש וואָס שרייבט?

— איהר מיינט דאָס ערנסט?

— וואָס דען, אין שפּאַס? קוקט זיך צו, וואָס סע טהוט זיך אָפּ אויף אונזערע יובילעיען: ווינשעוואַניעס מיט „אַטקריטקעס“ פון פערעהרער, פון הייסע חסידים און גלאַט פון געטרייע לעזער שיטען זיך פון אַלע עקען וועלט: פון כתרילעווקע, פון טונעיאַ־דעווקע, פון טעטרעוועץ, פון שלש־סעודות'שאָק, פון גאַלאַגאַנישאָק און פון סטרישטש — און פון וואַנען ניט? הײנט די קאָרעספּאָנ־דענציעס, וואָס דער יובילאַר אַליין שרייבט אריין אין די בלעטער! הײנט די סעודות, די באַנקעטען, די טאָסטען — הינט טראָגען גאַנצע קעפּ! הײנט די סטיפּענדיעס, די צדקה, וואָס סע ווערד בשעת מעשה צעטהיילט אין ארץ־ישראל לטובת הפּועלים!... איהר שפּיעלט זיך מיט'ן כבוד פון א אידישען מחבר?

— ניין, ניט דאָס מיין איך; איך מיין...

— פּרנסה? מיט'ן פּולען מויל, אבי ער האָט צייט און קאָן נאָך זיין דערצו א מלמד, א קרעמער, א מעקלער, א שדכן, אָדער אַזוי א איד א מקבל, וואָס קאָן געהן איבער די הייזער צונויפ־

מאַכען אויף זיין בוך... איהר שפּיעלט זיך מיט אַ אידישען מחבר ? אַ אידישער מחבר איז אַ בעוואָהרענטער מענש.

— וואָס הייסט, ער איז אַ בעוואָהרענטער מענש ?

— ער איז בעוואָהרענט פוןביידע וועלטען : פון עולם הזה און פון עולם הבא ; ער איז בעוואָהרענט פון ברויט און פון געזונד, פון גוטע פריינד, פון ווייב און קינדער און פון לייב און לעבען...

— מיר דאַכט, פּאַני שלום־עליכם, איהר רעדט שוין מיט דער גאַל, איהר פערקריכט שוין אהין, ווי יענער, וואָס אין יענעם „דור" ?... נישט גוט אַזוי. נישט שען פאַר אַ אידישען שרייבער, וואָס שרייבט פאַר'ן פאָלק, ער זאָל אַזוי ליאַפּען אויף אידען. אַ איד איז מחויב אָננעמען אַלסדינג פאַר ליעב און זאָגען דריי מאָל אַ טאָג...

— גם זו לטובה ?

— אודאי גם זו לטובה ! וואָרום וואָס וואָלט געווען, איהר זאָלט דאָס אויך ניט האָבען ? וואָס פאַר אַ פּנים וואָלטען מיר געהאַט צווישען די פעלקער, מיר זאָלען די איין־און־איינציגע קאַפּאָטע אויך אַראָפּוואַרפען פון זיך ? מיר האָבען דען עפּיס איין אַנדער מלבוש, אחוץ אונזער ליטעראַטור, מיט וואָס צו בעווייזען זיך פאַר דער וועלט ?

— איהר זענט אפשר גערעכט.

— וואָס הייסט אפשר ? געוויס ! נאָר לאָמיר רעדען פון עפּיס פריילינכערס.

— ווען האָב איך יאָהרצייט ?

— נישט דאָס. איך האָב צו אייך אַ שטיקעל...

— אַ שטיקעל בקשה ? מסתמא עמיצען בעשרייבען אויף די גאַזעטען ?

— חס ושלום ! איך האָב צו אייך אַ שטיקעל געשעפט.

— מכח א שדוך ?

— ניין... און אפשר יא, מכח א שדוך.

— ווער איז דער חתן ? פון וואנען איז די כלה ?

— דער חתן איז אין יעהופעץ, די כלה איז פון ווארשא.

— אביסעל א וווייטער שדוך. ווי אזוי רופט מען זיי ?

— די כלה הייסט אידישע פאלקסצייטונג, און דער חתן — שלום־עליכם. געפעלט אייך דער פלאן ?

— מחכתיתי, אבי...

— אבי וואס ?

— אבי גאר נים.

— האלבע ווערטער האב איך פיינט. זאגט, וואס קוועטשט אייך ?

— ווער האט אייך געזאגט, אז עס קוועטשט מיך ? עס הויבט מיך נים אן צו קוועטשען ! הכלל, וואס זשע ווילט איהר ?

— וויל איך, אזוי ווי איך בין א אידישע גאזעט, און איהר זענט א אידישער שרייבער, זאלט איהר שרייבען, און איך וועל דרוקען.

— וואס זאל איך שרייבען ?

— פעליעטאנען... אויף צו לאכען.

— לאכען ? עס גלוסט זיך וויינען...

— איהר מעגט אייך וויינען, אבי דער עולם זאל לאכען. איהר פערשטעהט, צי ניין ?

— איך פערשטעה, פאר וואס זאל איך נים פערשטעהן ? איהר ווילט, איך זאל מיך פערשטעלען פאר א מארשעלאק, א פורים־שפיעלער, א פאיאץ, א פערשלעפטע קרענק, בכדי פרייליך מאכען דעם עולם...

— א ! אט דאס הויבט זיך אן מיט א אידישען מחבר !

ווער זאָגט דען מאַרשעלאַק, פּורים־שפּילער, פּאַיאַץ, פּערשלעפּטע קרענק? איך האָב נאָר געוואָלט, איהר זאָלט שרייבען אַזוי, אַז ס׳זאָל זיין מיט א שפּיצעל און מיט א וויצעל, מיט א גלעט און מיט א שטאָך, מיט איינעם וואָרט — דער עולם זאָל האָבען הנאה...

— און זאָגען: „אַ רוח אין זיין טאַטען אריין, אָט דעם שלום־עליכם׳ען! א האַנט — זי זאָל איהם נאָר אָפּדאַרען! א צונג — זי זאָל איהם נאָר אָפּנעמען!“...

— היינט וויל איך, איהר זאָלט זיך אביסעל אויס׳טענה׳ען מיט אונזערע אידען, און דוקא אויף זייער גלות־שפּראַך, אויף „מאַמע־לשון“. איהר זאָלט זיי זאָגען, אַז איהר זענט טאַקי אַזעל־כע און אַזעלכע, איהר זענט אָבער אַזעלכע און אַזעלכע!... דאָס הייסט, איהר זאָלט זיי בעגראָבען — נאָר איידעל, פיין, לייטיש... איהר פערשטעהט, צי ניין?

— איך פערשטעה. פאַר וואָס זאָל איך ניט פערשטעהן? איהר ווילט, איך זאָל מיט זיי שפּיעלען אין יענעם שפּיעל, וואָס מע רופט דאָס „קעצעלע־מייזעלע“?... מהכתיתי, פאַר וואָס ניט? אבי...

— אבי וואָס?

— אבי נאָר ניט.

— איך האָב דאָך אייך געזאָגט, אַז איך האָב פיינט האַלבע ווערטער. זאָגט, וואָס קוועטשט אייך?

— ווער האָט אייך געזאָגט, אַז עס קוועטשט מיך? עס הויבט מיך ניט אָן צו קוועטשען. הכלל, וואָס ווילט איהר נאָך?

— היינט וויל איך, איהר זאָלט זיי געבען בילדער.

— זיי זאָלען געהניצען?

— דערציעהלען מעשיות...

— זיי זאָלען קאָנען גרינג אנשלאָפען ווערען?

— שרייבען א גרויסען ראָמאַן, א ראָמאַן מיט א ליעבע, מיט דיהרענדינגע סצענעס, ס'זאָל פערהאַפּען דעם אָטהעם, מיט איינעם וואָרט — ס'זאָל זיין א „ראָמאַן"...

— אין זעכס טייל מיט א פּראָלאָג און מיט איין עפּילאָג, אַ־לאַ שמ"ר? משונה־ווילדע אומגעלומפּערטע סצענעס, וואָס ניט געשטויגען, ניט געפלויגען, למשל: א מלמד פון נעסוויזש זאָל ראָמאַנסירען מיט א דיענסטמיידעל רבקה; ער זאָל שרייבען הייסע בריוולעך, און זי זאָל זינגען זיסע ליעדלעך; נאָכדעם זאָל ער אוועקפאָהרען קיין פּאַריז און אין נייען חדשים ארום קומען צוריק א באַראָן, א מיליאָנער, און טרעפען זיין געליעבטע אין קיך ביי אפרים שקאָנטיסט, א מערדער, א באַנדיט, און דאָרטען זאָל זיין צווישען זיי א דועל; ווייל איהם אפרים דער שקאָנטיסט צע־שפּאַלטען אויף צוויי, לויפט אוועק דער נעסוויזשער באַראָן צום גובערנאַטאָר און חאַפּט איהם אויף פונ'ם שלאָף און ברענגט איהם צו פיהרען מיט דריי זשאַנדאַרען; דערזעהען אזא מעשה, חאַפּט דער שקאָנטיסט א מעסער און שטעכט זיך, און רבקה די מויד פאַלט אין אָהנמאַכט און זינגט בשעת מעשה אויף דייטש אזא „טראָוועררינג" ליעד, אז א שטיין קאָן אויך צעגאָסען ווערען...

— שוין? האָט איהר שוין געענדיגט? מע בעדאַרף ניט קיין נעסוויזשער מלמדים זאָלען פאָהרען קיין פּאַריז, גובערנאַ־טאָרען זאָל מען אויפחאַפּען פונ'ם שלאָף, שקאָנטיסטען זאָלען זיך שטעכען און דיענסטמיידלעך זאָלען זינגען אויף דייטש „טראָ־ווערדינגע" ליעדער אין קיך. איך פערלאַנג פון אייך, איהר זאָלט געבען א ראָמאַן, נאָר א אידישען ראָמאַן, א פערליעבעניש, נאָר א אידיש פערליעבעניש. איהר פערשטעהט, צי ניין?

— איך פערשטעה, פאַר וואָס זאָל איך ניט פערשטעהן? איהר ווילט, איך זאָל אייך שרייבען פונ'ם לעבען, פונ'ם אמת'ען אידישען לעבען; איהר ווילט, איך זאָל אייך טאַקי שרייבען מיט נערווען, מיט בלוט, טאַקי טיעף־טיעף פונ'ם הארצען, דאָס וואָס

סע קאָסט געזונד, דאָס וואָס סע מאַכט אַלט פאַר דער צייט, געקנייטשט דאָס פּנים, גרוי די האָר, — אָט דאָס ווילט איהר? מהכתיתי, פאַר וואָס ניט? אַבי...

— אַבי וואָס?

— אַבי גאָר ניט.

— וויעדער האַלבע ווערטער? אַמעהר זאָגט, וואָס קוועטשט אייך?

— ווער האָט אייך געזאָגט, אַז סע קוועטשט מיך? עס הויבט מיך ניט אָן צו קוועטשען! הכלל, וואָס נאָך ווילט איהר?

— איך וויל, איהר זאָלט זיך מטריח זיין כאָטש איין מאָל אין חודש דורכקוקען די אַלע ביכער און ביכלעך, וואָס די שרייבערס שרייבען...

— מאַכען קאַלי פּאַפּיער...

— די דרוקער דרוקען...

— אַז מע שמירט פאַרט מען; אַז מע צאָלט, דרוקט מען...

— די בוכהענדלער קויפען...

— בייטען ספרים אויף ספרים, „שילאָ נאַ שווייקאַ"...

— און דער עולם לייענט...

— אַ ברירה האָט ער? מע גיט נישט דער בהמה קיין קלייען, קייעט זי שטרוי...

— זאָלט איהר זיך מטריח זיין אָט דאָס אַלסדינג דורכקוקען, איבערלייענען און איבערגעבען נאָכדעם אין קורצען דעם לייענער, איהם רעכט צעקייען, וועלכעס איז גוט און וועלכעס טויג אויף כפּרות...

— אַ רחמנות אויפן מאָגען...

— מיט איינעם וואָרט — איהר זאָלט שרייבען קריטיק.

— משטיינס געזאָגט! בין איך מיר אויך אַ בהמה און פּגר אויך אין דער טשערעדע...

— נאָר וואָס דען? איך וועל אייך בעטן, ס'זאָל זיין שטיל...

— וואָס בעדאַרף מען שרייען?

— און אָהן פייער...

— און אויך אָהן וואַסער...

— און אָהן כעס...

— כעס איז עבודה־זרה...

— אייער קריטיק זאָל זיין אי לעבעדיג, אי נוצליך, אי ערנסט, אי וויצליך... איהר פערשטעהט, צי ניין?

— איך פערשטעה, פאַר וואָס זאָל איך ניט פערשטעהן? איהר ווילט, איך זאָל פון די שמאַטעס, וואָס מע פערפלייצט מיט זיי אונזער ליטעראַטור־מאַרק, מאַכען אַ גאַנצען צימעס. גריבלען זיך אין אַ קופּע מיסט און אויסזוכען אַמאָל אַ פּערעל — אַ גרינגע אַרבייט, מע קאָן פון איהר בלוי בעשטעהן, זעהר געזונד סאַי פאַר'ן גוף, סאַי פאַר דער נשמה. נו, מהכתיתי, פאַר וואָס ניט? איך בין גרייט, אַבי נאָר...

— אַבי נאָר וואָס?

— אַבי גאָר ניט.

— פּע, פּאַני שלום־עליכם! איך האָב אייך שוין וויפיעל מאָל געזאָגט, אַז איך האָב פיינט האַלבע ווערטער; מיט מיר בעדאַרפט איהר רעדען פּראָסט; זאָגט, וואָס בעדייט דער „אַבי“?... געלד?

— ווער רעדט פון געלד?

— וואָס דען? כבוד?

— ווער רעדט פון כבוד?

— וואָס דען? געזונד?

— ווער רעדט פון געזונד?

— וואָס זשע דען זאָגט איהר „אבי"?

— אבי מע זאָל לייענען!...

ווי שען איז דער בוים!

איין עפּיזאָד מיט באַדען, דערצעהלט לכבוד דעם זיידען ר ב מ ע נ ד ע ל י צו
זיין פינף-און-זיבעציגסטען געבורטסטאָג, פון זיין ערשטען אייניקעל.

געשריבען אין יאָהר 1910

ווי שען איז דער בוים!

איין עפיזאד מיט בארעז, דערצעהלט לכבוד דעם זיידעז רב מענדעלי, צו זיין פינף־און־זיעבעציגסטעז געבורטסטאג, פון זיין ערשטען אייניקעל*

אויב איהר ווילט זיך בעקענעז מיט'ן זיידען נאהענט, אויב איהר ווילט מיט איהם פערברענגען א שעה אין פערגעניגען, אויב איהר ווילט באמת הנאה האבען, עפים נאשען פונ'ם זיידען, — איז ניט אין א געזעלשאפט, ניט אויף באנקעטען, בעת מע דולט א קאפ מיט טאסטען און מע שטורעמט מיט אפלאדיסמענטען און מיט הידדם.

אמת, ער וועט זיך אין א געזעלשאפט ניט פערלירען. ער וועט זיך ניט בעהאלטען אין א ווינקעלע און וועט זיך ניט שעמען פאר קיינעם. ער וועט אייך אפענטפערען אויף אלע אייערע טאסטען און אויף אלע רעדענישען, יעדען בעזונדער, און דוקא קלוג, און דוקא טיעף, און דוקא וויציג, און דאס פנים וועט איהם לייכטען, ווי א מנורה, און איהר וועט זיך פיהלען מיט איהם יום־טוב'דיג, ווי מע קאן זיך נאר פיהלען מיט איין אמת'ען תלמיד־חכם. דאס וועט אבער זיין, רבותי, מעהר נישט אז רב מענדעלי מוכר־ספרים. דאס וועט ניט זיין „דער זיידע".

---

* איך בין דא מוסר מודעה פאר דער גאנצער וועלט, אז דאס האב איך געקרוינט רב מענדעלי מוכר־ספרים מיט'ן נאמען „זיידע". דאס איז געווען מיט א פיערטעל יאהרהונדערט צוריק. איך בין דעמאלט געווען נאך גאר א קונדס און א „פארשייטער אייניקעל", ווי דער זיידע האט מיך אנגערופען אין איינעם פון זיינע בריעף צו מיר. פון דעמאלט אן איז אוועק א גאנג: זיידע! זיידעניו! — דער זיידע האט דערלעבט, ברוך־השם, אייניקלעך א גאנצען דור — כן ירבו וכן יפרצו!

שלום־עליכם.

„דעם זיידען" אויב איהר ווילט קענען, געהט מיט איהם, זייט מוחל, ארויס העט-ווייט הינטער דער שטאָדט ארויס, דאָרט אויף דער פרייער לופט, אונטער דער הימעל-יארמעלקע, דאָרט וואו עס וואַכסט א בוים, וואו עס שפּראָצט א גרעזעל, וואו עס פיטערט זיך א קעלבעל, וואו עס גרינט א וואלד, וואו עס דרעהט זיך א מיהל, וואו עס לויפט א קליינע וואו עס קוקעט א פויגעל, וואו עס שפּרינגט א וועוויריקעל, וואו עס פלאַטערט א פערהעל, וואו עס שמוצערען היישעריגען, וואו פליעגעלעך האָבען זיך צונויפגענומען א גאַנצע חאַליאַסטרע און זשומען, און וויעגען זיך, און ווידמענען זיך, און זאָגען שירה, געבען־אָפּ א לויבעניש צו גאָט — אהין, אהין זאָלט איהר איהם נעמען, וועט איהר זיך ראָרטען ערשט בעקענען מיט'ן „זיידען", וועט איהר דאָרטען ערשט געוואָהר ווערען אַקוראַט, ווער דער „זיידע" איז.

איהר וועט זעהען פאַר זיך אין איין צייט אי א טיעפען דענקער, אי א מאָדנעם קינסטלער, אי א קינד פון דער נאַטור. און ער וועט זיך אוועקזעצען מיט אייך אויף גאָט'ס ערד, אויף דער גרינער שמעקענדיגער קאָלדרע, וואָס איז בעשפּרענקעלט און בעצוויקעלט מיט אַלערליי קוויטלעך. און ער וועט, קוקענדיג אין בלויען הימעל אריין, אייך ארויסזאָגען א טיעפען געדאַנק, און ער וועט אייך אָפּמאָהלען א לעבעדיג בילד, און ער וועט אייך דערצעהלען א שענע מעשה פון אמאָל, און ער וועט אייך זאָגען א קלוגען, שאַרפען, א אידישען וויץ, און ער וועט זיך צעלאַכען הילכיג אויף א קול, און ער וועט אייך מאַכען צו גלייכער צייט דענקענדיג און לאַכענדיג און פריילין, און איהר וועט זיך פיהלען אזוי גוט, ווי נאָך קיינמאָל ניט, און עס וועט אייך באַנג טהון, פאַר וואָס איהר האָט דאָס פריהער ניט געוואוסט, און איהר וועט חרטה האָבען, פאַר וואָס איהר האָט ניט פערחאַפּט מיט זיך קיין בליישטיפטעל אויף צו פערשרייבען ביי זיך די דאָזיגע טיעפע געדאַנקען, מיט די דאָזיגע לעבעדיגע בילדער, מיט די דאָזיגע שענע מעשיות פון אמאָל, מיט די דאָזיגע שאַרפע קלוגע אידישע וויצען.

ניין. דער מענדעלי מוכר=ספרים אינם לעבען איז ניט דער מענדעלי מוכר=ספרים, וואָס אין בוך. מענדעלי מוכר=ספרים אין לעבען איז אַליין אַ בוך.

פון דעם דאָזיגען בוך רייס איך אויס אַ בלעטעל און געב עס דיר, פריינד לעזער, היינט, צום פינף=און=זיעבעציג=יאָהריגען יובילעאום פון אונזער זיידען, לכבוד אונזער אַלעמענס יום=טוב, דער יום=טוב פון דער אידישער ליטעראַטור.

בימים ההם — אין יענער צייט, ואַני באַדעסא — בין איך געזעסען אין אַדעס אויף אַ דאַטשע, ווייט הינטער דער שטאָדט, ביים ברעג פונם שוואַרצען ים, אויפן „פאָנטאָן". יאָהרען זענען געווען גוטע (טאָלמאַטשאָוו איז נאָך דעמאָלט ניט געווען בעל=הבית...) — גוטע, גוטע יאָהרען! עס איז אָפּגעגאַנגען נאָר געסט ליעבע גוטע געסט. און גאָט האָט מיר געהאָלפען. איך האָב געהאַט אַ גאַסט — דער זיידע איז צו מיר געקומען פון שטאָדט געקומען צו=גאַסט. דער זיידע מענדעלי מיט זיין נושא=כלים, דעם פליגעל=אַדיוטאַנט, י. ח. רבניצקי.

עס איז שווער זיך פאָרצושטעלען דעם זיידען מענדעלי אין אַדעס אָהן רבניצקין — פונקט ווי עס איז שווער אייך פאָרצושטעלען זיך, למשל, אַ לולב אָן אַ הדס, אָדער אַ שטאָדט אָהן אַ „קאַזיאָנע ראַבינער", אָדער אַ וואַרשעווער דאָזאָר אָהן אַ זוהן אַ משומד, אָדער אַ רוסישען פאַרלאַמענט אָהן אַ פורישקעוויטשן... לאָז מיר הונדערט מאָל מוחל זיין מיין פריינד און מיין חבר רבניצקי פאַר דעם דאָזיגען פאַרגלייכען. איך האָב נישט געמיינט איהם, חלילה, פוגע בכבוד זיין. וואָס האָב איך צו איהם? נאָר — איהר ווייסט דאָך — אַ שרייבער אַז ער האַלט אין פאַרגלייכען, מאַכען פאַראַלעלען, כאַפּט ער וואָס עס קומט איהם פריער אויפן זינגען.

בקיצור, איך האָב געהאַט געסט: דעם זיידען מענדעלי און רבניצקין. אויסגעבאָדען זיך אינם צוואַרצען ים, וואו דער זיידע

האָט אונז בעוויזען, וואָס הייסט שווימען צו זעכציג יאָהר און וואָס הייסט מאַכען קונצען אויפ'ן וואַסער, האָבען מיר גענומען די פיס אין די הענד און געמאַכט אַ שפּאַציער פון'ם קליינעם פּאָנטאָן אויפ'ן גרויסען און פון'ם גרויסען פּאָנטאָן נאָך ווייטער — און בעת מעשה האָט אונז דער זיידע דערצעהלט מעשיות מיט מעשיות, און מיר האָבען געהערט און געוואונדערט זיך און געקוואָלען און געקליבען נחת, ווי אמת'ע גוטע געטרייע אייניקלעך. פּלוצים שטעלט זיך דער זיידע אָפּ:

— מה נאה אילן זה — וואָס זאָגט איהר אויף דעם בוים?

מיר הויבען אויף די אויגען — אַ בוים, שוין איין מאָל אַ בוים! ניט אַזוי דער בוים, ווי די בּאַרען. אַי, בּאַרען! בער־חאַמאָטען! קיילעכיגע, געלע, פעטע, זיסע, גלאַטע, ווייכע, הענגען־אַראָפּ אויף גראָבע צוגעברוימטע שטעקעלעך, שיקען־אַרויס פון זיך אַ ריח־ניחוח, קוקען אויף אונז פריינדליך, ווינקען צו אונז, בעטען זיך: „פּערדיענט אַ מצוה, אידישע קינדער, מאַכט אויף אונז שהחינו"... און הינטער דעם בוים — נאָך אַ בוים, און נאָך אַ בוים, און אַלע אָפּגעשאָטען מיט בּאַרען. אַ ים מיט בּאַרען!

אָהן ווערטער האָט דער זיידע אָוועקגעשטעלט אויף אונז זיינע שאַרפע קלוגע אויגען דורך די גלאַנצענדיגע ברילען און מיט אַ מעפיסטאָפעל־שמייכעל אויף די דינע בעזילבערטע ליפּען האָט ער אונז דורכגענומען דורך און דורך, ווי איינער רעדט: „קינ־דערלעך, איך זעה — איהר זענט בעלנים אויף די דאָזיגע בּאַ־רען?"... און גלייך ווי מיר וואָלטען זיך אויפגערעדט פון פריהער אַלע דריי, איז געבליבען ביי אונז דער הסכם, אַז מיר געהען אין גאָרטען אריין נאָך בּאַרען.

אידען האָבען פיינט לאַנג טראַכטען: וואָס בּאַרען? ווער בּאַרען? וועמעס בּאַרען? — דאָס האָבען מיר געלאָזט פריי. מסתמא וועט זיך עס מיט דער צייט פערענטפערען. דער עיקר איז: געפינען אַ טויער, אַ גאַנג אין גאָרטען אריין, און דאָרט

װי װעט זיך ניט געפינען אַ בעל־הבית, אַ סטרוזש, אַ גערטנער — פּאַר געלד װעלען מיר שױן קריגען באַרען.

און כך הוה. מיר האָבען געפונען אַ טױער. אױפ׳ן טױער אַ בלעטעל. אױפ׳ן בלעטעל — אָנגעשריבען מיט גאָלדענע אותיות: „אַנאַטראַ“. װײסען מיר, הײסט עס, אַז אַנאַטראַ — דאָס איז דער בעל־הבית פונ׳ם גאָרטען.

געהערט האָבען מיר, אַז אַנאַטראַ איז אַ גרעק, און אַ פּיעל־פּאַכער מיליאָנער, און אַ רשע. נאָר צי ער פערקױפט באַרען — דאָס איז קײנער ניט מחויב צו װיסען. עס קאָן זײן, אַז נײן, און עס קאָן זײן, אַז יאָ. ער מעג זיך זײן אַ פּיעלפּאַכער מיליאָנער, און די באַרען פונ׳ם גאָרטען זאָל ער דוקא פערקױפען. דער שכל איז דאָך מחייב: צו װאָס דאַרף עס אײן מענש אַזױ פּיעל באַרען?...

אָט אַזױ טראַכטענדיג, טרעטען מיר אַרײן פּאַװאָלינקע אין אַ מחיה׳דיגען גאָרטען, שפּאַצירען איבער אױסגעפּוצטע סטעזש־קעס, געפּלאַסטערט מיט קלײנע ים־שטײנדלעך און בעציערט פון בײדע זײטען מיט אונטערגעשױרענע בױמלעך, אונטער װעלכע עס קוקען אַרױס שמעקענדיגע בלומען, װאָס שמײכלען צו אונז און גריסען אונז גאָר פרײנדליך: „ברוכים הבאים! סקאָצעל קומט! װילקאָמען!“... און מיר געהען װײטער און װײטער. פּלוצים... פון װאַנען האָט זיך גענומען, מיט אײן אימפּעט און מיט אַ הוק, און גלײך אױף אונז — אַ הונד. אָבער אַ הונד! אַ קאַלב, ניט קײן הונד. אַ לײב. אַ לעמפּערט! אַ גנעלע גלאַנ־צענדיגע פעל. לאַפּעס װײכע, קײלעכיגע, װי בײ אַ טיגער. אַ מאָרדע אַ שװאַרצע, אַ נאַסע, נאָר אַ חנ׳עװדיגע. צײהן װײסע, שאַרפע. אױגען רױטע, פײערינע, װי בײ אַ גזלן. אַ פּאַרשױן אַ הונד, נאָר אַ הונד.

איך װײס ניט, װי אַזױ איהר, נאָר איך — איך בין מיך מודה, װאָס האָב איך מיך דאַ צו שעמען? — איך האָב פּאַר אַ

הונד מורא... שייך זאגען מורא? דאסווארט „מורא“ איז צו שוואך אויף ארויסצוגעבען אייך דאס געפיהל, וואס רופט ארויס ביי מיר א הונד. אלע חיות אויף דער וועלט האב איך ליעב, ליעב, גאר אהן א שום אויסנאהמע. א הונד האב איך אויך ניט פיינד. נאר וואס דען? איך בין מיט איהם ניט זיכער. איך, אז איך קום אין א שטוב אריין און דערזעה א הונד (ביי א כריסט, געוועהנליך, ווארום ביי א אידען איז ניטא קיין הונד, און אויב ס'איז דא ביי אידען א הונד, איז דאס ניט קיין הונד), אזוי הער איך שוין ניט, וואס מע רעדט צו מיר. מיינע געדאנקען זענען דארטען, ארום הונד... אז ער געהט צו מיר צו נאהענט און שמעקט מיך ארום און לאשטשעט זיך און דרעהט מיט'ן עק, איז מהכתיתי, זעהר פיין, מחותנים — אבי טשעפע מיך ניט. זאלסט נאר ניט ארויפלעגען אויף מיר די קאלטע לאפע דיינע און ניט שטופען מיר די נאסע מארדע אין פנים אריין. איך האב דיך ליעב, פערשטעהסט דו מיך, נאר פון דער וויטען...

פאר מיין חבר רבניצקי'ן וועל איך אייך ניט זאגען. אפשר האט ער מורא פאר א הונד נאך מעהר פון מיר? ער וויל מיך איינרעדען אפילו, אז ער האט ניט אזוי מורא. וואס איז די מורא? ער האט דען ניט קיין שירעם? נאך א מין שירעם!... איך האב אייך גאר פערגעסען זאגען, אז מיין פריינד רבניצקי געהט נישט ארויס מפתח ביתו אהן א שירעם, סאי זומער, סאי ווינטער. אז איהר וועט זיין אין אדעס און וועט בעגעגענען אין גאס א אידען מיט א רויט שיינענדיג פנים, מיט גוטע, א ביסעל פערזארגטע אויגען, מיט א פערטראכטען ווייסען שטערן און מיט א שירעם אונטער'ן ארעם, האטש אין דרויסען איז ווינטער און דער פראסט ברענט, זאלט איהר וויסען, אז דאס איז ער, רבניצקי הייסט עס. איך ווייס דעם סוד פונ'ם שירעם: ס'איז פאר א הונד. אי, די קשיא: פאר א הונד איז גאר גוט א שטעקען? — האט נאר נישט קיין טבע פרעגען קשיות.

חקיצור, מירביידע, איך און מיין חבר רבניצקי, אז מיר האָבען דערזעהען דאָס בעשעפעניש מיט'ן אָפּענעם מויל גלייך אויף אונז, האָבען זיך אונזערע נשמות אָפּגעטיילט פונ'ם גוף. אונזער ערשטער געדאנק איז געווען: לויפען! ס'איז אָבער גוט צו לויפען, אז ס'איז דאָ פיס. וואָס וועט איהר טהון, אז די פיס האָט מען ביי אייך אונטערגעהאַקט אקוראַט ביי די קנעכלעך, און דאָס הארץ הענגט ביי אייך אויף א פאָדעם, און די האָר שטעהען קאַפּויר, און די אויגען — אָט־אָט שפּרינגען זיי אייך ארויס פון שטערן? ליעבער פריינד, איהר האָט אונז ניט וואָס צו מקנא זיין. וואו מיר האָבען ערגיץ א שונא, רבונו של עולם, זאָל ער איבערגעהן אויף דעם שטאַנד, אין וועלכען מיר ביידע האָבען זיך געפונען אין יענער מינוט.

און דער זיידע? — יענעם מאָמענט וועל איך קיינמאָל, קיינמאָל ניט פערגעסען. ווי נאָר דער כלב האָט געעפענט דאָס מויל און א וואָרף געגעבען זיך אויף די אומגעבעטענע געסט, אזוי האָט דער זיידע צונויפגעלעגט די הענד אויף'ן הארצען, צונויפגענומען די ליפּען מיט א שמייכעלע, אריינגעקוקט א ווײַלע דעם הונד גלייך אין די אויגען אריין און אויסגעשאָסען א געלעכטער מיט א הילך — איך מעג שווערען, אז דער כלב האָט פערשטאַנען דאָס געלעכטער. און ניט נאָר פערשטאַנען — ער האָט זיך גע־פונען ווי בעלעדיגט. אקעגען א האַלבע מינוט זענען זיי אזוי געשטאַנען איינס אקעגען דאָס אנדערע און געקוקט זיך גלייך אין די אויגען אריין. און אפשר נאָך ווינציגער ווי א האַלבע מינוט. נאָר ביי מיר האָט זיך עס געצויגען איין אייביגקייט. דאָס איז געווען א שווערער, א קריטישער מאָמענט. א מענש און א חיה האָבען זיך בעגעגענט און געמאָסטען איינס דאָס אנדערע מיט'ן קוק, ווער וועט וועמען גובר זיין... נאָכדעם איז דעם הונד, אפנים, נמאס געוואָרען די גאַנצע מעשה, האָט ער אראָפּגעלאָזט די פייערינע גזלנ'ישע אויגען זיינע, האָט געגעבען א געהנ־יץ מיט'ן גאַנצען מויל, זיך בעלעקט און אויסגעצויגען, אויסגעטרייסעלט

די נעלע גלאַנצענדיגע פעל, זיך אויסגעקערעוועט צו אונז, נאָר אַהן אַ שום דרך־ארץ, מיט'ן הינטען, און שמעקענדיג מיט דער נאָז זיינע אייגענע טריט, האָט ער זיך בעלאָזט געהן זיין וועג.

יענעם טאָג האָבען מיר געגעסען בארען. נישט קיין שלעכטע בארען. נאָר דאָס זענען געווען בארען, וואָס מיין ווייב האָט גע־בראַכט צו פיהרען פון שטאָדט.

אויטאָ-דאַ-פע

ערינערונגען לכבוד דעם ליטעראַרישן יום-טוב פונ׳ם זיידען מענדעלי מוכר-
ספרים, געשריבען פון זיין ערשטען אייניקעל

געשריבען אין יאָהר 1910

אויטאָ־דאַ־פע

ערֿאינערונגען לכבוד דעם ליטעראַרישען יום־טוב פונ׳ם זיידען „מענדעלי מוכר־ספרים״, געשריבען פון זיין ערשטען אייניקעל. *

דער בנוהג־שבעולם איז, אז סע שטאַרבט — ניט דאָ געדאַכט, ניט פאַר אייך געדאַכט, ניט פאַר קיין שום אידען געדאַכט — א גרויסער מענש, בעקומט מען איהם ליעב און מע הויבט אָן נאָכזאָגען שבחים נאָך זיין בעט, און מע הויבט זיך אָן דערמאָנען און נאָכדערצעהלען פון איהם מעשיות, עפּיזאָדען, אנעקדאָטען, אפאָריזמען, געדאַנקען, ווערטלעך, גלייכווערטלעך, חכמות און נאַרישקייטען — אלץ גיט אהער, אלץ איז א סחורה, אלץ ווערד פערצוקערט. איך נעם מיר די שטאַרקייט צו זאָגען, אז ס׳איז א נארישער מנהג, און אויב איהר ווילט — טאקי א שטיקעל עולה אויך. א קונץ נאָכ׳ן טויט דערצעהלען שבחים? פאַר וואָס זאָל דער בעטרעפענדער אליין אויך ניט גענׅיסען פונ׳ם כבוד? פאַר וואָס זאָל ער אליין ניט זעהן און ניט הערען די אלע שבחים מיט די מעשיות, וואָס מע דערצעהלט זיך אָן פון איהם, מיט די עפּיזאָדען, אנעקדאָטען, אפאָריזמען, געדאַנקען, ווערטלעך, גלייכווערטלעך, חכמות און נארישקייטען? אדרבה, איך געה נאָך ווייטער: איך זאָג גאָר, אז ס׳איז מעהר יושר פאַר׳ן לעבען אלס נאָכ׳ן טויט צו איבערגעבען אזעלכע זאכען, וואָרום טאָמער

---

* איך האָב שוין איין מאָל מוסר מודעה געווען פאַר דער גאַנצער וועלט, אז דאָס בין איך געווען דער ערשטער, וואָס האָב אנגערופען מענדעלי מוכר־ספרים מיט׳ן נאָמען „זיידע״, און ער מיך — „אייניקעל״. פון דעמאָלט אַן זענען מיט גאָט׳ס הילף אויסגעוואַקסען, קיין עין הרע, א גאַנצער דור מיט „אייניקלעך״ — כן ירבו!

ש ל ו ם ־ ע ל י כ ם.

חלילה — לא יעלה ולא יבוא — עס מאכט זיך אמאָל, איינער איז מגזם, דערצעהלט אויף איהם אזעלכעס, וואָס ניט געשטויגען, ניט געפלויגען, קאָן ער אַרויסטרעטען אין דער עפענטליכקייט, ואין החי יכול להכחיש את החי, און זאָגען: „זייט זשע מוחל, רב איד, איהר האָט, דאַכט זיך, אויסגעטראַכט אויף מיר, מחילה, א גרויסען ליגען"...

אויף איינעם א ל״ע דערצעהלט מען, אז ער האָט זיך אוועק־געלאָזט למדינת הים, אין א ווייטען וועג אריין, און האָט ארויס־געלאָזט א קלאַנג, אז דאָס שיף איז אונטערגעגאַנגען און ער איז דערטרונקען געוואָרען. לאחר זמן קומט ער צו פאָהרען אהיים און טרעפט מסתמא איין איבערקעהרעניש: דאָס ווייב האָט צו־גענומען איין אַנדערער, די שטוב האָט מען פערקויפט, מיט זיין גוטס האָבען זיך צעטהיילט זיינע גוטע פריינד — א חורבן! ער געהט ארום פון שמוני'ן צו בוני'ן: „האָט איהר געהערט איין אומגליק, אזא־נ־אומגליק?" „צו וואָס האָט דאָס אייך געטויגט?" „איך האָב געוואָלט הערען, וואָס וועט די וועלט זאָגען"...

א יובילעאום — דאָס האָבען שוין א סך חכמים געזאָגט — איז געגליכען, להבדיל, צו א לויה. בדידי הוה עובדא — איך אליין האָב איבערגעלעבט פאר א פּאָר יאָהרען אזא מין „לויה", זיך אָנגעהערט אויף זיך אזעלכע שבחים, וואָס זענען מיר קיינמאָל ניט געקומען אין חלום. איין עבירה נאָר, וואָס דער עולם האָט זיך פערגעסען און גיך אנשווייגען געוואָרען... און מחמת איך וויים דעם טעם פון „יובילעאום", ווילט זיך מיר מהנה זיין דעם „זיידען", און דעם זיידענ'ס פיעלע פריינד און פערעהרער, חאָטש מיט איינעם פון די פיעלע, פיעלע עפּיזאָדען, וואָס איך האָב וועגען דעם זיידען צו דערצעהלען און צו דערצעהלען.

די מעשה האָט זיך געטראָפען אין אדעס, ביי'ם ברעג פונ'ם שווארצען ים, אויפ'ן גרויסען פאָנטאַן, זומער אויף א דאַטשע — מיט אַלע סימנים, און דער בעסטער סימן וועט זיין דער נאָמען

פון דער דאַטשע „מאַנדראַזשי“ — און לאָז דער זיידע זיך דערמאַנען, ואין החי יכול להכחיש את החי!...

אין יענער צייט — אַ יאָהר צוואַנציג דאַרף שוין זיין אין דעם — בין איך געוועז אונטער'ן איינפלוס פונ'ם זיידען און געשריבען אַ גרויסעס אַלעגאָרישעס ווערק, טאַקי אַ ראָמאַן, נאָר מיט אַ פערשטעלעניש, כמו ווי להבדיל אַ מין „קליאַטשע“. און מחמת מיר האָט זיך געגלוסט געבען איין אַלעגאָריע, דאָס הייסט, איך האָב געהאַלטען פאַר די אויגען ניט דאָס ווירקליכע לעבען, נאָר די „כנסת ישראל“, בין איך מסתמא פערקראָכען אין אלף השישי אַריין. און, ווי געוועהנליך, בין איך געוועז פערליעבט אין דעם דאָזיגען ווערק, ווי אַ חתן אין זיין כלה אין די געצעהלטע טעג פאַר דער חופה, געהאַלטען, אַז דערמיט ענדיגט זיך שוין די גאַנצע וועלט! און עס האָט זיך מיר זעהר געוואָלט בעווייזען פאַר עמיצען מיין געליעבטע כלה, מיין איך — מיין נייעס ווערק. וועמען זשע בעווייזט מען אַזאַ אבן טוב, אַז ניט פאַר'ן זיידען? סטייטש, איך האָב אַזאַ מבוא: סך הכל איין האַלבע שעה פון אַדעס, און דאָרט זיצט דער זיידע מענדעלי — ווי זאָגט מען: אַ כשר'ער טאָפ מיט אַ כשר'ען לעפעל... נאָר וואָס דען? ווי קומט די קאַץ איבער'ן וואַסער? טראָגען דעם ראָמאַן צום זיידען — צו אַ גרויס פעקעל. מטריח זיין דעם זיידען צו זיך — עפּיס נישט קיין דרך־ארץ. פאַלט אַ איד אויף אַ המצאה: זומער־לעבען, הייסע טעג, מע בעדאַרף פערבעטען צו זיך אויף דער דאַטשע דעם זיידען — געניסען לופט, זיך אָפּבאָדען אין ים, און אביסעל שמועסען. איז אָבער אַראָפּברענגען דעם זיידען ניט אַזוי גרינג, מע בעדאַרף האָבען אַ שעת־הכושר. נאָט האָט מיר געהאָלפען, עס האָט זיך געפונען אַ שעת־הכושר — אַראָפּגעבראַכט דעם זיידען. אַ גאַסט אויף אַ גאַנצען מעת־לעת.

די מצוה פון „הכנסת־אורחים“ איז, נאָך מיין נאַרישען שכל, מעהר לוקסוס ווי מצוה, און אויב עס וואָלט מיר זיין ערלויבט צו

רעדען נאָך מעהר עפּענטליך, וואָלט איך זאָגען, אז ניט דערמיט אַליין איז אברהם אָבינו געווען אזוי גרויס, וואָס ער איז געווען אַ מכנים־אורח, וואָרום וואָס קאָן זיין מעהר אנגענעהם ווי אויפ־נעמען געסט?

נאָר אויב אויפנעמען געסט בכלל איז אַ פערגעניגען, איז האָבען פאַר אַ גאַסט דעם זיידען רב מענדעלי — אַ יום־טוב. מענדעלי מוכר־ספרים אין אַ געזעלשאַפט איז אזוי פיעל אָריגינעל, אייגענאַרטיג, ווי מענדעלי מוכר־ספרים אין דער ליטעראַטור, און אויב איהר ווילט, איז ער אין לעבען נאָך מעהר בולט, ווי אין בוך. אין דער צייט ווען אז מיר בעגעגענען זיך מיט אַנדערע שריפט־שטעלער, טרעפט זיך אַמאָל, אז מיר האָבען דערנאָך חרטה, למאי מיר האָבען זיי געזעהן אזוי נאָהענט, איז דער זיידע מענדעלי פונקט דער היפך: ער איבערטרעפט אין אַ פּערזענליכען בעגעגע־ניש אַלסדינג, וואָס איהר האָט אייך פאָרגעשטעלט פריהער אין אייער פאַנטאַזיע. נאַטירליך, ער איז ניט מיט הערנער — נאָר איהר דערזעהט פאַר זיך אַ פּאַרשוין איין אויסערגעוועהנליכען. דאָס איז ניט נאָר אַ זקן שקנה חכמה, דער אמת'ער טיפּ פון דעם אידישען תלמיד־חכם; דאָס איז אַ מענש, וואָס איז פול מיט לעבען, מיט בעוועגונג, וואָס דאָס לעבען טריפט ביי איהם אין אַלע אָדערען, קוקט־אַרויס פון דעם שאַרפען בליק פון די קלוגע אויגען, פון די טיעפע קנייטשען פון דעם הויכען שטערן, פונ'ם יונגען שמייכעל וואָס אויף די דינע ליפּען, און איהר פרעגט זיך: „אָט דאָס איז מענדעלי מוכר־ספרים?“... ביי מעהר נאָהענטע, אינטימע בעקאַנטשאַפט דערזעהט איהר פאַר זיך אַ אידען אַ קינד, אַ זקן אַ קונדס, וואָס וועט אייך בעווייזען וואָס הייסט מוסקולען, וואָס הייסט נעהן גלייך ווי אַ סטרונע, וואָס הייסט קאָנען שפּאַנען, קאָנען לויפען, קאָנען שפּיעלען זיך מיט קינדער — און איהר וועט פרעגען ביי זיך: „אָט דאָס איז אַ אידישער מחבר, וואָס מע פייערט זיין פינף־און־זיעבעציג־יאָהריגען יובילעאום?“ אין דער געזעלשאַפט פון אזא גאַסט הויבט איהר אַליין אויך אָן פיהלען

זיך יונגער און פרישער און לעבעדיגער, און איהר פערגעסט מיט איהם, וואו די צייט קומט אהין, וואו דער טאָג געהט אוועק.

נאָר „שפיעל, זאָגט מען, דעם חתן וויינענדיגס, ער האָט זיך זיינס אין זינען". ווי גליקליך איך בין נים געווען מיט'ן טהייערען גאַסט, ווי געשווינד די צייט איז נישט געלאָפען, איז מיר מיין ראָמאַן נישט ארוים פון זינען אפילו אויף איין מינוט. נאָר ווי טרעט מען צו צום עסק? ווי אזוי נעמט מען גלאַט אַזוי און מע טהוט אַ זאָג: „זיידע, איך וועל אייך לייענען מיין ראָ־מאַן?" — האָט אָבער גאָט געטהאָן אַ נס. דער זיידע אליין האָט מיך אַ פרעג געגעבען, אויף דער נאַכט איז דאָס געווען, נאָכ'ן עסען: „וואָס הערט זיך? וואָס שרייבט מען עפּים נייעס?" איך האָב דערפיהלט, ווי דאָס הארץ האָט מיר אָנגעהויבען קלאַפּען „טיק־טיק־טאַק". דאנקען גאָט, געקומען די מינוט. און איך האָב מיך אָנגעכאַפּט מיט ביידע הענד, ארויסגעצויגען מיין ליעבלינג פון שופלאַד, וואו ס'איז געלעגען צונויפגעקאַטשעט, ווי אַ הייליגע שריפט, איבערגעבונדען מיט אַ רויטען פאָדעם־זייד — איך בין שוין גרייט געווען צוטרעטען צום עסק, שוין געוואָלט אָנהויבען לייענען, — אָן מיר איז, הייסט עס, נים געווען קיין שום מניעה, — האָט מיך אָבער דער זיידע אָנגענומען ביי דער האַנד: „איצט? ניין. איצט בעדאַרף מען געהן מקבל פנים זיין די לבנה, וואָס געהט אויף פונ'ם ים".

שוין איז דער ים, אַז ער צעשפּיעלט זיך מיט אלע זיינע וועלען ביי טאָג אויף דער שיין פון דער גינגאָלדענער זון. שוין איז ער ביי'ם אונטערגאַנג פון דעם רויט־פייעריגען קוגעל, וואָס לאָזט זיך אראָפּ, פאַלט אריין אין אָפּגרונד אריין, און אלץ ווערד ווי מיט פייער בעגאָסען. אין אַ פורפור־מאַנטעל ווערד איינגע־וויקעלט דער עק הימעל, און אַ קיהלע שטילקייט לאָזט זיך אראָפּ און געוועלטיגט און הערשט אויף דער ערד. טויזענד מאָל שענער איז אָבער דער ים ביינאַכט, ווען עס שניידט זיך אוים און בעווייזט זיך אויפ'ן הימעל דאָס ווייסע בלאַט פון דער זילבערנער לבנה

און בעווייסט און בעזילבערט און בעגיסט מיט ווייסען חן און מיט זילבערנעם נאכט־כשוף די שטילע וואסערען פון בערוהיגטען ים, וואס קוים־קוים וואס ער ציטערט און שפיגעלט אפ אין זיך די אלפי אלפים ורבוא רבבות פינקעלדיגע שטערען. ניין, דער זיידע איז גערעכט. ניט איצט איז די צייט צו לייענען ראמאנען. עס גלוסט זיך אפילו ניט געהן אין שטוב אריין שלאפען. איין עבירה, איין עבירה אזא נאכט! מיר פיקט אבער אין קאפ אלץ דער ראמאן, אלץ דער ראמאן! פון וואס מע זאל ניט רעדען, איך קום אויף מיינעם. איך וויל איהם חאטש איבערגעבען די אידעע, איהם בעקענען מיט'ן אינהאלט. „צו וואס? — זאגט דער זיידע. — אותיות מחכימות. מארגען אין דער פריה וועלען מיר זיך אוועקזעצען אינצווייען און איבערלייענען דעם ראמאן פון טאוועל ביז טאוועל". אך, ווי גוט! אך, ווי גוט!

יענע נאכט איז קיין שלאף ניט געקומען אויף מיינע אויגען. איך האב מיר פארגעשטעלט, וואס וועט זיין, למשל, אז איך וועל איהם שוין האבען געהאט איבערגעלייענט מיין ווערק אינגאנצען? וואס וועט זאגען דער זיידע? „איך בין ענטציקט"? „איך בין נתפעל"? „איך בין איבערראשט"? ניין. ער איז ניט אזעלכער, וואס זאל זיך צעגיסען אין סענטימענטען, צוקערדיגע ווערטער („לאקריץ" הייסט דאס אויף זיין לשון). עס וועט זיין גענוג פון זיין זייט, אז ער וועט ארויפלעגען אויף מיר זיין האנד: „נו? יישר כח! שרייבט, שרייבט א סך אזעלכע ווערק, און לאז דער זיידע האבען נחת פון זיין אייניקעל"...

און אפשר קאן זיין, אז ער וועט גאר ניט זאגען. לחלוטין גארנישט. ער וועט נים האבען קיין ווערטער. און דאס שווייגען זיינס וועט זיין פאר מיר אויך גאנץ גענוג. א „זיידע", וואס דער „אייניקעל" האט איהם אריבערגעיאגט (איך בין זיך מודה, אז דער געדאנק איז אויך געווען), וואס האט ער צו זאגען?... אביסעל האט מיר ווערה געטהאן דאס הארץ אויפ'ן זיידען, וואס איך האב

איהם אריבערגעיאָגט. ער איז דאָך עפּיס נישט קיין מאַן־דהוא, עפּיס אַ מענדעלי מוכר־ספרים! אַ קלייניגקייט?! קומט אַ יונגעל, אַ שנעק, אַ שלום־עליכם, און שרייבט אָן אַ בוך, וואָס שטעלט אַוועק אַזאַ ריעז אויף אַ זייט, לאָזט איהם איבער הינטער זיך, — געבאָך, נעבאָך!...

יענע נאַכט איז דער זיידע אויך ניט געשלאָפען, נאָר ניט איבער מיין ראָמאַן — איבער איין אַנדער מעשה: דאָס חדר, וואו מיר האָבען בעלעגט דעם גאַסט, איז געווען דאָס צווייטע פונ׳ם קינדער־צימער, האָט דאָס קינד (דאָס „קינד" איז שוין איצ־טער אַ סטודענט) אַ גאַנצע נאַכט געשריען אויף צייהנדלעך, קיין אויג איהם נישט געלאָזט צומאַכען! — „וואָס איז דאָס ביי אייך דאָרט פאַר אַ מין שרייער? — האָט זיך דער זיידע פאַר אונז געקלאָגט אויף מאָרגען אין דער פריה. — און איך וואָלט וועלען וויסען, וואו נעמט זיך צו אַ קינד אַזוי פיעל כח, קיין עין־הרע ניט?"...

נאָך אַ ביסעל ווערטלען זיך איבער׳ן „שרייער" און נאָך טיי טרינקען, האָט מיר דער זיידע אַ וואונק געגעבען:

— נו?...

פון אַלע „נו׳ען" איז דאָס געווען דער סאַמע בעסטער, סאַמע זיסטער „נו". אַ גן־עדן־באַלזאַם איז זיך צעגאַנגען אין אַלע מיינע גליעדער, און איך האָב גענומען דעם זיידען און האָב מיך בעזעצט מיט איהם ביי זיך אין קאַבינעט, צוגעמאַכט דאָס פענסטער, פער־שלאָסען די טירען, אַרויסגעצויגען די הייליגע שריפט פון שופלאַד, אויפגעבונדען דעם רויטען פאָדעם־זייד און...

— איך וועל מיך אוועקזעצען — זאָגט צו מיר דער זיידע — אָט דאָ ביי׳ם פענסטער אַקעגען אייך, און איהר זעצט אייך אַוועק אָהער צו מיין לינקען אויער, איך זאָל אייך קאָנען בעסער האָרכען. נאָר פריהער דערצעהלט מיר, וואָס האָט איהר געוואָלט?

וואָס איך האָב געוואָלט? — דאָס איז געווען פאַר מיר ווי אָפּגעגאָסען מיט איין עמער וואַסער. וואָס איז שייך?...

— אַ שרייבער, אַז ער זעצט זיך אַוועק שרייבען אַ בוך, — גיט מיר דער זיידע צו פערשטעהן — בעדאַרף זיך פריהער פרעגען: „וואָס וויל איך?“

איך בין מיך מודה: פאַר מיר איז דאָס געווען דאָס אמת'ע אַמעריקאַ אויפגעדעקט. שוין אַ יאָהר פינף אַז איך שרייב, שוין אָנגעשריבען, ברוך השם, אַזוי פיעל זאַכען, און נאָך איין מאָל ניט געפרעגט ביי זיך: וואָס וויל איך? וואָס קאָן אַ שרייבער וועלען? אַ שרייבער וויל שרייבען, וואָרום ער זאָל ניט וועלען שרייבען, וואָלט ער דאָך קיין שרייבער ניט געווען... אויסגעדרעהט האָב איך מיך פון זיינע הענד מיט אַ תירוץ, אַז וויל דאָס, וואָס איך וויל איהם לייענען, איז איין אַלעגאָריע, וואָס טראָגט אין זיך אַ פערבאָרגענעם געדאַנק, וויל איך זעהן, צי וועט ער חאַפּען אַליין דעם געדאַנק, איידער איך וועל האָבען געענדיגט דאָס גאַנצע ווערק. און איך האָב גענומען לייענען, און עס האָט זיך מיר אויסגעוויזען, אַז ניט איך לייען, נאָר איין אַנדערער לייענט. איך האָב נישט דערקענט מיין קול — און דאָס האָט מיך געמאַכט אויפגערעגט, נערוועז. נאָר דאָס אַליין וואָלט נאָך געווען אַ האַלבע צרה — האָט זיך סאַמע אין רעכטען פייער צעשריען מיין קדיש דער שרייער, חאַטש טהו זיך אָן אַ מעשה! אוי, וואָלט איך איהם בעוויזען אַ שרייען! איך בין גרייט געווען אַלע מינוט זיך אויפהויבען, אַריינלויפען צום שרייער אין צימער אריין, איהם פערשטאָפּען דאָס מויל מיט וואַטע. האָט מיך אָבער דער זיידע ניט אָפּגעלאָזט. ער האָט מיך אָנגענומען ביי אַ האַנד, די אויגען האָט ער געהאַלטען צו — דאָס איז אַ סימן, אַז ער הערט מיט קאָפּ — און געהייסען מיר, איך זאָל גאָרניט קוקען אויף קיין זאַך, איך זאָל נאָר לייענען.

וויפיעל איך האָב אַזוי געלייענט — ווייס איך ניט. אויפ'ן זייגער האָב איך ניט געקוקט. איך האָב געקוקט נאָר אויפ'ן זיידען,

געוואָלט זעהן, ווי ווייט ער איז אַנטציקט, איז אָבער שווער געווען צו זעהן אויף זיין פּנים וואָס ער טראַכט. אַ מענש, אַז ער זיצט מיט צוגעמאַכטע אויגען, וועט איהר קיינמאָל ניט טרעפען, וואָס ער טראַכט. פּלוצים עפענט ער אויף די אויגען, נעמט מיך אָן ביי דער האַנד, קוקט אויף מיר אַריבער די ברילען מיט אַ שמייכעל אויף די ליפּען און טהוט אַ מאַך מיט דער האַנד:

— הערט זשע, איך מוז אייך איבערשלאָגען אין מיטען דער מעשה. ווי מיינט איהר, קאָכט זיך שוין ביי אייך ווארמעס אין קיך?

— ווארמעס? געוויס. איהר זענט אפשר הונגעריג? וועל איך הייסען עפּיס געבען.

— הונגעריג? חס ושלום! איך וויל נאָר וויסען, אויב עס הייצט זיך דאָרט ביי אייך אין אויווען?

— געוויס הייצט זיך אין אויווען.

— אויב עס הייצט זיך, טאָ נעמט און וואַרפט אַריין, זייט מוחל, אָט דאָס גאַנצע העפט אין אויווען אַריין און פערברענט דאָס אויפ׳ן פייער, ווארום דאָס איז ניט אייער זשאַנר. דאָס איז... דאָס איז — פּע!!!

— — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — —

מיר האָבען נאָך דעם ניט איין מאָל געזעהען זיך מיט׳ן זיידען, אַסך מאָל גערעדט וועגען שרייבען, וועגען דעם, וועלכעס איז מיין זשאַנר און וועלכעס איז ניט מיין זשאַנר, — נאָר וועגען יענער מעשה מיט׳ן „פּע“ און מיט׳ן „אויטאַ־דאַ־פּע“ האָבען מיר קיינמאָל, קיינמאָל נישט גערעדט מעהר, קיינמאָל נישט מזכיר געווען אפילו. און דעריבער איז מיר ניט אויסגעקומען עד היום הזה אַרויסצוזאָגען דעם זיידען זאָל לעבען, וויפיעל איך בין איהם דאַנקבאַר! אַך, וואָלט מען בעדאַרפט האָבען, עס זאָל זיך אָפּט

הייצען ביי אונז אין אויווען אין דער צייט, ווען מיר האַלטען ביי׳ם פערענדיגען אַ בוך, וואָס אונז ווייזט זיך אוים, אַז ס׳איז אַזוי גוט, וואָס בעסער קאָן שוין גאָרניט זיין...

נערווי (איטאַליע), ז׳ חנוכה, התרע״ג

מיין באַקאַנטשאַפט מיט א. ל. לעווינסקי

געשריבען אין יאָהר 1910

מיין בעקאַנטשאַפט מיט
א. ל. לעווינסקי

אונזער ערשטע בעקאַנטשאַפט מיט דעם אַזוי פריה אָפּגעשטאָרבענעם לעווינסקי איז געווען, נאַטירליך, א ליטעראַרישע, און אָנגעהויבען האָט זיך עס מיט א יאָהר צוואַנציג צוריק, אין דער צייט פון מיין „יודישע פּאָלקסביבליאָטהעק“. אויף די בלעטער פּונ׳ם „המליץ“ (עליו השלום) האָבען מיר זיך בעגעגענט, ביידע אָנגעוואָפּענט מיט שטאָהלענע פּעדערען און מיט איין אַרסענאַל פון מליצות, און האָבען מלחמה געהאַלטען אויף עטליכע נומערען „המליץ“, נישט געפּאַלען, חלילה, און נישט אונטערגעגעבען זיך איינער דעם אַנדערען, און אָהן א טראָפּען בלוט — ווי די אמת׳ע גבורי ישראל.

דעם ערשטען פּלוצליכען סטראַטעגישען אָנפאַל האָט ער געמאַכט אויף מיר. ער איז אַרוים מיט א „מאמר“: „סטייטש, שלום־עליכם וויל אָפּ׳שמד׳ען אַלע בעסטע העברעער, מאַכען זיי פאַר זשאַרגאָניסטען! שלום־עליכם צאָהלט אין טאָג אריין! צוואַנציג קאָפּיקעס א שורה זשאַרגאָן! שמע ישראל!!“ און גע׳חתמ׳עט איז געווען: א. ל. לעווינסקי פון גאָרנאָסטאַיעווקע.

בין איך אָבער אויך ניט קיין מלופים־קינד, האָב איך געגעבען א נעם אַרוים מיינע מליצה׳דיגע קוילען מיט מיינע העבּרעאישע פיילען, איינגעטונקען (אין גיפט? חלילה!) אין טינט און — הײדאַ מיט א „מאמר“ קעגען דעם לעווינסקי׳ן פון גאָרנאָסטאַיעווקע. פערשטעהט זיך, אַז מעהר פון אַלע האָט בעקומען פון מיר א פּאַרציע גאָרנאָסטאַיעווקע. ביי יעדען זאַץ און ביי יעדער

פראזע איז געווען מיט א ביטערער איראניע: „הסופר מגארנאָ־סטאָיעווקע". מיר צו הילף איז גיך אונטערגעקומען נאָך א גבור פון די גבורי־ישראל און גענומען בויקערען דעם גארנאָסטאָיעווקער אַנטיזשאַרגאָניסט פון הינטען און פון פאָרענט און פון אלע זייטען. דער נאָמען פון דעם דאָזיגען גבור איז י. ח. רבניצקי. דער גאָרנאָ־סטאָיעווקער קונדס, אַפּנים, האָט זיך אָבער ווינציג־וואָס איבער־געשראָקען פאַר אונז ביידען און האָט גענומען שניידען א „מאמר" נאָך א „מאמר", און אלע מאָל מיט מעהר פייער. און מערק־ווירדיג! וואָס שאַרפער דער דאָזיגער פייעריגער אַנטיזשאַרגאָ־ניסט איז ארויסגעטראָטען קעגען אונז, מעהר היימישער איז ער אונז געוואָרען. עפּיס האָבען מיר אלע געפיהלט, אז דער „שונא" טראָגט אויף זיך א פעל פון א טיגער און דארף זיין דערצו א גוט ברודערעל, „משלנו"...

און כך הוה. דאָס איבעריגע דארף איך ניט דערצעהלען. אלע ווייסען, וואָס פאַר א מין „שונא", וואָס פאַר א מין „אַנטי" א. ל. לעווינסקי איז געוועזען בכלל, ובפרט צו דער ליטעראַטור פונ'ם אידישען פאָלק, וועלכע איז איהם געווען נישט ווינציגער טייער ווי זיינע אייגענע קינדער. מיט א ברייט שמייכעל איבער'ן בריי־טען פּנים האָט ער מיך דאָס ערשטע מאָל בעגעגענט אין אָדעס. דאָס האָט בעדאַרפט צו זיין אונגעפעהר מיט א יאָהר צוועלף צוריק. איהם האָט מיר פאָרגעשטעלט, אויב איך האָב קיין טעות, דער „אבי אבות הגוטברודערלעך", וואָס זיין נאָמען איז לובאַרסקי, נאָר מעהר בעקאַנט אונטער'ן נאָמען „אונזער אברהם אליהו", וואָרום אברהם אליהו איז היימליכער אלס לובאַרסקי... דעמאָלט איז לעווינסקי שוין נישט מעהר געווען א לעווינסקי פון גאָרנאָ־סטאָיעווקע, נאָר „א. ל. לעווינסקי", „רבי קרוב" — און אָך, וואָס מיר ביידע האָבען זיך אָנגעלאַכט, דערמאָנענדיג זיך אַן אונזער דועל אויף די בלעטער פונ'ם „המליץ"! עס האָט זיך מיר אויס־געדאַכט, אז מיר זענען מיט איהם בעקאַנט שוין פון מי יודע ווען, און עפּיס א מאָדנע ווייבע וואַרעמקייט האָט זיך געפיהלט נעבען

איהם. נישט געווען דאָס מאָל, וואָס ער זאָל זיין אין „מיין" שטאָדט (אין קיעוו) און ניט זיין ביי מיר און ביי מיין גאַנץ הויזגעזינד א ליעבער, א גוטער, א ווארעמער גאַסט. איך קאָן ניט אָנווייזען פּינקטליך — ווען, פון וואָסער א מאָמענט, עס האָט זיך פערבונדען אונזער גוטפריינדשאַפט. איך ווייס נאָר, אז דאָס איז געווען א ליעבשאַפט א לאַנגאַנדיגע, איין אַלטע ליעבשאַפט! זיין געטריישאַפט צו מיר (און מסתמא דאָס זעלבע צו יעדען פון זיינע אינטימע פריינד) איז געווען כמעט א איבער־נאַטירליכע. איך וועל געוויס זיין א חוטא פאַר'ן רבונו־של־עולם, אויב איך וועל זאָגען, אז איך האָב אויף גאָט'ס וועלטעל מעהר שונאים ווי גוטע פריינד. אָבער אזא גוטען פריינד, ווי לעווינסקי, ווייס איך ניט, אויב איך האָב ווען געהאַט, און גאָט ווייסט, אויב איך וועל איהם האָבען. איך זאָל, למשל, וועלען זאָגען, אז לע־ווינסקי איז מיר געווען געטריי, ווי א ברודער, וואָלט דאָס געווען ניט נאָר באַנאַל — דאָס וואָלט זיין א בעלעדיגונג, א פּראָפאַנאַציע פאַר'ן געשטאָרבענעם. און איך האָב זעהר מורא, אז דאָס זעלבע, וואָס איהר הערט פון מיין מויל, קאָנט איהר הערען, ווי געזאָגט, בון יעדען איינציגען פון אונזער ענגען קרייז, פון אונזער לימע־ראריש קלייזעל. א גוטען פריינד, זאָגט די וועלט, דערקענט מען אין איין „עת־צרה". מע בעדאַרף לייענען לעווינסקי'ס בריעף צו מיר קיין אויסלאַנד אינ'ם בעריהמטען יאָהר 1905, בעת איך האָב פערלאָזט דאָס „פאָטערלאַנד" און בין אוועק מיט'ן וואַנדערשטעקען קיין אמעריקא.

„איך האָב צו אמעריקא גאָר ניט, — אזוי אונגעפעהר שרייבט צו מיר לעווינסקי קיין לעמבערג — נאָר איך פערגין ניט אמעריקא „אונזער שלום־עליכם'ן!" „דו פאָהרסט אוועק פון אונז, — שרייבט ער ווייטער — נאָר געדענקען זאָלסט דו, — מאָלע וואָס סע מאַכט זיך — אז ס'איז דאָ א שטאָדט אדעס, און דאָרטען האָסט דו פריינד, וואָס ליעבען דיך און וואָס וועלען דיך קיינמאָל ניט פערלאָזען!"... און זיין גדולה, זיין פרייד ביי מיין צוריק־

קומען „אהיים“? דאָס האָט ער מיך אויסגעשריבען נאָך פון דער שווייץ קיין אָדעס אויפ'ן ליטעראַרישען אָבענד לטובת האלמנה שטיינבערג מיט אַ גאַנץ בינטעל שרייבערס. אַך! ווער עס האָט נים געזעהען לעווינסקי'ן אין יענער צייט, דער האָט גאָר קיין שענס נים געזעהען. איך לאָז דאָס איבער פאַר מיינע קאָלעגען: ביאַליק, פרוג, רבניצקי, שלום אַש און דער זיידע רב מענדעלי זאָל מאריך ימים זיין. זיי וועלען דאָס בעסער בעשרייבען. איך וויל ברענגען דאָ מעהר נישט אַז איין עפּיזאָד.

דעם גאַנצען טאָג האָט מען לעווינסקי'ן אין ערגיץ נישט געקאָנט געפינען. אויסגעזוכט גאַנץ אָדעס — ניטאָ לעווינסקי! וואו איז לעווינסקי? ער איז פערנומען מיט'ן קאָנצערט לטובת האלמנה שטיינבערג. מיר, די אויבען אויסגערעכענטע, דאַרפען זיך אָבער זעהר נויטיג מיט איהם זעהען. איז געבליבען, מיר זאָלען זיך מטריח זיין צו איהם אַלע, בנערינו ובזקנינו, אויף דער דאַטשע. דאַכט זיך, אויפ'ן „פאָנטאַן“. געקומען אויפ'ן פאָנ־טאַן — אַ נעכטיגער טאָג. שוין באַלד נאַכט — נישטאָ לעווינ־סקי! דאָס ווייב קלאָגט זיך; ער האָט נאָך בעדאַרפט קומען צו וואַרעמעס. ערשט אַרום נאָך מעריב־צייט — ער איז דאָ. אַ פערטראָגענער, אַ פערטראַסקעטער, איין אויסגעמאַטערטער, אַ פערשוויצטער. אַלץ מיט'ן קאָנצערט געוועז פער'עסק'ט: „פּראָ־גראַם... טאַלמאַטשאָוו... אווינאָוויצקי“... „נו. האָסט עפּיס גע־געסען?“ „האַ? ניין, גאָר פאַרגעסען!“

ער האָט פערגעסען עסען! — אַ וואונדער אָביסעל, אַז אַזאַ מענש האָפּט אַ אינפלוענצאַ און שטאַרבט אוועק פּלוצים אין מיטען דריגען?

נאָך מעהר בולט קומט אַרויס ביי מיר לעווינסקי'ס פּיזיאָ־גאָמיע אין זיינע פיעלע צעהנדליגער בריעף בשעת מיין קראַנק ווערען. זיינע העכסט פריינדליכע, ריהרענדיגע בריעף צו מיר

קיין נערווי, קיין סאנטבלאזיען און קיין לונגא אַטעמען מיט אַזוי פיעל איבערגעבענהייט, וואָס נאָר א פאַטער צו א ליעבען קראַנקען קינד איז פעהיג אַזוי צו שרייבען. איטליכס בריוועל הויבט זיך אָן מיט א „חביבי יקירי!“ און לאָזט זיך אויס: „והעיקר כל העיקרים היה בריא, היה בריא וחזק!*“ נאָך גאָר ניט לאַנג, היינ־טיגען ערב סוכות איז דאָס געווען, ווען דער מלאך־המות איז שוין געשטאַנען הינטער זיינע פּלייצים, שרייבט ער צו מיר פאָלגענדעס (ווייל דאָס איז איינס פון זיינע לעצטע בריוועלעך, אויב ניט דאָס לעצטע שבלעצטע, געב איך עס איבער דאָ כמעט אינגאנצען, ככתבו וכלשונו ממש):

„... ראשית כל ולפני כל: גמר חתימה טובה וכו׳ ... אלא בחפצי אשר לגמר חתימה טובה עוד יוסיפו לך מלתא זוטרתא: שתזכה בגורל הגדול 200,000. חושב אנכי, אשר לגבי דקודשא בריך הוא, כמו להבדיל אצל בראָדצקי מיעהופיץ, אינו ולא כלום, ולגבי יהודי כמוך יהיה זה ענין. ומה דעתך? וזאת עוד, אשר באם יעלה הדבר בידי להיות בחוץ לארץ בחודש הבא, אשתדל להתראות עמך, אם רק תהיה עדיין בלוגאנא. ואנחנו, חביבי, חכינו ממך „מאומה“ לגליון של ראש־השנה או לכל הפחות לסוכות, ואתה, גזלן, החשית. צרה עינך באדעסא שלנו. ומה יהיה גורל „גוטמאָרגנו“ אינני יודע; אפשר שיגוע בלא עתו מחסרון כיס או מחסרון דם... ואתה מתרחק ממנו. וכאשר יבנה המקדש תצטרך להביא חטאת שמנה! והעיקר מה שבדעתי עכשיו לכתוב לך הוא בדבר „הפתגמים“ שלך. כמו שאתה רואה קבצתי לאחד אחד את כל הגלייכווערטלעך וסתם ווערטלעך שלך ובדעתי להדפיס אותם בחוברת אחת יפה מאד, עם הקדמה שלי או של אחד מאנשי שלומנו, הקדמה קצרה אבל מפורשת ומבוארת, ולמכור אותה במחיר נמוך מאד. ואתה, יקירי, נקבה שכרך, כמה שתמצא לנכון, באשר

---

* דער עיקר פון אַלע עיקרים — זיי געזונד, זיי געזונד און שטאַרק.

חפץ אנכי לקנות אותה, אם לא לצמיתות, אבל לעשרים שנה (!?) או פחות מעט... זהו, ידידי היקר, מה שמצאתי נחוץ לכתוב לך עתה. את המחברת גופא אנכי שולח לך מחר. וחדשות, יקירי, אצלנו רק מעט. רבניצקי איז נאָך געל ווי געווען, ווערט אפילו אביסעלע גרויליך, אָבער נאָך אַלץ געל, און שווייגט. ביאַליק איז נאָך אַלץ ביאַליק, דאָס הייסט, ער שרייבט ווינציגער שירים און לאַכט פ י ע ל, און דער „זיידע" זיצט נאָך אין ווילנא... וכו'

בכל הברכות שלך

א. ל. לעווינסקי."

[פ ו ן ד י א ר ו י ס ג ע ב ע ר: מיר גיבען דאָ פאַר די לעזער די איבערזעצונג פון דעם בריעף אויף אידיש: ערשטענס און פריהער פון אַלץ — א גמר חתימה טובה... נאָר איך וויל, אז צו דעם „גמר חתימה טובה" זאָל מען דיר צולעגען נאָך עפּיס א קליינינקייט: דו זאָלסט אויסנעמען דאָס גרויסע געווינס פון צוויי הונדערט טויזענד. איך מיין, אז ביי דעם אויבערשטען, ווי, להבדיל, ביי בראָדסקי'ן, איז דאָס פון די קליינע זאַכען; ביי אזא אידען אָבער ווי דו וועט דאָס זיין א ענין. ווי מיינסט דו? און ווייטער — אויב מיר וועט זיך איינגעבען צו זיין נעכסטען מאָנאט אין אויסלאַנד, וועל איך זיך סטאַרען צו זעהען מיט דיר, אויב דו וועסט נאָך דעמאָלט זיין אין לונאָנאָ. און מיר, מיין טייערער, האָבען ערוואַרט פון דיר „עפּיס" פאַר'ן ראש־השנה־נומער, אָדער, לכל הפּחות, אויף סוכות, און דו, גזלן, האָסט געשוויגען. דו פערגינסט ניט אונזער אדעס. און וואָס וועט זיין מיט אונזער „גוט־מאָרגען"* ווייס איך ניט. אפשר וועט ער אוועקשטאַרבען פאַר דער צייט פון געלד־מאַנגעל, אָדער פון בלוט־מאַנגעל... און דו דערווייטערסט זיך פון איהם. אז דער בית־המקדש וועט אויפגעבויט ווערען, וועסט דו דאַרפען ברענגען א פעטען „קרבן־חטאת"!

* א טעגליכע צייטונג אין אדעס, פון וועלכער דער פערשטאַרבענער לעווינסקי איז געווען דער רעדאַקטאָר־ארויסגעבער.

און דער עיקר, וואָס איך וויל דיר אַצינד שרייבען, איז וועגען דיינע „שפּריכוואָרטער“.* ווי דו זעהסט, האָב איך צונויפגעזאַמעלט איינס צו איינס אַלע דיינע גלייכוואָרטלעך און גלאַט וואָרטלעך און איך האָב ברעה זיי לאָזען דרוקען אין אַ זעהר שענעם ביכעל, מיט אַ הקדמה פון מיר אָדער פון איינעם פון אונזערע לייט, אַ קורצע הקדמה, נאָר איין אויספיהרליכע, און פערקויפען עס פאַר זעהר אַ נידעריגען פּרייז. און דו, מיין טהייערער, בעשטים דיין לוין, וויפיעל דו וועסט געפינען פאַר נויטיג, ווייל איך וויל דאָס אוועקקויפען, אויב ניט אויף אייביג, איז אויף צוואַנציג יאָהר (!?), אָדער אויף אביסעל וועניגער פון דעם... אַט דאָס איז, מיין טייערער פריינד, וואָס איך האָב געפונען פאַר נויטיג דיר צו שרייבען אַצינד. דאָס העפט גופא שיק איך דיר מאָרגען. און גייעס, מיין טייערער, איז ביי אונז גאָר וועניג...]

שפּעטער מיט אַ טאָג צוויי־דריי האָב איך ערהאַלטען פון איהם דאָס העפטעל. אין דעם זעלבען טאָג האָב איך געלייענט אין די צייטונגען, אַז לעווינסקי איז געפעהרליך קראַנק. אויף מיין אַנפראַג־דעפּעשע: וואָס מאַכט לעווינסקי? האָב איך בעקומען פון מיינע פריינד פון אָדעס אַ קורצע תשובה:

דאָראָגאָי לעווינסקי סקאָנטשאַלסיאַ.

סך הכל דריי ווערטער, נאָר די דריי ווערטער האָבען צוגענומען דריי יאָהר פון מיינע נישט פיעלע יאָהרען, וואָס מיר איז נאָך געבליבען זיך נאַריש צו מאַכען אויף דער דאָזיגער נאַרישער וועלט...

ביי'ם סוף פון מיינע פערביילויפענדיגע רשימות גלוסט זיך

---

* א. ל. לעווינסקי האָט זיך אַ געוויסע צייט אָפּגעגעבען מיט'ן צונויפזאַמלען אַלע שפּריכווערטער און גלייכווערטלעך פון שלום־עליכם'ס ווערק — די אָריגינעלע, שלום־עליכם'דיגע, סיי די פאָלקס־ווערטלעך, וואָס שלום־עליכם האָט בעאַרבייט אויף זיין שטייגער — און האָט דאָס געוואָלט אַרויסגעבען אין אַ בעזונדער ביכעל. — דאָס מאַנוסקריפּט מיט די ווערטלעך געפינט זיך ביי שלום־עליכם'ס פאַמיליע צווישען שלום־עליכם'ס נאָכגעבליבענע שריפטען.

מיר פֿאַרשטעלען אין זכרון לעווינסקי׳ס פּאָרטרעט מיט קורצע שטריכען, ווייל איך שרייב דאָס זעהר בחפזון׳דיג און נאָך ליגענדיג דערצו: אַ גרויסער איד, אַ ברייטער, מיט ברייטע פּלייצעס, מיט אַ ברייט שמייכעל אויפ׳ן ברייטען פּנים און מיט ברייטע הענד, וואָס וואָלטען וועלען ארומנעמען דאָס גאַנצע בינטעל אידישע שרייבערס מיט׳ן גאַנצען אידישען פֿאָלק און אַריבערחאַפּען זיך אויף אַ ווײַלע קיין ארץ־ישראל — אינ׳ם אידישען לאַנד — און דאָרטען געבען אַ לעב־אונטער, אָבער טאַקי וואָס לעבען הייסט, דהיינו: אַ גלעזעל כרמל־וויין, אַ גרויסען העברעאישען זשורנאַל, אַ גרויסע אידישע אַקאַדעמיע, אַ שפּאַציער מיט אידישע טעכטער אויפ׳ן הר־הכרמל, און אַ פֿאָהר אויף די אייגענע אידישע באַהנען, אומעדום מיט אייגענע אידישע בופעטען, מיט אידישע קיאָסקען, וואו עס פערקויפט זיך כל ספרי מענדעלי מוכר ספרים מיט כל שירי ביאַליק — חי געלעבט, אָדנים סלאָוואָס!...

„אָדנים סלאָוואָס" — דאָס איז געווען לעווינסקי׳ס פּלונ־וואָרט, מיט וועלכען ער פּלעגט אויסלאָזען יעדען שמועס און מיט וועלכען עס גלוסט זיך מיר פערענדיגען אויף די דאָזיגע שורות.

נערווי (איטאַליע), ו׳ מרחשון, התרע״א.

די אַנמערקונגען אין דעם דאָזיגען אַרטיקעל, ווי אויך די איבערזעצונג פונ׳ם העברעאישען בריעף, זענען געמאַכט פון די אַרויסגעבער.

מ. מ. װאַרשאַװסקי און זײַנע ליעדער

געשריבען אין יאהרען 1914—1900

מ. מ. ווארשאַווסקי און זיינע ליעדער

א.

אַ פּאָר ווערטער צו ווארשאַווסקי'ס ליעדער.

וואונדערבאר איז די געשיכטע פון אונזער פאָלק ישראל. וואונדערליך איז אונזער אידישע ליטעראטור. נאָר נאָך מעהר וואונדערליך איז די ביאָגראַפיע פון אונזערע שרייבער, פּאָעטען און משוררים. אייגענטליך, איז ביי אונז, אידען, נישטאָ קיין שרייבער, ווי ביי לייטען, דאָס הייסט, נישטאָ ביי אונז אזעלכע, וואָס זאָלען זיך אָפּגעבען נאָר מיט שרייבעריי אליין; מע קאָן זאָגען, אז ביי אונז איז כמעט נישטאָ קיין איינציגער שרייבער, וואָס זאָל לעבען פון דער פען. ביי אונז שרייבט יעדער ווער עס וויל, ניט דער וואָס קען, ווארום דער וואָס קען — יענער קאָן ניט שרייבען, מחמת ער איז פערטראָגען גאָר אין עפּיס אנדערש, אין דאגות־פרנסה, ער זוכט א שטיקעל ברויט... דעריבער וואַל־גערען זיך ביי אונז אָפטמאָל טאלאנטען, וואָס געהען לאיבוד, ווע־רען פערפאלען. מע בעדאַרף נישט מיינען פון דעסטוועגען, אז ביי אונז שרייבט מען חלילה ווינציגער, ווי ביי אלע אנדערע פעל־קער; אדרבה, צווישען אידען געפינט איהר א סך, א סך אזעלכע, וואָס שרייבען און הערען ניט אויף צו שרייבען, פערגיסען טייכען טינט, פיהרען־איבער פאַפּיער און פּענעס אומ־ברחמנות, און דרוקען ביכער און ביכלעך אין די טויזענדער. נאָר

נישט פון דעם מין שרייבער וויל איך רעדען אצינד. איך רעד פון די אמת'ע טאלאנטען, וואס ליגען אין דער פערבארגעניש, וואס יאגען ניט ארויסבעווייזען זיך אויף דער אידישער וועלט און וואס מע בעדארף זיי זוכען און געפינען.

איינער פון די דאזיגע טאלאנטען איז דער פערפאסער פון „אידישע פאלקס־ליעדער“, מ. מ. ווארשאווסקי. דאס איז א נייער פארשוין, א גאסט אין אונזער פאלקסליטעראטור, און פערדיענט, מע זאל זאגען איבער איהם און איבער זיינע ליעדער עטליכע ווערטער.

מ. מ. ווארשאווסקי איז, ווי דאס רוב פון אונזערע שרייבער, א מענש א פערנומענער (ער איז א יוריסט), וואס האט נישט קיין צייט אפצוגעבען זיך מיט ליטעראטור; נאר אז ער האט א פרייע מינוט, זינגט ער זיך א אידיש ליעדעל, זיין אייגענע ארבייט, מיט א אידישער מעלאדיע, וואס ווערד ביי איהם בעשאפען אינאיינעם מיט די ווערטער. ער האט נישט אין זינען געהאט ארויסגעבען זיינע אידישע ליעדער פאר'ן פאלק, און אפילו אנשרייבען זיי אויף פאפיער, ביז עס האט זיך געמאכט, אז גאר אומגעריכט, צוריק מיט א יאהר דריי־פיער, האבען אייניגע פון זיינע בעקאנטע (און איך אויך בתוכם) דערהערט איהם זינגען און שפיעלען זיינע אידישע ליעדער — און מיר זענען אלע געוועזן אנטציקט. מיר האבען דערהערט א ניי מין געזאנג, מיר האבען דערפיהלט א פריש מין געשמאק, א בעזונדער מין זיסקייט, סאי אין די ווערטער, סאי אין דער מעלאדיע, און מיר האבען זיך צוגעזעצט צו איהם, ער זאל זיי ארויפשרייבען אויף פאפיער. — און פון יענער צייט אן קאן מען שוין הערען ווארשאווסקי'ס ליעדער זינגען אין א סך אידישע הייזער דא אין קיעוו, און אויך אין אנדערע שטעדט, וואס אין אונזער געגענד. מע זאל פערשטעהן אקוראט ווארשאווסקי'ס ליעדער, מוז מען זיי הערען זינגען, ווארום דאס זענען נישט גלאט אזוי שירים, וואס גראמען זיך — שטראם־גראם; דאס זענען ליעדער, און ליעדער פאר'ן פאלק; דאס זענען אזעלכע ליעדער, וואס

אין זיי שפּיעגעלט זיך אָפּ, ווי אין אַ לויטער וואסער, דאָס גאַנצע לעבען פונ'ם אידישען פאָלק מיט אַלע אידישע פריידען און ליידען, אידישע צרות, דער אידישער דלות, אידישע טרערען... וואַר־שאַווסקי'ס ליעדער זענען נישט נאָר קינות, קלאָגליעדער אַליין; אדרבה, מעהרסטענטהייל פון זיי זענען דוקא פריילּיכע, לעבעדיגע ליעדער, וואָס אפילו אַז זיי הויבען זיך אָן טרויעריג, מיט איין אומעטיגען מאָטיוו, לאָזען זיי זיך אָפּטמאָל אוים מיט אַ גע־לעכטער:

אַז מע צאַפּט פון מיר דאָס בלוט אַרויס
און מע מוטשעט מיך פאַמעליך,
לאַך איך מיך גוט פון מיינע שונאים אויס
און גערה מיר גאָר אַ פריילּיך!...

נאָר אַז אָך און וועה איז צום געלעכטער! אין דער גאַנצער פריילּיכקייט הערט זיך אַ געוויין, אין זיין געלעכטער הערט מען טרערען... נאָר וואַרשאַווסקי'ס העלדען האָבען פיינט בעקלאָגען זיך:

ווי פאַר'ן עמוד
זינגען זיי תמיד...

זיי זענען, צום מיינסטען, טאַקי גרויסע אָרעמע לייט, נעבאָך קבצנים, נאָר פריילּיכע קבצנים:

חאָטש איך בין מיר אָרעם אידעל
און עס דאַרט מיר גוט דער מוח,
שמחת־תורה זינג איך אַ ליעדעל
און מאַך אַ גוטע כוסה אויך!...

זיי זענען, צום מיינסטען, גרויסע בעלי־בטחון, זיי גלויבען אין גאָט און זענען מקבל באהבה אויף זיך אַלע צרות, סאַי די וואָס פונ'ם אויבערשטען, סאַי די וואָס פון מענשען, סאַי פון פרעמדע, סאַי פון אייגענע... זעלטען חאַפּט זיך אַרויס ביי איהם אַ קלאָג, אַז:

בײַ יעדען איז אַ יום־טוב דאָס שטיקעלע לעבען —
בײַ מיר איז דאָס לעבען שוואַרץ ווי די ערד...

זעלטען־זעלטען האַפּט זיך אַרויס בײַ איהם אַ געוויין: „עס זינגט זיך ניט, עס זינגט זיך ניט!"... פּערקעהרט, בײַ יעדען אומגליק, בײַ יעדער צרה שלא תבוא, פערענטפערט ער דעם רבונו־של־עולם און זאָגט דעם געוויסען „גם זו לטובה":

איך בין קראַנק, איך שפּײַ מיט בלוט,
אין בקור־חולים נעמט מען מיך ניט...
איך שטאַרב, איך געה־אויס, ווי אַ לעכט, —
שאַ! ברידער, גאָט איז גערעכט...

ער רעדט זיך אויס דאָס האַרץ, אַז אַמאָל, ניט היינט געדאַכט, איז געוועזען אַ סך — אַ סך ערגער, און ער טראָגט נישט קיין שנאה, קיין פערדראָס אויף זײַנע שונאים; אדרבה, ער וואָלט טרינקען מיט זיי „ברודערשאַפט":

טהייערע מלכה,
געזונד זאָלסט דו זײַן!
פאַר וועמען זאָל איך טרינקען
דעם דאָזיגען ווײַן? —
— — — — — — — —
איך וואָלט טרינקען פאַר מײַנע שונאים,
נאָר זאָג זיי ניט אויס!
— — — — — — — —

וואַרשאַווסקי'ס העלד איז אַ גרויסער מאַמין, און האָטש די נאַכט איז לאַנג, האָטש די נאַכט איז פינסטער, גלויבט ער פון דעסטוועגען, אַז אָט־אָט געהט־אויף די זון אין ציון; ער זעהט איהר שײַן פון דער ווײַטען, ער הערט הימעלשע געזאַנגען פון פייגעל, וואָס פליהען דאָ און דאָרט:

די הענד שוין אויפגעבונדען,
צעבראָכען ליגט די קייט...
דער גלות איז פערשוואונדען,
פערשוואונדען צער און לייד!...

וויבאַלד אזוי, איז ער דאָך גערעכט, אז ער זינגט:

וואָס זשע דאַרף מען, ברידער, אומעטיג זיין?
ס'איז איין עבירה, כלעבען, א גרויסע —
אַמעהר, טראָגט אריין איין עמער וויין,
לאָמיר מאַכען בעסער א כוסה! —
זיך מוטשען און זינגען ליעדער,
פליעסקעט, פליעסקעט, ברידער!...

— וואָס נאָך פאר א סוד ליגט אין וואַרשאַווסקי'ס ליעדער? — וואָס זיי זענען פּראָסט און עכט אידיש, נישט גע'מלאָכה'ט — און דאָס איז אמת'ע פּאָעזיע. ווען פון אונז איז נישט בעקאַנט דאָס בילד פונ'ם אידישען חדר:

אויפ'ן פריפעטשיק ברענט א פייערל
און אין שטוב איז היים,
און דער רבי לעהרענט קליינע קינדערלעך
דעם אלף-בית...

אָדער ווי געפעלען אייך, אשטייגער, „שרה און רבקה“, די צוויי שוועסטער פון „ראחמעסטריווקע“? און דאָס בריוועל פון אמעריקא, וואָס א זוהן שרייבט צו זיין מאמע און גיט איהר אָפּ א גרוס פון יעדען בעזונדער: פון לאה'ניון און פון דבורה'לען, וואָס ווייזט מיט'ן גרויסען פינגער אויף דער באבעניו'ס פּאָטרעט:

און מיין שענער יונג מיין סאָני
אַרבייט, גאָלדענע האָט ער הענט!
משה'לע זאָגט שוין „מודה אני“,
רחל'ען וואָלסט דו ניט דערקענט...

אַט אַזוי זינגען זיך אידישע, באמת אידישע פאָלקסליעדער! אויך די שפּראַך פון וואַרשאַווסקי׳ס ליעדער איז די אמת׳ע פאָלקס־שפּראַך, אַ פּראָסטע אידישע קאַפּאָטע, נישט געקינצעלט, נישט פערדייטשערט. פונקט אַזוי ווי מע רעדט ביי אונז אין אונזער געגענד.* איך בין רעכט איבערצייגט, אַז עס וועט גאָר נישט לאַנג געדויערן און וואַרשאַווסקי׳ס „אידישע פאָלקסליעדער" ווע־לען ווערען ביי אונז באמת פאָלקסליעדער, וואָס מע וועט זיי קאָנען הערען זינגען אומעדום, אין יעדער אידישער שטוב, דאָרט וואו מע הערט נאָך אַמאָל אַ אידיש וואָרט, דאָרט וואו מע שעמט זיך נישט מיט אונזער אָרעמער אידישער פאָלקסשפּראַך, וואָס מע רופט זי „זשאַרגאָן"...

אויגוסט 1900, קיעוו.

* מיר בעטען ביי די, וואָס די אויסשפּראַך איז ביי זיי אַ ליטווישע, זיי זאָלען מוחל זיין וואַרשאַווסקי׳ן די גראַמען: „וואונדער — קינדער, מוטער — ביטער, בלוט — גיט, צו — פריה, זים — פוס", וכדומה אַזעלכע פערזען, וואָס פאַר׳ן ליטווישען לעזער קומען זיי אויס פריקרע. דערפאַר זענען מיר מוחל די ליטווישע שרייבער זייערע גראַמען: „שונאים — פנים", ווייל „פנים" לייענט זיך ביי זיי ווי ביי אונז „שונאים", אָדער די גראַמען: „אויך — גיך", ווייל „אויך" לייענט זיך ביי זיי „עך" און „גיך" — „געך"... אויך די מאָס פון די פערזען איז ביי וואַרשאַווסקי׳ן נישט אויסגעהאַלטען אומעדום גלייך, ווייל ער געהט מיט דעם גאַנג, אַז אין ליעדער איז נישט די מאָס דער עיקר; ער בויעט זיינע ליעדער אויף דער אָרט, ווי עס האָט געשריבען גאָלדפאַדען, וועלכען ער שעצט גאַנץ הויך אַלס פאָלקסדיכטער און האַלט זיין שרייבען פאַר אַ מוסטער ביי׳ם צונויפלעגען פאָלקסליעדער אין זשאַרגאָן.

ב.

די געשיכטע פון ווארשאַווסקי'ס ליעדער.

(צו דער צווייטער אויפלאַגע).

דאָס איז געווען מיט א יאָהר פיערצעהן־פופצעהן צוריק. אין א געשפּרעך מיט א געשוואוירענעם אדוואָקאט אין קיעוו (מ. מ—ר) דערצעהלט מיר דער דאָזיגער אדוואָקאט א מעשה, אז יענע וואָך איז ער געפאָהרען מיט זיינעם א קאָלעגא, אויך א גע־שוואוירענער אדוואָקאט, מ. מ. ווארשאַווסקי, פון קיעוו קיין וואַ־סילקאָוו אין געריכט אריין, האָט איהם אָט דער ווארשאַווסקי דעם גאַנצען וועג געזונגען אידישע ליעדלעך אין „זשארגאָן“, נאָר אזעלכע, וואָס ציעגעהען זיך ממש אין אלע איברים. בעזונדער איז איהם פערבליבען אין טעם א ליעדעל, וואָס הויבט זיך אן מיט די ווערטער:

„אוי, מאַכט האַנצי בולקעס!
אוי, באַקט זי בייגעל!“...

— וועמענ'ס ליעדלעך זענען דאָס? וואו קריגט מען זיי און וואו זענען זיי געדרוקט?

— זיינע אייגענע ליעדלעך, אין ערגיץ ניט געדרוקט. ער אליין מאַכט די ליעדער, ער אליין בעשאַפט די מוזיק צו זיי און ער אליין זינגט זיי — אלסדינג אליין.

— סטייטש, וואָס־זשע שווייגט איהר? גיט איהם אהערצוצו, אַט דעם פויגעל!

און ס'איז געבליבען, אז אין א פרייען טאָג ברענגט ער מיר איהם צו פיהרען.

דער נאָמען וואַרשאַווסקי איז מיר געווען בעקאַנט פון לאַנג אין קיעוו. דאָס איז געווען אַ געשוואָוירענער אַדוואָקאַט, אַ טיפּ פון יענעם מין געשוואָוירענע אַדוואָקאַטען, וואָס האָבּען ניט קיין שטערען, קנאַקען ניט, לאָזען זיך ניט הערען אויף דער וועלט, זיצען זיך שטיל אין זייער קאַבינעט, קוקען לאַנג־לאַנג אַרוים אויף אַ קליענט, נאָר אַז דער קליענט איז געקומען, איז ער שוין זיכער, אַז ער האָט געטראָפען ניט צו קיין אַדוואָקאַט, וואָס קוקט איהם אין דער האַנד אַריין און שאַצט איהם די קעשענע, נאָר צו אַ פריינד, צו אַ ברודער, וואָס וועט איהם אויסהערען ווי אַ פריינד און בעהאַנדלען ווי אַ ברודער.

פערשטעהט זיך, אַז אַזעלכע מענשען פלאָגען זיך זייער גאַנץ לעבען, פיהרען אַ ביטערע מלחמה, קומען קוים־קוים אוים מיט'ן שטיקעל ברויט און ווערען געעלטערט פאַר דער צייט.

אויף וואַרשאַווסקי'ן איז דאָס אָבער געווען שווער צו דער־קענען. דאָס איז געווען אַ פאַרשוין אַ לעבעדיגער, איין אמת'ער כתריליק — איין אָרעמס און אַ פרייליכס, און צווישען חברה געשוואָוירענע אַדוואָקאַטען — די נשמה. קיין אָבענד, קיין יום־טוב, קיין קערמעשעל איז זיך ניט בעגאַנגען אָהן מאַרק מאַרקאָ־וויטשען. וואָרום מאַרק מאַרקאָוויטש וואַרשאַווסקי האָט געהאַט אַ בעזונדערען טאַלאַנט אויף צו פרייליך מאַכען דעם עולם מיט זיינע אויסגעצייכענטע הומאָריסטישע עקספּראָמטען אין ריימען, וואָס ער האָט אייך געקאָנט, ווען איהר ווילט, צוטראַכטען צו יעדען איינציגען נאָמען, און מיט דער בעסטער כאַראַקטעריסטיק אָפּשילדערען אייך אַ מענשען אין דריי־פיער ווערטער.

קופּערניק מיט זיינע גלענצענדע רעדעס און וואַרשאַווסקי מיט זיינע עקספּראָמטען־קופּלעטען האָבען גע'שמ'ט אין שטאָדט, און ביידע זענען געווען געליעבט אין אַלע אינטעליגענטישע קרייזען פון קיעווער ראַיאָן. נאָר אַז דער זעלביגער וואַרשאַווסקי קאָן אויך אידישע ליעדלעך מאַכען אין „זשאַרגאָן“ — דאָס איז מיר

אפילו אויף די געדאַנקען נישט געקומען. מע קאָן זיך דעריבער פאָרשטעלען, מיט וואָס פאַר אַ נייגיעריגקייט איך האָב אַרויסגע־קוקט אויף וואַרשאַווסקי'ן מיט זיינע לידעלעך.

די עטליכע טעג זענען אַריבער — מע האָט מיר געבראַכט דעם פויגעל.

אַ מענש פון אַריבער פופציג, קורצען וואוקס מיט קורציזיכ־טיגע, גאָר שמייכלענדיגע און אַ סך רעדענדיגע אויגען, גוט געפּאַקט, איין אָפּגעטראָגען רעקעל מיט אַ ביסעל אויסגעריבענע עלענ־בויגענס, איין אַלטגעזעסענער שניפּס, אַ גיך גענגעל, אַ שען קול און אַ שטאַרק הילכיגער געלעכטער — אָט דאָס איז וואַרשאַווסקי'ס פּאָרטרעט.

דער גאַסט האָט זיך לאַנג נישט געלאָזט בעטען, זיך אוועק־געזעצט צום פּאָרטעפּיאַן און גענומען זינגען און זיך אליין אַקאָמ־פּאַנירען זיינע שענע לידער מיט אַזוי פיעל הומאָר און געפיהל און מיט אַזאַ שענער, האַרציגער שטימע, אַז איך האָב איהם פּשוט אַרומגעחאַפּט קושען:

— גזלן! פאַר וואָס לאָזט איהר ניט אָפּדרוקען די דאָזיגע לידער? ווען איך זאָל ניט וויסען, אַז דאָס זענען אייערע אייגענע, וואָלט איך געמעגט שווערען, אַז איך האָב זיי אַמאָל געהערט זינגען פון מיין מאַמען!

אַזוי פיעל פאָלקסטהימליכקייט האָט זיך געפונען אין די ווער־טער און אַזוי פיעל פּראָסטקייט אין זייערע מעלאָדיעס!

דער געדאַנק פון לאָזען דרוקען די לידער איז אָבער געווען פון וואַרשאַווסקי'ן אַזוי ווייט, אַז ער האָט גאָרניט געוואָלט הערען דערפון. און דערצו האָט ער זיך מיר מודה געווען, אַז חאָטש ער האָט אַמאָל געשטודירט אין דער ראַבינער־שולע (אין זשיטאָמיר), האָט ער אידישקייט געלערענט אַזוי ווינציג און פערגעסען אַזוי

פיעל, אז ס'איז איהם שווער אפילו אנצושרייבען זיינע ליעדער אויף פאפיער.

קענען דעם האט זיך אבער געפונען א מיטעל — און מיר האבען איהם גענומען אטאקירען פון אלע זייטען אזוי לאנג, ביז מע האט ביי איהם גע'פועל'ט, ער זאל מיר דיקטירען דעם טעקסט, און פאר א מוזיקער — די נאטען, און דער ערשטער באנד ווארשאווסקי'ס ליעדער איז למזל צונויפגעשטעלט געווארען, און מע האט זיך גענומען זיי ארויסגעבען על חשבון החברה פון קיעוו.

יענע צייט איז געווען די צייט פון „ציוניזם”: ציוניסטישע אבענדען, פערזאמלונגען און דיסקוסיעס. און אזוי ווי די פערזאמלונגען זענען בעשטאנען פון סאמע הייסע דעבאטען און טרוקענע — אפטמאל אביסעל צו טרוקענע — רעדעס, האט מען זיך שטארק גענויטיגט אין א פערבייסעכטס, אין א מין קאמפאט — „פאור לא באן באוש”, ווי דער פראנצויז דריקט זיך אויס.

דער דאזיגער קאמפאט איז געווען די ערשטע צייט שלום-עליכם'ס „מעשיות”, און דערנאך איז צוגעקומען אויף ווארשאורסקי'ס ליעדער.

ס'איז כמעט ניט אוועקגעגאנגען איין אבענד, איין ציוניסטישע פערזאמלונג, מע זאל אונז ניט שלעפען פון „קרעשטשאטיק” אויף „פאדאל” און פון „פאדאל” אויף „קרעשטשאטיק”. איך האב געמוזט עפּיס פארלייענען, און ווארשאווסקי האט געמוזט עפּיס זינגען — און ניט „עפּיס” זינגען, נאר טאקי א סך זינגען! אלסדינג, וויפיעל ער האט פערמאגט, האט ער געמוזט אויסזינגען, גאר אהן א שום תירוץ, — האטש נישט מיין לייענען, נישט ווארשאווסקי'ס געזאנג האבען זיך אנגעקעהרט מיט'ן ציוניזם. ס'איז שוין אבער געווארען אזא רגילות — פערפאלען! אנגערעדט זיך ווי די פויקען און אנגעגעסען זיך מיט דעבאטען, האט מען אוועקגעשטעלט א טישעל, צונויפגערוקט די בענקלעך, אוועקגעזעצט שלום-עליכמ'ען אויבענאן, און די ערנסטע פער'עסק'טע פנימ'ער

האָבען שױן בעצײַטענס, אױף קרעדיט, געשענקט אַ שמײכעל, און ס׳איז אַרױס אױף דער סצענע כּתרילעװקע, און דער עולם האָט זיך געפֿיהלט גאַנץ יום־טוב׳דיג.

נאָר דער אמת׳ער יום־טוב האָט זיך אָנגעהױבען ערשט דער־מאָלט, אַז װאַרשאַװסקי האָט זיך אװעקגעזעצט בײַ׳ם ראָיאַל. באַלד נאָך די ערשטע צװײ־דרײַ לידער האָבען אָנגעהױבען פֿליהען בעשטעלונגען פֿון אַלע זײַטען, װי פֿון געבעטענע בעלי־בתּים אױף אַ חתונה:

— „טײַערע מאַמע״!

— „אַ גוט מאָרגען, יענקעלע״!

— „תּנחום דער טרובאַטש״!

— „די מיזינקע״! „די מיזינקע״!

— „שמחת־תּורה״! „שמחת־תּורה״!

און דער גוטער װאַרשאַװסקי, װאָס האָט ניט געװאוסט װאָס הײסט אָפּזאָגען, אַז יענער װיל, האָט אױסגעהערט אַלע בעלי־בתּים און מיט פֿערגעניגען געגעבען יעדען בעל־הבית, װאָס ער פֿערלאַנגט, נעבאָך גוט געשװיצט, גלײַך װי מע װאָלט איהם גע־צאָהלט דערפֿאַר מי יודע װיפֿיעל!

נישט אײן מאָל, געהענדיג פֿון די אסיפֿות בײַנאַכט צו־פֿוס (אױף צו בעשטעלען פֿאַר די אומזיסטע „אַרטיסטען״ אַ פֿאַיעטאָן — דערױף איז קײנער ניט געפֿאַלען), האָט ער מיר מיט זײַן הילכיגען גוטמוטהיגען געלעכטער איבערגעגעבען און בעװיזען, אַז דאָס העמד איז אױף איהם „פּיטש־נאַס״.

— האָטש אױסצודרעהען, אַ רוח אין זײַער פֿאָטער און מוטער אַרײַן, חאַ־חאַ־חאַ!

נאָר אָט איז געקומען די צײַט, ער זאָל שױן אַמאָל דערלעבען נחת אױך. עס איז אַרױס מיט גאָט׳ס הילף דער באַנד מיט לידער (לערך מיט אַ יאָהר צעהן צוריק), געדרוקט אין קיעװ

בהשתדלות פון פריינד און ציוניסטען. און מחמת די ליעדער זענען שוין געווען בעקאנט פון א סך פריהער, האט מען די ערשטע טויזענד ביכלעך צעהאפט ווי מצה־וואסער, נישט איבערגעלאזט אפילו אויף א רפואה.

מאהלט אייך, קיין גרויסע גליקען האט דער מחבר ביי דעם געשעפט ניט געקאנט מאכען. ער איז געווען גליקליך, וואס זיינע פריינד האבען געדעקט די קאסטען. א בעלן אויף ארויסצוגעבען די צווייטע אויפלאגע האט זיך עפים ניט געפונען. א קונה, וואס זאל בעצאהלען דערפאר דעם „מחבר" עטליכע הונדערטער במזומן — אודאי ניט (פאר זשארגאנישע ליעדלעך מזומן געלד?). אליין ארויסגעבען דאס ביכעל — האט ווארשאווסקי ניט פערמאגט קיינמאל אזא גרויסען קאפּיטאל. סיידען מיט דער צייט, אז דער אויבערשטער וועט רחמנות האבען?... גאט, אז ער וויל, קאן ער!...

דערפאר האט ער אבער געהאט כבוד — א יובילײ!

איך מאך ניט קיין שפּאס: מיר האבען איהם געפּראוועט א יובילײ.

אזוי האט דאס טאקי געהייסען: „דער אנדערהאלבען־יאה־ריגער יובל פון ווארשאווסקי'ס ליעדער".

דאס האט בעדארפט הייסען: אזוי ווי אנדערהאלבען יאהר האבען זיך ווארשאווסקי'ס ליעדער בהשתדלות פון פריינד און ציוניסטען געדרוקט און זענען מיט גאט'ס הילף אין א גוטער שעה ארויס פון דרוק — איז א גוט יום־טוב אייך, אידען!

דעם יובל האט מען „געפייערט" טאקי ביי מיר אין שטוב. פורים איז דאס געווען (אויב איך האב קיין טעות ניט), נאך דער סעודה.

א יום־טוב איז דאס געווען דוקא א פריילעכער, מיט טאסטען און מיט רעדעס.

סאמע אין מיטען יום־טוב האבען זיך ארייננעריסען א בינטעל קיעווער סטודענטען, יונגע לייט ווארעמע, היציגע, אידיש בלוט,

און מע האט געמאכט א כוסה, און מע האט געהויבען א טאסט, און מע האט גערעדט א רעדעניש, און מע האט געלויבט דעם מחבר אין טאג אריין, געבענשט איהם מיט'ן נאמען: „דער אידי־שער בעראנזשע“, און מע האט געחאפט א רקוד'על מיט'ן בעל־היובל און מיט'ן בעל־הבית, און מע האט געטאנצט און מע האט געזונגען — חי־געלעבט!

ווי נאר ס'איז אויספערקויפט געווארען דאס ביכעל, איז דער נאמען פון ווארשאווסקי'ס ליעדער גיך געווארען מפורסם נישט נאר אין קיעוו און ארום קיעוו, נאר וויט־וויט איבער'ן גאנצען לאנד איז כמעט נישט געווען די אידישע שטוב, וואו מע זאל נים וויסען צו זינגען דעם „אלף־בית“. און דער קול, אז דער פער־פאסער אליין זינגט זיינע ליעדער פאר'ן עולם אין קיעוו, האט דערגרייכט אויך אין אנדערע שטעדט, און מיר האבען ביידע אנ־געהויבען בעקומען זעהר פריינדליכע איינלאדונגען פון א סך גרויסע און קליינע שטעדט, מיר זאלען קומען לוסטיג מאכען דעם עולם — איך מיט מיינע „מעשיות“, ווארשאווסקי מיט זיינע „ליעדלעך“... אז דאס לעבען איז ליעב, איז די וועלט הפקר!

דאס איז געווען די גליקליכסטע צייט, קאן מען זאגען, דער באמע פריהלינג פון ווארשאווסקי'ס לעבען. איך געדענק אזוי ווי היינט דעם חשבון, וואס ער האט מיר געמאכט פון אונזער ער־שטען טורנע איבער'ן לאנד.

— צו למ"ד אלפים! — האט ער מיר געזאגט מיט זיין הילכיגען געלעכטער. — צו למ"ד אלפים דארף אונז איבערבלייבען ריינע, א רוח אין זייער פאטער און מוטער אריין!

— און דערנאך וועלען מיר אריבערשווימען דעם ים — האט ער געגומען פאנטאזירען ווייטער — און מאכען א רייזע איבער אמעריקא, און דארטען וועלען מיר איבערקעהרען די וועלט!...

נאר דער וועלט איז, אפנים, בעשערט געווען, זי זאל נים איבערגעקעהרט ווערען. ווארום פון אונזער גאנצער נסיעה און

נאך אלע איינלאדונגען זענען מיר דערוויילע געווען נאר אין צוויי סאמע נאהענטע שטעדט: אין ביעלאצערקאוו און בארדיטשעוו — און וועה-וועה, וואס ס'האט זיך געטהאן! עס האבען געשוויצט די ווענד! עס האט געקאפעט פון דער סטעליע! א דערשטיקעניש!

אמת, צו למ"ד אלפים איז נאך געווען גענוג ווייט („למד" איז געווען, נאר די „אלפים" האבען געפעהלט). מיר האבען אבער געהאט פאר זיך א גאנצע וועלט. שוין געווען צוגעגרייט פאר אונז איין אבענד אין יעקאטערינאסלאוו, און פון דארטען האבען מיר בעדארפט פערפאהרען קיין אדעס, און וויטער, און נאך וויטער. האט זיך גאט אריינגעמישט און ס'האט זיך געטראפען א מעשה:

געקומען קיין יעקאטערינאסלאוו, האב איך געפונען א דעפעש בסך-הכל פון דריי ווערטער:

„ווארשאווסקי געפעהרליך קראנק"...

און ווען טרעפט זיך אזא זאך? וועט איהר הארכען, ס'איז כדאי צו וויסען.

כל ימיו האט זיך ווארשאווסקי נעבאך געראנגעלט מיט'ן דלות, ווי איין אמת'ער העלד, חלילה ניט ארויסבעוויזען קיינעם, אז ער און זיין פאמיליע (א ווייב און א טאכטער) ליידען נויט. נאר גראד אויף דער עלטער, שוין צו עטליכע און פופציג יאהר, געפעלט עפּיס איין אייזען-קאמפאניע פון דאנער באססיין, חלילה ניט קיין אידען, נאר בעלגיער, כריסטען, מע זאל אראפּברענגען צו זיך אין דער קאנטאר, אין יעקאטערינאסלאווער גובערניע, אלס פּראקוריסט, איין אנשטענדיגען, איין ארענטליכען יוריסט פון קיעוו, ער מעג זיין א איד. און וואו קאן מען קריגען א מעהר אנשטענדיגען און מעהר ארענטליכען מאן, ווי מ. מ. ווארשאווסקי?

און אט אזוי איז אונזער ווארשאווסקי פּלוצים מיט א מאל נתגדל געווארען, בעקומען א שטעלע פון שענע עטליכע טויזענד

רובעל אַ יאָהר געהאַלט, מיט אַ דירה, מיט אַלעם גרייטען, מיט אַ פאַיעטאָן און מיט פערד — אז מע שמועסט פון כל טוב!

וואָס טהוט גאָט? זאָגט ער, אז אָנשטענדיגע און עהרליכע לייט דאַרף ער אַליין האָבען. און וואַרשאַווסקי לעגט זיך אַוועק, מוטשעט זיך פריהער אַפּ העבער אַ יאָהר אין אונמענשליכע ליידען — און דער אידישער בעראַנזשע שטאַרבט אַוועק עלענד און פערגעסען פון דער גאַנצער וועלט און לאָזט איבער אַ פאַמיליע אָהן שום מיטלען צום לעבען.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

וואַרשאַווסקי איז געשטאָרבען, און זיינע ליעדער האָבען אָנגעהויבען ווערען וואָס ווייטער אַלץ מעהר פּאָפּולער אינ'ם אידישען פאָלק, ביי אונז, אין דער „טשערטאַ", און אויך ווייט־ווייט, הינטער דער „טשערטאַ". נישט נאָר ביי אונז, נאָר אין אויסלאַנד, אין אַמעריקאַ און נאָך ווייטער פון אַמריקאַ אויך.

אויף אַלע אידישע קאָנצערטען טרעטען־ארויס קינסטלער, וואָס זינגען אויסגעצייכענט וואַרשאַווסקי'ס ליעדער, נאָר דער אַנטיק דערביי איז, וואָס ביי די ליעדער און אויף די אַפּישען ווערד זעהר זעלטען (כמעט קיינמאָל נִיט) דערמאַנט דער נאָמען וואַרשאַווסקי.

נאָך מעהר: נישט לאַנג איז מיינער אַ חבר, אַ אידישער שרייבער פון וואַרשאַ, געווען אין אדעס אויף אַ אידישען קאָנצערט און איז נתפעל געוואָרען, ווי אזוי איי אַרטיסטין האָט געזונגען אַ אידיש „פאָלקסליעד":

שטאַרקער! שטאַרקער!
רייסט די סטרונעס, רייסט אויף צוויי —
די מיזינקע אויסגעגעבען!"

ביי דעם אידישען שרייבער איז וואַרשאַווסקי'ס ליעד אַ „פאָלקסליעד". און דער נאָמען וואַרשאַווסקי איז ניט דערמאַנט ביי איהם!

ווער ווייסט? אפשר איז דאָס א מעלה? אפשר איז דאָס א אידעאַל, וואָס יעדער פּערפאַסער מעג זיך ווינשען אזא פּאָפּולאַריטעט צו דערגרייכען?

מע זאָגט, אז דאָס ליעד „לאָרעליי", וואָס אַלע קענען, ווייסען ניט אַלע, אז דער מחבר פון דעם איז היינע.

דער נאָמען פון יענעם פראַנצויז, וואָס האָט בעשאַפען די „מאַרסעליעזא", ווייסט אודאי איינער פון טויזענד, אָדער פון צעהנטויזענד, אז ער איז רוזשע דע־ליל.

אָדער א סך ציוניסטען ווייסען נפתלי הערץ אימבער, דעם, וואָס האָט געמאַכט דעם „עוד לא אבדה תקותנו"?

בעת איך האָב געשריבען מיין הקדמה צו דער ערשטער אויפלאַגע פון וואַרשאַווסקי'ס ליעדער, האָט זיך מיר פערוואָלט זאָגען נביאות, אז ס'וועט ניט נעמען קיין סך צייט און וואַרשאַווסקי'ס ליעדער וועלען ווערען עכטע פאָלקס־מאָטיווען, געזונגען פון פאָלק בכל תפוצות ישראל.

איך האָב ניט געוואוסט, אז מיין נביאות וועט גרייכען אזוי ווייט, אז די דאָזיגע ליעדער וועלען ווערען אזוי פאָלקסטהימליך, אז זיי וועלען טאַקי קענען אַלע, לאַנג־לאַנג, כל זמן עס וועט געזונגען ווערען א אידיש ליעד, נאָר דעם פערפאַסער וועלען ניט אַלע קענען, און דער נאָמען וואַרשאַווסקי וועט פערגעסען ווערען, גלייך ווי ס'איז גאָר קיינמאָל אויף דער וועלט קיין וואַרשאַווסקי ניט געוועזען...

נערווי, 20טען פעברואַר, 1914.

אַ וואָך מיט י. ל. פּרץ

געשריבען אין יאָהר 1915

אַ וואָך מיט י. ל. פּרץ

פאַראיאָהרען פּסח איז דאָס געוועזען.

נאָך אַ שווערער שלאַפקייט און נאָך אַ לאַנגער קוראַציע אין די וואַרעמע לענדער, בין איך געקומען קיין וואַרשא. אַ סך פריינד און גוטע פריינד האָבען מיך אָפּגעוואַרט אויפ'ן באַהנהויף, און צווישען אַלע פּרץ און דינעזאָהן.

ווער עס האָט געקענט פּרץ'ען, האָט זיך גאַרנישט געקענט פאָרשטעלען פּרץ'ען אָהן דינעזאָהנ'ען. אַ ריהרענדע חבר'שאַפט! אַ מאָדנע ליעבשאַפט! און ניט פון נעכטען איז דאָס געוועזען, און ניט פון פאַראיאָהרען. נאָך מיט אַכט און צוואַנציג יאָהר צוריק, אַז איך האָב געהאַלטען ביי אַרויסגעבען מיין ערשטעס יאָהרבוך „די אידישע פאָלקסביבליאָטהעק" און פּרץ האָט מיר צוגעשיקט קיין קיעוו זיין באַלאַדע „מאָניש", איז תיכף נאָך פּרץ'עס בריעף אָנגעלאָפען אַ בריוועל פון וואַרשא, פון דינעזאָהן, וואו ער פרעגט זיך נאָך אויף דעם „אויפגעהענגען שטערן", און אַז איך האָב איהם געענטפערט, אַז איך בין פון דער באַלאַדע ענטציקט און אַז דער אויטאָר שיינט צו זיין אַ גרויסער טאַלאַנט, איז קיין מעהר גליקליכער פון דעם דינעזאָהן אויף דער וועלט ניט געוועזען. ער, דינעזאָהן, ניט פּרץ, האָט מיר שוין צוגעשיקט נאָכדעם אַ גאַנצע „טעטראַד" מיט קליינע ערצעהלונגען פון י. ל. פּרץ, פון וועלכע ס'איז גרינג געוועזען אויסצוקלויבען און אָפּצודרוקען אַזעלכע זאַכען, ווי דער „חלעמער מלמד", „וועגוס און שולמית" און דעסגלייכען. פון דעמאָלט אָן און ווייטער איז אַלץ, וואָס פּרץ האָט אַרויסגעוואָרפען (איך וועל שפּעטער זאָגען פאַר וואָס איך בענוץ דאָס וואָרט „אַרויסגעוואָרפען"), איז דאָס געגאַנגען דורך דינעזאָהנ'ס הענד.

אַז דינעזאָהן איז געוועזען זיין ביזנעס-סעקרעטער, ווי עס הייסט ביי אייך, אָדער פינאַנץ-מיניסטער, ווי מיר האָבען איהם, בדרך

ליצנות, געריפען — פון דעם איז אָפּגערעדט, וואָרום אין געלד־זאכען איז פּרץ געווען, לויט דינעזאָהנ׳ס אָפּשאַצונג, ערגער פון א קינד, א קינד, וואָס דאַרף האָבען א מאַמע. און אין דינעזאָהנ׳ען האָט פּרץ געפונען א מאַמע, א געטרייע, איבערגעגעבענע מאַמע, וואָס איז גרייט געווען זיך מוסר־נפש זיין פאר איהם אַלע מינוט. און גאָט זאָל אייך היטען זאָגען א שלעכט וואָרט וועגען פּרץ׳ען אין דינעזאָהנ׳ס געגענוואָרט! און ניט נאָר זאָגען — טראַכטען שלעכטס וועגען פּרץ׳ען האָט שוין געהייסען א בעלעדיגונג, א פער־שוועכונג. די וואַרשאווער לצים אפילו האָבען זיך געוויצעלט איבער דעם, און דינעזאָהן האָט געוואוסט, אַז לצים וויצלען זיך, און האָט זיך געמאַכט דערפון: „דערויף זענען זיי לצים, זיי זאָלען זיך וויצלען“. ער האָט געטהאָן זיין זאַך באמונה, נישט געלאָזט קיין שטויב זאָל אויף איהם פאַלען. און טאָמער האָט ער געזעהען ביי עמיצען א שענס, און טאָמער האָט איהר איהם דערצעהלט עפּיס א גוטע זאַך, האָט ער זיך באַלד דערמאָנט, אַז ביי פּרץ׳ען איז א סך בעסער. עס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז בשעת פּרץ איז פערגאַנגען מיט א נייער זאַך, האָט מען דאָס געקאָנט ארויס־זעהן אויף דינעזאָהנ׳ס פּנים, און אַז פּרץ האָט די נייע זאַך אָנ־געשריבען, האָט דינעזאָהנ׳ס פּנים געשיינט ווי די זון.

די בעסטע אילוסטראַציע דערצו איז א בריעף פון פאר־צוויי־יאָהרען. די ערשטע העלפט איז פון י. ל. פּרץ, די אַנדערע העלפט פון יעקב דינעזאָהן, וואָס קוועלט אָן פון זיין ליעבען, טייערען פּרץ, און, ווי א פערליעבטע מוטער, האָט ער איבערגעצעהלט אפילו די שורות — גאַנצע זעכס שורות מיט א האַלבע — „א גבורה פון א אידען!“...

אָט האָט איהר דעם בריעף:

„12—1, 1913.

„ליעבער, ליעבער שלום־עליכם,

איך בין בטבע א פיינד פון בריעף־שרייבען. אָבער דיין צו־שריפט צו דינעזאָהנ׳ס בריעף האָט מיך שרעקליך געריהרט. וואָס

זאָל איך דיר אָבער שרייבען? איך לעז אַלץ וואָס דו שרייבסט, אפילו וועגען אונזער בעקאַנטען פ... איך לעז און בעוואונדער... און וואָלט זעהר געוואָלט, דו זאָלסט געזונד ווערען. זיי געזונד!

דיין, י. ל. פּרץ".

„וואָס זאָגט איהר, אפשר ניט א גבורה פון א אידען? גאַנצע זעכס א האַלב שורות אויפשרייבען, שוין מיט דער אונטערשריפט! און גלויבט מיר, ליעבער שלום עליכם, ווער עס קען פּרצ'ען ווייסט, אַז דאָס איז באמת זיך אָנגעטהאָן א כח פון זיין זייט. געדענקט זשע, זעהט וואָס גיכער פאַלקאָם געזונד צו ווערען. האָפט און ווילט אין גיכען צו אונז אין ווארשא צו קומען. עס האַלט ביי'ם געבוירען ווערען ביי מיר א פּלאַן. מיר, דאָס איז טייטש: איהר, פּרץ און איך, זאָלען מיר פאָהרען קיין ארץ־ישראל, א קוק טהון, א טראַכט טהון און א דערצעהל טהון פון דאָרט אַלץ, וואָס מיר וועלען מיט אונזערע אויגען דאָרט זעהען בחוש און מיט'ן האַרצען דורכפיהלען, טרעטענדיג אויף די ערד, פון וועלכער מיר שטאַמען, אין וועלכער עס זענען בעהאַלטען אַלע אונזערע גייסטיגע וואָרצלען, און צו וועלכער אונזערע תפילות און האָפנונגען זענען געווענדעט.

איך בעט אייך, ווערט באַלד געזונד! חוץ אַלץ וויל איך גלאַט אַזוי אויך ניט, איהר זאָלט קראַנק זיין — טאָ זייט־זשע בעסער געזונד, האָטש מיר און פּרצ'ען צוליעב. אונז טהוט וועה, אַז איהר שרייט נעבאך פון יסורים. אונז קלעהמט דאָס האַרץ, אַז מיר דערמאָנען זיך, ווי איהר פיהלט אייך אַצינד, דעריבער ווילען מיר, דעריבער בעטען מיר אייך, טהוט אונז צוליעב און ווערט טאַקי באַלד באמת געזונד און שטאַרק.

דאָס האַרץ אונזערס בעט אויך גאָט א רפואה שלמה פאַר אייך, פאַר אייער פרוי און ליעבע טהייערע קינדער. צום גיכען זעהען זיך געזונדערהייט,

אייער י. דינעזאָהן."

ווי איהר זעהט פונ'ם בריעף, איז נאָר איין וואונש געווען ביי זיי ביידע — איך זאָל זיין געזונד. דאָס פאָהרען מיט זיי אין דרייען אין ארץ־ישראל — דאָס, דאַרף מען פערשטעהן, איז געווען מעהר ניט אַז אַ לעקאַכעל, ווי מע זאָגט צו אַ קראַנק קינד. דער עיקר — איך זאָל געזונד ווערען — „האָטש מיר און פּרצ'ען צוליעב"... און איך האָב זיי צוליעב געטהאָן — און בין געזונד געוואָרען און געקומען צו פאָהרען אויף די אַנדערע טעג פּסח קיין וואַרשאַ און אַריינגעפאַלען אין די ברייטע געזונדע אָרעמס פון דעם ריעז י. ל. פּרץ און אין די קליינע דאַרע הענטלעך פונ'ם קליינ־טשיקען גוטינקען אייביג־פערליעבטען יעקב דינעזאָהן — און מיט די צוויי האָבען מיר זיך שוין ניט געשיידט אַ וואָך כסדר. ווי אַרום אַ ציטעריג קינד, זענען זיי די גאַנצע צייט אַרומגעגאַנגען אַרום מיר, געהיט, איך זאָל מיך, חס ושלום, ניט פערקיהלען. אַזוי ווייט, אַז אויפ'ן רעספּשאָן, וואָס דער „הזמיר" האָט מיר געגעבען (פּרץ איז געווען דער פּרעזידענט פון „הזמיר"), האָט פּרץ ניט געלאָזט מיך זיצען מעהר ווי עטליכע מינוט, חאָטש ער אַליין איז געווען דער רעדנער פון מיין כבוד וועגען, — און וועל־כער רעדנער וויל עס ניט, מע זאָל איהם הערען?... ס'איז אָבער געווען ענג און הייס. „א ו ן ד ע ה א י ז ב י י א ו נ ז א צ י ט ע ר י ג ע ר, א י י ן א פּ ג ע ש ר י ג ע נ ע ר" — אַזוי האָט גע'טענה'ט פּרץ, אָנווייזענדיג אויף מיר מיט אמת'ער ליעב־שאַפט פון איין עלטערען ברודער.

איך שטרייך־אונטער די דאָזיגע ווערטער מיט אַ בעזונדער כונה, ווייל ווער עס האָט געקענט פּרצ'ען פּערזענליך, דער ווייסט, אַז ער איז געווען ווייט פון סענטימענטען, פּונקט דער היפּך פון זיין מאַמע דינעזאָהן, וועלכער איז אַ מאַמע צו אַלע שריפטשטעלער, צו די עלטערע ווי צו די אינגערע. פּרץ איז געווען צייטענווייז קאַלט ווי אייז, שטרענג ווי אַ רבי און שניידענד ווי אַ מעסער. „שטיוועל פּוצען!" — האָט ער געקאָנט געבען אַ שנייד־אָפּ אַ יונג אַ גראַפאָמאַנמאַכער, וואָס איז געקומען צו איהם מיט אַ „בינטעל

פּאָעזיע", אַזוי אַז יענער האָט נישט געוואוסט וואו אַ טהיר עפענט זיך. און צוריק, האָט ער אָנגעשמעקט, אַז ס'איז דאָ אַ טאַלאַנט — האָט ער איהם אויפגעהויבען ביז צום הימעל און האָט אָנגעזאָגט דורך דיגעזאָהגען אַ בשורה אין שטאָדט, אַז ס'איז געבוירען גע־וואָרען ביי אידען אַ שעקספּיער, אַ ישעיה הנביא, אַ משיח! משיח!... איך מיין, אַז איך האָב קיין טעות ניט, אַז דאָס ערשטע ווערק, וואָס שלום אַש האָט אָנגעשריבען, איז דורכגעגאַנגען פערביי פּרצ'עס אויגען, און אַז פּרץ איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט געזאָגט אויף שלום אַש, אַז ער איז ש ל ו ם א ש...

דאָס אייגענע איז געווען אויך מיט אַנדערע, מיט די יונגערע. און פערשטעהט זיך, אַז ער האָט אָפטמאָל געהאַט אַ מיאוס'ען טעות אויך. נישט אַלע פּורים איז יום טוב, און נישט אַלע תמיד ווערד געבוירען אַ שלום אַש. פּרץ האָט זיך אָבער ווינציג־וואָס געקימערט פון אַזעלכע זאַכען — אויסגעלאַכט זיך און פערגעסען. פּרץ איז בכלל געווען אַ נאַטור, וואָס האָט פיינט געהאַט קליינ־ליכקייטען. אַ ברייט ווארעם האַרץ, אַ קאָלאָסאַלער קאָפּ, אַ מענש אַ ריעז — אָט דאָס איז געווען דער איינדרוק, וואָס ער האָט געמאַכט; און דער עיקר — אַ פּקח, מיט אויגען פון אַ תלמיד־חכם, טיעפע, בליצענדיגע, גרויסע אויגען, אַ ברייטער בליצענדיגער קוק און אַ מויל, וואָס פּערלט, געדאַנקען, וואָס ברויזען, זעצען ווי פון אַ קוואַל, און ווערטער אַזעלכע שענע און אַזעלכע געפליגעלטע, אַז ס'איז נאָר געווען אַ וואונדער, פון וואַנען נעמען זיך צו אונזער אַזוי־גערופענער „אָרעמער שפּראַך" אַזוי פיעל פיינע קייל־עכיגע פערלדיגע ווערטער?

איך האָב געקענט פּרצ'ען אַ סך מיט יאָהרען, נאָר איך האָב איהם קיינמאָל ניט געזעהן אַזוי פריש און בליהענד און גלענצענד, ווי פאַר־אַ־יאָהרען פּסח, אין דער וואָך, וואָס מיר האָבען פער־בראַכט אינאיינעם. גלייך ווי דאָס האַרץ האָט איהם געזאָגט, אַז דאָס איז אונזער לעצטע וואָך, האָט ער זיך צו מיר בעזונדערס צוגעלאָזט, גענומען אַ בעזונדערען אינטערעס אין מיר און אַנט־

פלעקט פאַר מיר זיין האַרץ, די קדשי־קדשים פון זיין נשמה, גע־רעדט פון נייע שאַפונגען... וואָס מיך האָט איבעראַשט — איז די גלייכגילטיגקייט, מיט וועלכער ער האָט אויסגעהערט מיין קריטיק איבער זיינע מיסטישע פּאָעמען אין דער לעצטער צייט. איך האָב איהם גאַנץ אויפריכטיג אַרויסגעזאָגט מיין מיינונג וועגען דער „גאָלדענער קייט"; איך האָב איהם געזאָגט, אַז איך וועל אוועקגעבען צעהן „גאָלדענע קייטען" פאַר איין מעשה׳לע פון זיינע „פאָלקסטהימליכע געשיכטען". האָט ער זיך אויפגעהאַפּט מיט אַ געשמאַקען הילכיגען געלעכטער: „חאַ־חאַ־חאַ — דינעזאָהן זאָגט אויך דאָס אייגענע!"

דאָס איז די „גאָלדענע קייט", וועלכע פּרץ האָט עטליכע מאָל איבערגעניצעוועט — גאַרנישט פּרץ׳עס טבע. פּרץ האָט פּיינט געהאַט, ווי, למשל, דער זיידע מענדעלי, זאָל מאַריך ימים זיין, אַז ער שרייבט־אָן אַ זאַך, צאַצקעט ער זיך מיט דעם, פּיילט דאָס און פּוצט דאָס איבער עטליכע מאָל, איידער ער לאָזט דאָס אַרויס פון האַנד, און אַז ער לאָזט דאָס אַרויס, ציטערט ער איבער דעם, ווי איבער אַ טייער קינד, שפּיגעלט זיך אין דעם, זוכט חסרונות, גלעט דאָס אויס נאָך אַ מאָל — אַזוי שאַפט דער זיידע מענדעלי און אַזוי שאַפען אייניגע פון זיינע אייניקלעך... נאָר ניט אַזוי האָט געשאַפען פּרץ. מיט איין אונגעהייערער שנעליגקייט, אַבי ס׳איז איהם נאָר געקומען דער רוח־הקודש, האָט ער אַרויסגעוואָרפען איין נאָוועלע נאָך דער אַנדערער, און צום ערשטען זענען זיי, פערשטעהט זיך, דורכגעלייענט געוואָרען פאַר יעקב דינעזאָהן, און יעקב דינעזאָהן האָט געפונען, אַז אַזעלכעס איז גאָך נישט דאַ געוועזען. דאָס האָט ער שוין פערשפּאַרט זאָגען. דאָס האָט מען שוין געקאָנט זעהן אין זיינע אויגען.

גאָרנישט קוקענדיג דערויף, וואָס איך האָב מיך אַזוי וואַכעדיג אויסגעדריקט וועגען זיין ליעבלינג די „גאָלדענע קייט", האָט זיך פּרץ גאַנץ אָפענהערציג מודה געווען פאַר מיר, אַז ער האַלט, אַז דאָס איז די בעסטע פון אַלע זיינע שאַפונגען, און אַז ער וועט

דאָס, מיר און דינעזאָהנגען אויף־צו־להכעיס, איבעראַרבייטען נאָך א מאָל, ביז עס וועט אַרויס א כלי שלמה. און תוך־כדי־דבור איז ער אַריבערגעשפּרונגען אויף מיר און אויף מיינע אַרבייט מיט אַזוי פיעל וואַרעמקייט און אינטערעס, גלייך ווי ער וואָלט גערעדט פון זיינע אייגענע אַרבייט, און מיט פרייד גערעדט וועגען מיין ערפאָלג, גלייך ווי וועגען זיין אייגענעם ערפאָלג.

איך וויל דענקען, אַז דעם אייגענעם אינטערעס האָט פּרץ געהאַט אין אַנדערע שריפטשטעלער, וועלכע זענען געווען נאָהענט צו זיין האַרצען. און עס קאָן גאָר אַנדערש ניט זיין, וואָרום אויב מיר, שריפטשטעלער, זענען א משפּחה, וואָס בעשטעהט פון טאַטע און מאַמע, שוועסטער און ברידער, פאַר וואָס זאָלען מיר זיין ערגער פון אַלע אַנדערע משפּחות? וואו שטעהט עס, אַז מיר, שריפטשטעלער, בעדאַרפען זיין ענגהערציג, קוקען איינס אויף דאָס אַנדערע, ווי אויף „קאָנקורענטען“ פון פערשיעדענע לאַגערען?...

אָט האָט איהר נאָך א בריעף פון פּרץ'ען, פון וועלכען ס'איז צו זעהן, ווי א שריפטשטעלער אינטערעסירט זיך מיט די ווערק פון א צווייטען און וויל, אַז יענעמ'ס שריפטען זאָלען ערשיינען וואָס שענער (עס האָט זיך אונטערהאַנדעלט וועגען איין אויסגאַבע פון אַלע מיינע ווערק אין אילוסטראַציעס):

„ליעבער שלום־עליכם,

איך האָב געהערט, אַז איהר ווילט אַרויסגעבען אייערע זאַכען אילוסטרירט, און אַז מען פּראָפּייניערט אייך דעם יונגען קראַטקע צו דער אַרבייט. און אַזוי ווי איך וואָלט זעהר געוואָלט זעהן אייערע זאַכען אילוסטרירט און האָב דערביי אמונה אינ'ם טאַלאַנט פון יונגען קראַטקע, על כן שרייב איך אייך מיין דעה און עצה, אַז איהר זאָלט מיט קראַטקע ענדיגען.

אייער י. ל. פּרץ.“

מע דאַרף נישט פערגעסען, אַז פּרץ האָט צו יענער צייט אַליין געהאַט אַזעלכע צוועלף בענדער פון זיינע ווערק, און דאָך

האָט איהם געפּרעהט צו זעהן דעם ערפאָלג פון זיין חבר'ס ווערק, און מיט'ן גאַנצען הארצען געווינשט, אז דער ערפאָלג זאָל זיין נאָך בעסער, גאָר נישט מורא געהאט פאר קאָנקורענץ... „דיין ערפאָלג איז אונזער אַלעמען'ס שטאָלץ" — האָט ער צו מיר געזאָגט אין א מינוט פון השתפכות־הנפש. אין אזעלכע מינוטען האָט פּרץ ליעב געהאט, ווי איהר זעהט פון זיין ערשטען בריעף, אריבערצו־געהן פון „איהר" אויף „דו". דאָס זענען געווען די בעסטע מינוטען ביי פּרץ'ען...

די וואָך פון פסח איז אוועקגעגאַנגען, ווי עס געהען אוועק אַלע וואָכען פון א גאַנץ יאָהר, און טאַקי ווידער א מאָל, ווי דאָס הארץ האָט איהם געזאָגט, איז פּרץ נישט אָפּגעטראָטען פון מיר און צוזאַמען מיט דינעזאָהנען האָבען מיר אויסגעמאָסטען ווארשא אין דער לענג און אין דער ברייט, זיך אינדרייען געפּאָטאָגראַפיערט, גע'חלומ'ט פון אידיש טהעאַטער, פון ליטעראַטור, געבויעט פּלענער און לופט־שלעסער, ווי גאָר אין די יונגע יאָהרען — ווער האָט דעמאָלט געקאָנט זאָגען, אז דאָס וועט זיין ביי מיר די לעצטע וואָך מיט פּרץ'ען?...

װעגן פרישמאַן׳ס יובילעאום

געשריבען אין יאָהר 1913

װעגען פרישמאַן׳ס יובילעאום

מע זיצט זיך אין דעם שענעם פרייען שװייצערלאַנד, אונטער די בלויע הימלען, אויף די הויכע מיט שניי־בעדעקטע אַלפּענבערג, װייט פון דער ליעבער היים, אָפּגעריסען פון אייגענע און פון היימישע, און מע הערט נישט אַ אידיש װאָרט. נאָר דער גוטער גאָט פערלאָזט נישט און גוטע מענשען פערגעסען נישט און שיקען צו צייטונגען פון גאָר דער װעלט און פון כל המינים; לייענט מען זיך אָן און מע הערט זיך אָן צרות פון דער היים, צרות צרורות אויף אידען, מיט גזירות רעות, מיט רדיפות, מיט אַנגסטען, מיט באָיקאָט, מיט געװיינען, װעלכע קיינער װיל נִיט הערען, מיט טרערען, װעלכע קיינער װיל נִיט זעהען — און פּלוצים לייען איך אַ נייעס: אַ יובילעאום! אין װאַרשאַ, װי אויך אין אַנדערע שטעדט, קלויבט מען זיך צו פייערען אַ יובילעאום פון איינעם פון אונזערע גרעסטע און פון אונזערע בעסטע און פון אונזערע שענסטע — פון דוד פרישמאַן — און עס װערד אויף אַ װיילע ליכטיג אין די אויגען, פריי אויף דער נשמה, גרינג אויפ׳ן הארצען.

און אָט פאַר װאָס: מיר זענען דאָך עפּיס אידען אויף דער װעלט, און אידען זענען דאָך עפּיס אַנדערש פון אַלע פעלקער. אַלסדינג, װאָס אַלע פעלקער האָבען, האָבען מיר, ברוך־השם, נִיט. האָבען מיר נישט קיין באָדען, קאָנען מיר נִיט שטעלען קיין דענק־מאָלען אונזערע גדולים. נישטאָ װאו. האָבען מיר נישט קיין מעצענאַטען, קיין ליעבהאָבער מיט פולע קעשענים, קיין אייגענע גאָבעלס, קאָנען מיר נישט אַרויסקוקען, אַז עמיצער פון אונזערע בעסטע זאָל בעעהרט װערען אַמאָל מיט אַ בכבוד׳ען פּרייז. האָבען

מיר נישט קיין אַקאַדעמיע פון אונשטערבליכע, קאָנען מיר נישט ערוואַרטען, אַז עמיצער זאָל ביי אונז פּרעטענדירען אויף אונשטערבליכקייט. דאָס איינציגע, וואָס ביי אונז איז נאָך דאָ, איז — אַ יובילעאום. אַ יובילעאום איז, להבדיל, אַ מפטיר. נישטאָ קיין אַנדערע כבודים פאַר אידען. נישטאָ קיין עמטליכע אויסצייכענישען, קיין גרויפשטיינענישען, קיין אויפהויבענישען, קיין מעדאַליען, קיין אייבלען — איז פערבליבען ביי אונז מפטיר אין שוהל, אָדער דער ערשטער פּסוק פון „אתה הראית", אָדער סנדקאָ אויף אַ ברית, און פאַר אונז אידישע שריפטשטעלער — אַ יובילעאום. עס קאָן זיין, אַז פילאָזאָפיש גענומען, אויפ'ן שטייגער פון קהלת, איז אַלסדינג בלאָטע שבבלאָטע, נאָר כל־זמן אַ מענש לעבט — און לעבט נישט צוליעב דעם, וואָס ער עסט און וועט נאָך עסען און עסען, — איז אונזער חוב, מיט וואָס מיר קאָנען און ווי וויים מיר קאָנען, אַרויסבעווייזען אַזאַ מענשען, און דוקא ביי זיין לעבען, נישט נאָכ'ן טוידט, אַז מיר אָנערקענען, אַז ער האָט געלעבט נים אומזיסט. און אַרויסבעווייזען קאָנען מיר עס נאָר — דורך אַ יובילעאום.

דאָס איז, וואָס ס'איז שייך צום יובילאַר אַליין. אַ יובילעאום האָט אָבער נאָך אַ בעדייטונג פאַר אונז גופא, אפשר נאָך מעהר ווי פאַר'ן בעל־היובל. איך רעד נים פון חברים שריפטשטעלער (קנאת סופרים תרבה חכמה), איך רעד פון גרויסען פּובליקום. פונ'ם לעזער רעד איך. אַז מיר פייערען עמיצענ'ס אַ יובילעאום, עפענען מיר אויף זיין ספר־הזכרונות, פיהרען־אונטער אַ סך־הכל צו אַלסדינג, וואָס ער האָט געטהאָן, גערעדט אָדער געשריבען, צעגליעדערען עס און שאַצען עס אָפּ נאָך אונזער אויג און פערשטאַנד. און דערמיט בעקאָנען מיר אַ וועלט נישט נאָר מיט די ווערק פון דעם און דעם שריפטשטעלער אַליין, נאָר מיט זיין פיזיאָנאָמיע אַלס מענש און אַלס שרייבער, נישט וואַרטענדיג ביז ער וועט אַמאָל צומאַכען איין אויג און מיר וועלען זיך צעגיסען דערנאָך אין הספדים און געקראַכצען, וועלכע זענען שטענדיג, פון זינט די

וועלט שטעהט, שטאַרק איבערטריבען, אַז פלוני בן פלוני איז געווען אַזוינער און אַזוינער... אָט דאָס איז, נאָך מיין מיינונג, די בעדייטונג פון אַ יובילעאום. און אויב עמיצער פון אונזערע בעריהמטע האָט פערדיענט אַ יובילעאום, האָט דאָס אַם מעהרסטען און אַם כשר׳סטען פערדיענט — דוד פרישמאַן.

דוד פרישמאַן איז איין אָריגינעלע פערזענליכקייט אין אונזער ליטעראַטור. אָריגינעל איז ער דערמיט, וואָס אומעדום און אַלע מאָל, אין יעדער עפּאָכע, ווען ער האָט זיך בעוויזען, האָט ער זיך בעוויזען מיט עפּיס אַזעלכעס, וואָס איז נייע און אייגענאַרטיג און וואָס מאַכט אַ רושם און וואָס טראָגט אויף זיך, וואָלט איך זאָגען, דאָס שטעמפּעל „פרישמאַן". שוין דער ערשטער אַרויסטריט זיינער אין דער העברעאישער ליטעראַטור, גאָר אין דער יוגענד, אַלס קריטיקער מיט זיין „תהו ובהו", איז געווען אַ דונער־קלאַפּ פאַר אַ גאַנצען דור פון מחברים. דאָס איז ניט געווען קיין געוועהנליכע בעל־הבתישע קריטיק, ווי עס פלעגט זיך פיהרען פאַרצייטען, נאָר אַ קאַנאָנאַדע פון אַ יונגען לעבעדיגען אַפּיצער, וואָס האָט אָנגענורט די לענדען און האָט זיך אַרויסגעריסען מלחמה־האַלטען מיט שוואַכינקע, קליינינקע, נישט בעוואָפּענטע מענשעלעך, וואָס זענען געפאַלען תחת חרב, ממש ווי די פליענען נעבאַך, — עס איז געווען אַ גאָט׳ס רחמנות צו קוקען.

פערשטעהט זיך, אַז פרישמאַן, וועלכער צעהלט שוין איצט מסתמא ניט איין גרויע האָר, קוקט איצט אודאי מיט אַ פערביסען שמייכעל אויף דעם דאָזיגען ביכעלע, ווי אויף אַ פּראָדוקט פון די יונגע יאָהרען, ווי אויף אַ קונדס׳ערייט. דאָס דאָזיגע קונדס׳ערייט אָבער — איך זאָג עס נאָך מיין אייגענעם ערפאַהרען — האָט געמאַכט אַ שטאַרקען איינדרוק נישט נאָר אויף די מחברים, נאָר אויך אויף דעם „קהל הקוראים", און געהאַט אַ בעזונדערע ווירקונג אויף אונז, דעמאָלט נאָך גאָר יונגע, קינפּטיגע שרייבער.

די דאָזיגע ווירקונג האָט פרישמאַן נישט אויפגעהערט צו פערשפּרייטען אויך שפּעטער אויף׳ן יונגען דור מיט זיין אויסגע־

צייכענטער געשליפענער שפּראַך, איך וואָלט זאָגען, פרישמאַנ'ס העברעאישער שפּראַך. פרישמאַנ'ס העברעאישע שפּראַך איז איין אייגענטימליך העברעאיש. די „נאַטור־געשיכטע” פון בערנשטיין, למשל, אין פרישמאַנ'ס איבערזעצונג, איז אַ מייסטערווערק, אויף וועלכע אַ סך יונגע־לייט האָבען זיך געלערענט — אויסער וויסענשאַפט — שרייבען העברעאיש. אַ גאַנצע רייהע פון פרישמאַנ'ס פעליעטאָנען אין דעם העברעאישען „היום” און אין אַנדערע העברעאישע צייטונגען האָבען בעשאַפען אַ בעזונדערען סטיל, פרישמאַנ'ס סטיל. און נישט נאָר אין דער שפּראַך און אינ'ם סטיל איז פרישמאַן געווען ניי. ער איז געווען ניי אויך אינ'ם שאַפען. מיט זיינע „אותיות פורחות” האָט ער געוויזען אַ נייעם דרך, אַז מע דאַרף ניט שרייבען דוקא קיין לאַנגע מעשיות, וואָס זאָלען זיך ציהען ווי דער גלות, און אַז מע קאָן אין קורצינקע, גאָר קורצינקע מעשה'לעך און נאָוועלען זאָגען אַמאָל מעהר, ווי אין אַ גרויסער לאַנגוויילינער געשיכטע. און אויב פרישמאַנ'ס פּראָזע איז ניי, אייגענאַרטיג, אויסגעפיינט און אָפּגעקירצט, איז זיין פּאָעזיע אויסגעהאַקט פון שטיין, פון אײדעלשטיינער, געפיילט און געשליפען מייסטעריש. עפּיס פיהלט זיך אַ געניטע האַנד פון אַ געניטען מייסטער נאָך גאָר אין די ערשטע זיינע דיכטונגען. און מיר דאַכט, אַז פרישמאַן איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט אָפּגעזאָגט זיך פון די י"א תנועות און אריינגעטראָגען די נייע מעטריק אין דער פּאָעזיע פון אונזער ליטעראַטור. (דער גרויסער ביאַליק איז אודאי נאָך דעמאָלט געווען אין דער ישיבה און נאָך געשלייפט זיך דעם קאָפּ איבער אַ שטיקעל מהרש"א).

אָט די אַלע איינענשאַפטען, די פיינקייט פון דער שפּראַך, די אָריגינאַליטעט פונ'ם סטיל, הן אין פּראָזע והן אין פּאָעזיע, האָט פרישמאַן אריבערגעטראָגען פון דער העברעאישער אין אונזער אידישער פאָלקס־ליטעראַטור, אין אונזער אידיש לשון. און דאָס איז געווען מיט אַ יאָהר פינף־און־צוואַנציג צוריק, און איך האָב מורא, אויב נישט איך בין געווען דער ערשטער, וואָס האָט מטמא

געוועזן פרישמאַנ'ען דעם העברעאיסט, ארויפגעפיהרט, ער זאָל איינטונקען די פעדער אין אונזער אידיש טינטורעל און פרובען געבען אַ שרייב, ווי מע האָט דאָס גאָך דעמאָלט גערופען, „אויף זשארגאָן". און פרישמאַן האָט איינגעטונקט די פעדער און גע־געבען אַ שרייב „אויף זשארגאָן" — און ס'איז ארויס די בע־ריהמטע פּאָעמאַ „אופיר" (אינ'ם ערשטען בוך פון דער „אידישער פאָלקס־ביבליאָטעק", ארויסגעגעבען פון מיר אין קיעוו אין די יאָהרען 1887 און 1888). אָנגעהויבען שרייבען אויף אידיש, איז פרישמאַן צוגעטראָטען צו דעם נישט ווי יענע מיוחסים די העב־רעאישע שרייבערס, וואָס האָבען געטהאָן דער וועלט אַ טובה און האָבען זיך אַראָפּגעלאָזט צו דער שפחה, צו דער דיענסט־מויד (ווי די מייסטע פון זיי האָבען דעמאָלט אָנגערופען דעם „זשארגאָן"), נאָר ווי איין אמת'ער אריסטאָקראַט האָט ער צונע־צוינגען צו זיך דאָס פאָלק און גענומען רעדען מיט איהם אַ פיין, נאָר אַ פערשטענדליך, אידיש, אַ ריינע, איינפאַכע, נאָר אַ פערעל־דיגע שפּראַך.

פון דעמאָלט אָן איז אָפּגעלאָפען אַ סך וואַסערען. דער „זשארגאָן" איז געוואָרען אויס זשארגאָן, נאָר „אידיש", און ס'איז אויסגעוואַכסען אַ אידישע ליטעראַטור, אין וועלכער פרישמאַן פער־נעמט, דאַנקען גאָט, זעהר אַ בכבוד'יג אָרט, גאַנץ אויבען־אָן, אַלס דיכטער, קריטיקער, אַלס זשורנאַליסט און אַלס פעליעטאָניסט, — נאָר פון יענעם מין פעליעטאָניסט, וואָס יעדער זשורנאַל האַלט זיי לכבוד שבת און לכבוד יום־טוב. וואָרום פרישמאַן אַלס פעליעטאָ־ניסט איז נישט דער לץ, דער פּלוידערזאַק, וואָס קומט אַלע טאָג אַ קיצעל טהון דעם עולם. פרישמאַנ'ס פעליעטאָן איז דער פּראָ־דוקט פונ'ם אייראָפּעאישען געשמאַק, פון דער אייראָפּעאישער עסטעטיק, דורכגעזייט דורך אידישען געלעכטער און אידישע טרע־רען — דער עכטער אידישער הומאָר. פרישמאַנ'ס וויטץ איז ווייט פון בית־המדרש, נאָר עכט אידיש, טיעף, שאַרף און שטעכעדיג, נאָר פיין; בייסענדיג, נאָר איידעל; שניידענדיג, נאָר מיט כבוד...

פרישמאַנ׳ס אַ פעליעטאָן לכבוד שבת איז אַליין אַ שטיק שבת, פרישמאַנ׳ס אַ ליעד איז אַ „זמר לכבוד יום־טוב״. אַלסדינג איז דורכגעוועבט מיט אידישער פילאָזאָפיע. אַלסדינג איז דורכגע־קנעטען מיט אידישע טרערען און מיט אידישען געלעכטער, און אויף אַלץ שוועבט דער אידישער גייסט. אַלץ איז עכט נאַציאָ־נאַליסטיש, און אַלץ איז שטענדיג אייגענאַרטיג, טיפּיש, איך וואָלט געזאָגט פרישמאַניש. פרישמאַן איז פון דעם מין פעליעטאָניסטען, וואָס אַז איהר בעקומט דאָס ערב־שבת׳דיגע בלאַט, קעהרט איהר איבער די ערשטע זייט, חאַפּט אַ קוק פון אונטען אויף דער צוויי־טער זייט, אויף דער דריטער זייט, דערזעהט איהר איין אונטער־שריפט: ד. פרישמאַן — ווייסט איהר שוין פריהער, אַז איהר וועט דאָרטען געפינען אי דעם וויטץ, אי דאָס לעצטע וואָרט פון דער צייט, אי דעם אידישען קרעכץ, אי דעם אידישען איינפאַל. — און דאָס אַלסדינג אין דער אייגענאַרטיגער פרישמאַנ׳ס לייכטער, גלאַטער, פיינער שפּראַך, וואָס לייענט זיך ווי אַ וואַסער. איהר זענט זיכער, אַז איהר וועט דאָרטען געפינען וואָס צום דענקען און וואָס צום לאַכען, און חאָטש דאָס וועט זיך בייסען און חאָטש דאָס וועט אייך אפשר אָנרייהרען, אַלס מענש און אַלס איד, סאַמע דאָרט, וואו סע טהוט וועה, נאָר איהר וועט הנאה האָבען און איהר וועט וועלען לייענען נאָך און נאָך. אָט דאָס איז דוד פרישמאַן. אָט דאָס איז דער כח פון דעם, וואָס איז צו גלייכער צייט אַ טאַלענט און אַ דיכטער און אַ עסטעט און אַ הומאָריסט, אַ אייראָפּעאיש געבילדעטער מאַן און דערצו נאָך אַ תלמיד־חכם, פאַר וועלכען אַ איד האָט פון תמיד אָן דרך־ארץ.

איך בין איבערצייגט, אַז פרישמאַנ׳ס יובילעאום וועט זיין אַ יום־טוב נישט נאָר פאַר דער אינטעליגענץ, נאָר אויך פאַר די ברייטע מאַסען פון אונזער פאָלק, וועלכע האָבען שוין אָנגעהויבען צו אונטערשיידען פון אַ שרייבער צו אַ שרייבער, אין וועלכער עס האָט זיך אָנגעהויבען אויסאַרבייטען אַ ליטעראַרישער גע־שמאַק — און דאָס איז דער פערדיענסט פון אַזעלכע שריפט־

שטעלער, ווי פרישמאַן, און אין דעם פערדיענסט האָט פרישמאַן אויב נישט דעם גרעסטען חלק. איך בין איבערצייגט, אַז ניט נאָר אין די גרויסע צענטרען, נאָר אין אַלע אידישע שטעדט און שטעדטלעך, וואו אַ אידיש וואָרט ווערד געלייענט און אָפּגעשאַצט, וועט פרישמאַנ׳ס יובילעאום ארויסרופען אַ גרויסען אינטערעס און וועט איבערגעהן אומעדום פייערליך און גלענצענד, נישט קוקענדיג דערויף, וואָס מיר לעבען איבער אַ שטיקעל ביטערע צייט. איך בין איבערצייגט, אַז די אינטעליגענץ און דאָס פאָלק וועלען זעהען דעם טאָג פונ׳ם דאָזיגען יובילעאום אויסצייכענען אויפ׳ן פיינסטען אַרט, ווי עס פּאַסט פאַר אַזאַ פערדיענטען און בעליעבטען יובילאַר, ווי דוד פרישמאַן. איך בין איבערצייגט אויך אין דעם, אַז דער גרויסער סקעפּטיקער, דער בעל־היובל אַליין, שמייכעלט דאָרט ערגיץ אין דער שטיל, מאַכט זיך דערפון: „אידישע יובילעאומס.... אידישער כבוד“... הערט איהם ניט! נעמט איהם, דעם חתן דנן, זעצט איהם אוועק אויבען־אָן, און פייערט איהם אַ יובילעאום, אַ גרויסאַרטיגען, אַ וואַרעמען יובילעאום, ווי ער האָט דאָס כשר פערדיענט! פייערט איהם אַ יובילעאום, ס׳זאָל רעש׳ען, ס׳זאָל זיך לאָזען הערען אויף דער וועלט און ס׳זאָל זיין אַ כבוד סײַ פאַר׳ן שריפטשטעלער, סײַ פאַר די לעזער!

לאָזאַנאַ (שווייץ), ערב 1913.

פרישמאַן צו־גאַסט ביי שלום־עליכם

אַ פּאָר עס זאַדלעך.

געשריבען אין יאָהר 1914

פרישמאַן צו־גאַסט בײַ שלום־עליכם

דאָס איז געװען שױן לאַנג, גאַנץ לאַנג: מיר בײדע, ניט איך, ניט פרישמאַן, האָבן נאָך אפילו נישט גע׳חלום׳ט פון יובי־לעאומס...

פערזענליך האָבן מיר זיך נישט געקענט. נאָר גוטע פרײנד זענען מיר געװעזן, אוהבים נאמנים, געשריבן זיך אײנס דאָס אנדערע בריװלעך, „ידידי־יקירי־בריװלעך", און געצװיגען, געצװיגען אײנס צו דאָס אַנדערע, װי ס׳איז גאַנץ נאַטירליך בײ יונגע שרײ־בערס.

נאָר װי קומט די קאַץ איבער׳ן װאַסער, אז מען איז צעריסען — אײנער אין קיעװ, דער אַנדערער אין װאַרשאַ — אַ פּאַלג מיך אַ גאַנג!

נאָר ס׳איז אַ תירוץ? — אוהבים נאמנים!...

בקיצור — פרישמאַן איז געקומען קײן קיעװ צו־גאַסט צו שלום־עליכם׳ען.

געקומען פרישמאַן!

פערשטעהט זיך, ארױסגעפאָהרען אױפ׳ן װאָקזאַל בעגעגענען פרישמאַנען, געבראַכט פרישמאַנען גלײך צו זיך אהײם, איהם אָפּגעטראָטען אַ גאַנצען אַפּאַרטאַמענט — גוטע צײטען געװען, זײ װעלען זיך שױן ניט אומקעהרען מעהר...

ווי אזוי מע האָט פערבראַכט די צייט — בעדאַרפט איהר גישט פרעגען.ביידע געווען יונג, ביידע פריש, ביידע פריילי̃ך און ביידען האָט געשפּאַרט — לאַכען האָט זיך געוואָלט, לאַכען!

איך וועל ניט דערצעהלען פון די געלעכטערען, וואָס זענען געווען אין שטוב, אין גאַס, אין טהעאַטער. דאָס זענען געווען אָפּ־שניצלעך פון צוויי קונדסים, וואָס האָבען זיך לאַנג־לאַנג געצויגען איינס צו דאָס אַנדערע, און גאָט האָט זיי געהאָלפען — חברה האָבען זיך „צונויפגעסקאָמפּאַניעט". ער האָט געשריבען פּאַראָ־דיעס אויף זיך אַליין אינ׳ם געשטאַלט פון „אופיר":

„גאָלד און זילבער און בארליאַנטען" — און מע האָט געלאַכט.

מען איז געגאַנגען אין גאַס און מע האָט געקאָפּירט בעקאַנטע פּארשוינען — געוויינטליך, ליטעראַטען — און מע האָט געלאַכט.

מען איז געקומען אין טהעאַטער, אין דער אָפּערא, גאַנץ אויבען־אָן אין אַ לאַזשע־בענואר, האָט זיך דער גאַסט אוועקגע־זעצט דווקא מיט׳ן פּנים צו דער טיר און אָפּגעזעסען אַזוי אַלע פיער אַקטען — און מע האָט געלאַכט.

געווען גוטע יאָהרען — זיי וועלען זיך שוין ניט אומקעהרען מעהר, און ניט פון דעם וויל איך אייך דערצעהלען.

איך וועל אייך דערצעהלען נאָר אַ פּאָר עפּיזאָדלעך פון יענער צייט.

עפּיזאָדעל נומער איינס.

ווי באַלד פרישמאַן איז געקומען, נאָך אויפ׳ן וואָקזאַל, האָט ער אויסגענומען מיט מיר אַ תנאי: אינקאָגניטאָ — די „חכמי קיעוו" דאַרפען נישט וויסען, אַז ער איז פרישמאַן.

די „חכמי קיעוו" — דאָס איז געווען אַ בינטעל אידישע שריי־בער, צווישען זיי גאַנץ בעריהמטע; צווישען זיי אויך גאַנץ קליי־ניטשקע.

דאָרט זענען געווען: משה אהרן שאַצקעס, יהל״ל, יצחק יעקב ווייסבערג, דובזעוויטש, דאַרעווסקי — און נאָך גאָר־גאָר קליינינטשקע.

דער גרעסטער טייל פון זיי פלעגען זיין ביי מיר אָפטע געסט, און פון זיי האָט זיך עס פרישמאַן דווקא געוואָלט אויסבעהאַלטען.

וואָס זשע טהוט גאָט? — טראָגט עס אָן איינעם פון זיי צו מיר אַקוראַט דעמאָלט, ווען פרישמאַן זיצט, און עס ווערד אַ שמועס — געוויינטליך, וועגען ליטעראַטור, און, געוויינטליך, וועגען קריטיקער, „אונזערע קריטיקער״; און אונזערע קריטיקער — דאָס איז געווען פרישמאַן, און נאָך אַ מאָל פרישמאַן, און ווידער אַ מאָל פרישמאַן.

איך געדענק שוין נישט אַקוראַט, צי פרישמאַן האָט שטאַרק אַנגעריהרט ערגיץ אין אַ פעליעטאָן אָט דעם נפש, צי נישט שטאַרק, צי גלאַט אין אַ בריעף איהם אָנגעריהרט דעם כבוד, — נאָר וואָס דער פּאַרשוין האָט אויסגערעדט אויף דעם פרישמאַנען! אַש האָט ער פון איהם געמאַכט! עפר ואפר! מיט דער בלאָטע גלייך! נאָר נישט שייך צו זאָגען! פרישמאַן האָט זיך נאָכגעפרעגט אויף פרישמאַנען, און יענער האָט נישט אויפגעהערט צו שיטען פעך און שוועבעל אויף פרישמאַנען!

נאָך מעהר קוניץ: מיר דאַכט, אַז אָט דער איד האָט מיט אַ קורצער צייט פריהער פאַר דעם, אָדער אין דער זעלביגער צייט טאַקי, געהאַט געשריבען צום זעלבינען פרישמאַנען „לכבוד־בריוו־לעך״ מיט אַזעלכע טיטלען און מיט אַזוינע קאָמפּלימענטען, אַז ביי׳ם גרעסטען עניו קאָן זיך דער קאָפּ פערדרעהען!... די געלעכטערען, וואָס זענען דעמאָלט געווען אין קיעוו נאָכדעם, ווי דער נפש איז אַוועק, האָט מען בעדאַרפט הערען, מיין איך, אין וואַרשאַ!

נאָר איך האָב מורא, אַז נאָך אַזאַ שוויץ־באַד איז דאָס געווען פרישמאַן׳ס לעצטער „אינקאָגניטאָ״...

עפיזאָדעל נומער צוויי.

„מחברים״ פלעגען אָפּט, זעהר אָפּט קומען צו מיר אין שטוב.

איך רעד פון דעם מין „מחברים״, וואָס שרייבען און שריי־בען און קיינער דרוקט זיי ניט.

איינער אזא מחבר האָט זיך מיר אמאָל געקלאָגט אויף צעדער־בוים׳ען: „וואָס איז דאָס פאר א מין רעדאקטאָר, אָט דער צע־דערבוים? וואָס איך שרייב איהם און שרייב, און ער דרוקט ניט! איך שרייב — און ער דרוקט ניט!״...

א ראָמאַן האָט ער געבראַכט צו פיהרען. פון א קליין שטעד־טעל אין פּאָלטאַווער גובערניע, און וויל צוויי זאַכען: ערשטענס, מיר ביידע, איך און פרישמאַן, זאָלען איהם איבערלייענען פון אָנהויב ביז׳ן סוף.

דאָס הייסט, ניט חלילה מיר זאָלען לייענען. ניין! לייענען וועט ער, און מיר׳ן איהם האָרכען.

איז איין מאָל אוועק. והשנית — מיר זאָלען איהם דרוקען. דאָס הייסט, ניט דעם מחבר — דעם ראָמאַן זאָלען מיר דרוקען.

ווי אזוי מיר ווילען — אין א צייטונג, א זשורנאַל, א בוך — ס׳אַהרט איהם ניט וואו, אבי דרוקען.

ער וויל זעהר, אז זיין ראָמאַן זאָל זיין געדרוקט.

הכלל, וואָס טהוט מען דאָ? דאַרף מען זיך אוועקזעצען, הייסט עס, און האָרכען, ווי ער וועט לייענען.

פעררויכערט צו ציגאַרען, אוועקגעזעצט זיך גאַנץ בעקוועם אין וויענ־שטוהלען, דעם מחבר — אויבען־אָן ביי׳ם טיש מיט׳ן פּעקעל כתבים — א חיבש פּעקעל: דריי גרויסע גראָבע געדיכטע „טעטראַדען״, ביכער!

ניין, איך וועל אייך ניט דערצעהלען וואָס דער מחבר האָט אונז געלייענט.

דאָס איז געווען אַ ראָמאַן „אין דריי ט־ילען", אויפ'ן שניט פון שמ"ר, בעזאַלצען מיט הומאָר און בעפעפערט מיט „סאַטי־ ריקאַ"...

נאָר דער גאַנצער אַנטיק האָט געשטעקט אין דעם, ווי אַזוי דער מחבר האָט געלייענט זיין ווערק, ווי אַזוי ער האָט בעטאָנט, געקוועטשט, בע'טעמ'ט איטליכס וואָרט בעזונדער, געמאַכט מיט די הענד און מיט אַלע איברים, אָנגעקוואָלען, געשעפּט תענוג, ממש געוואַכסען פאַר נחת, אליין געלעקט פון זיך די פינגער, ווי אַזוי אַ מענש קאָן נעמען און אַזעלכעס אָנשרייבען מיט אַ פּראָס־ טער פען, מיט שווארצער טינט אויף ווייס פּאַפּיער!...

בעדאַרף מען אייך נאָך דערצעהלען, וואָס פון אונז ביידען איז געוואָרען, אַז מיר האָבען נאָך די ערשטע עטליכע פראַזען געגעבען אַ קוק איינס אויף דאָס אַנדערע? ברוין און בלוי און אַלערליי קאָלירען — נאָך אַ מינוט, און מיר וואָלטען געווען אָדער דערשטיקט געוואָרען אויפ'ן אָרט, אָדער געפּלאַצט אויף שטיק־ שטיקלעך!

אַ גליק, וואָס דער געלעכטער, וועלכען מיר האָבען אַ היבשע צייט געהאַלטען פערשטיקט אין זיך, האָט זיך דורכגעשלאָגען אַ וועג דורך דער נאָז און איז אַרויס לאויר העולם.

דער ערשטער האָט געפּלאַצט פרישמאַן — און אוי־וועה, ווי איך האָב געציטערט פאַר איהם, טאָמער דערזעהט דער מחבר, אַ קשיא אויף אַ מעשה, און חאַפּט אַ „טעטראַד" פון זיינע „טעט־ ראדען" און גיט איהם איבער'ן קאָפּ און פלעט פרישמאַנ'ען דעם מח! אַ גראָשען איז ביי מיר ניט ווערטה געווען דעמאָלט פריש־ מאַנ'ס לעבען!

און שטעלט אייך פאַר אַ הצלחה פון אַ מענשען! — דער מחבר האָט אונז דערזעהען לאַכען, האָט ער זיך אַליין אויך צע־ לאַכט!

ער איז געווען זיכער, אַז דאָס האָט אויף אונז געווירקט די זאַלץ פון זיין הומאָר און דער פעפער פון זיין „סאַטיריקאַ".

פּלוצים האַפּט זיך אויף פרישמאַן:

— גענוג!

מע דאַרף ניט לייענען מעהר. ס'איז אַזוי גוט, אַז מע פאַר־שפּאָרט שוין גאָר לייענען ווייטער.

— אַלזאָ, יונגערמאַן, וואָס ווילט איהר?

— איך וויל, מיין ראָמאַן זאָל זיין געדרוקט, און ווייטער גאָר נישט... און געלט — איז וויפיעל איהר וועט זאָגען...

דערזעהען, אַז דער יונגערמאַן בענוגענט זיך ניט מיט כבוד אַליין — ער וויל נאָך געלד אויך, האָט אונז אַנגענומען אַ חשק, נעמען דעם יונגענמאַן צו דער אַרביים.

תחילת — דאָס איז געווען פרישמאַנ'ס איינפאַל (איין איינ־פאַל פון אַ גאון!) — בעדאַרף מען וויסען די ווערטה פונ'ם ווערק — און דאָס לאָזט זיך נים אָפּשאַצען, סיידען מע זאָל וויסען די וואָג, וויפיעל עס וועגט.

און דאָס איז ניט שווער צו דערגעהן. מע נעמט און מע לעגט דאָס אַוועק אויף אַ וואָג, דאָס הייסט (און דאָס איז אויך געווען פרישמאַנ'ס זשעניאַלער איינפאַל!), מע לעגט אַוועק אויף איין שאָל דאָס ווערק און אויף דער אַנדערער לעגט מען אַוועק גע־וויכט, וועט מען דעמאָלט וויסען אַקוראַט.

און מע האָט זיך ניט געפוילט און מען איז געגאַנגען אין אַ קלייט, וואו ס'איז דאָ אַ וואָג, און מע האָט אָפּגעוועגען דאָס ווערק: דריי פונט מיט דריי פערטעל — קיין עין הרע ניט!

אַצינד איז געבליבען נאָר איין זאַך: דער מקח?

— מה יקר? ווי טייער זאָל מען רעכענען אַ פונט?

ווייל דער יונגערמאַן בשום אופן ניט זאָגען וויפיעל.

— וויפיעל איהר'ט זאָגען, אַזוי וועט זיין גוט.

איז געבליבען ביי אונז, אַז צוויי הונדערט רובעל דער פונט.

— געננג?

דער יונגערמאַן, וואָס איז שוין בלאו הכי געוועז אויפ'ן זיעבעטען הימעל, האָט אַ זאָג געגעבען:

— עס מעג זיין הונדערט רובעל אַ פונט, איז אויך גענוג.

האָט זיך אָבער פרישמאַן אָוועקגעשטעלט איין מאָל פאַר אַלע מאָל: צוויי הונדערט רובעל — ס'איז ווערטה מעהר!

דער מחבר אונזערער איז שיער ניט צעשמאָלצען געוואָרען פאַר תענוג:

— שאַ! מילא! אַז איהר האָט זיך איינגעשפּאַרט צוויי הונדערט, זאָל זיין צוויי הונדערט.

— וויפיעל זשע, הייסט עס, האַפּט דאָס אויס אַרום און אַרום?

און פרישמאַן האָט אָנגעזאָטעלט די נאָז מיט'ן פענסנע מיט גרויס מאַטערניש (עס האַלט זיך ניט אויף פרישמאַנ'ס נאָז קיין פענסנע!), און אַלע דריי האָבען גענומען אַריינקוקען אין חשבון אַריין — עס טרעפט אָן אַקוראַט 750 רובעל, ווי אַ גראָשען אַ ביינעל!

דער יונגערמאַן האָט זיך שוין גענומען גלעטען דאָס בערדעל און וואַרטען.

מיר האָבען אויך געוואַרט.

— נו?...

— נו־נו?...

— אדרבה?...

— אדרבה ואדרבה?...

און אָט דאָ האָט זיך אַרויסבעוויזען דער גאַנצער טעות: דער יונגערמאַן האָט געמיינט, אַז מיר דאַרפען איהם צאָהלען צוויי הונדערטער פאַר אַ פונט, און מיר האָבען געמיינט, אַז דער יונגערמאַן זאָל אונז צאָהלען די צוויי הונדערטער אַ פונט!

איז דער יונגערמאַן געפאַלען אויף אַ המצאה:

— ווייסט איהר גאָר וואָס? איכ'ל אייך ניט צאָהלען, איהר'ט מיר ניט צאָהלען — נאָט אייך מיין ווערק און דרוקט עס אָפּעט!

האָבען מיר זיך אָבער אָוועקגעשטעלט: ניין! דאָס וועט ניט געהן! פון זינט די וועלט שטעהט איז אַ מנהג, אַז פאַר אַ ווערק אָדער מע צאָהלט דעם מחבר, אָדער דער מחבר צאָהלט — אַנדערש נעהמט עס ניט!

סוכ'ם געשעפט איז ניט געוואָרען גאָר נישט ניט.

נאַרישע, יונגעלשע, נאָר גוטע, גליקליכע יאָהרען — זיי וועלען זיך שוין ניט אומקעהרען מעהר!...

נערווי, 1 מאַרט, 1914.

מײַן באַקאַנטשאַפט מיט ח. נ. ביאַליק

געשריבען אין יאָהר 1916

מיין בעקאַנטשאַפט מיט
ח. נ. ביאַליק

א.

יאָהרען-לאנג בין איך געשטאַנען אין פערבינדונג מיט ביאַליקען און ניט זוכה געווען פערזענליך זיך צו בעקענען מיט'ן גרעסטען פון אונזערע פּאָעטען, ווייל מיר זענען געווען ווייט איינס פון דאָס אַנדערע. ער האָט געוואָהנט אין אַדעס און איך — אין קיעוו. דערנאָך זענען געקומען די גלות-יאָהרען פון נאָך דער רוסישער קאָנסטיטוציע. האָט דאָס מיך פערוואָרפען קיין אויסלאַנד — שווייץ — און פון דאָרטען, איבער'ן אַטלאַנטישען ים, קיין אַמעריקאַ, און אַט אַזוי האָב איך שוין כמעט אינגאַנצען אויפגעגעבען מיין האָפנונג צו בעגעגנען זיך ווען ס'ניט איז מיט'ן ריעז פון די ריעזען. וואָס טהוט גאָט? פאָהרען זיך צונויף די ציוניסטען אויפ'ן קאָנגרעס אינ'ם יאָהר 1907 אין האַאַג, און די אַמעריקאַנער ציוניסטען קלויבען מיך אויס פאַר אַ דעלעגאַט, און איך קום צו פאָהרען קיין האַאַג, אין האָלאַנד.

ערב קאָנגרעס איז אַ קאָנפערענץ פון העברעאיסטען. איך קום אַריין. דער זאַל איז פול. דער טשערמאַן איז א. ל. לעווינסקי. קלאַפּט מיט'ן האַמער אין טיש. דער עולם איז אויפגערעגט. און מעהר פון אַלע אַנדערע קאָכט זיך עפּיס אַ יונגערמאַנטשיק. ווייזט אויס, אַ „בורזשוק"; ביי אונז אין דערהיים הייסט ער אַ „קופּטשיק". איך בעטראַכט דעם יונגענמאַנטשיק

און בעשלים, אז דאָס מוז זיין מסתמא אָדער א יונגערמאַן א משכיל, וואָס איז נאָר־וואָס אראָפּ פון קעסט, אָדער איין איידעם, וואָס זיצט נאָך אויף קעסט. און ווייל ער איז א משכיל און זיין שווער איז א איד א בעל־הבית, האָבען די ציוניסטען פון זיין שטעדטעל איהם אויסגעקליבען פאר א דעלעגאט, וואָס פאָהרט מסתמא אויף זיינע אייגענע הוצאות קיין האאג. און איך מיין, אז איך האָב קיין טעות ניט, וואָרום איך בין דאָך א שרייבער, און וועלכער שרייבער איז דאָס ניט קיין פיזיאָגנאָמיסט? איך לאָז ניט אראָפּ קיין אויג פונ'ם קופּטשיק, און דער קופּטשיק שפּרינגט אַלע מאָל אויף. רעדען רעדען אַלע אויף העברעאיש, און ער אויך. אַלע מאָל טהוט ער א שים־אוים:

— אדרבה!... לא! אין אני מסכים! — ער איז ניט מסכים! ער איז ניט איינפערשטאַנען!...

דער טשערמאַן (לעווינסקי) קלאַפּט מיט'ן האמער. די קאָנ־פערענץ איז צו ענדע. דער עולם קאָכט זיך נאָך. דער טשער־מאַן שטעהט אויף פון טיש. מיר צעקושען זיך. איך וויל געהן. דער טשערמאַן האלט מיך אָפּ א מינוט.

— וואַרט אויס א ווײַלע. איך וויל אייך בעקאַנט מאַכען פריהער מיט אונזער ביאַליקען.

— ביאַליק איז דענן אויך דאָ? וואו איז ער?

— אָט איז ער דאָך.

און ער שטעלט מיר פאָר דעם בורזשוק.

אָט־אָ־דער קליינער בורזשוק איז דאָס געוועזן דער גרויסער ביאַליק. די משמעות, אז איך בין ניט אזא שארפער פיזיאָגנאָ־מיסט...

ב.

אין האאג האָב איך קיין סך ניט פערבראַכט. נאָר די גאַנצע צייט כמעט זענען מיר מיט ביאַליקען געוועזן ניט צעשיידט. אויפ'ן ברייטען וויים־זאַמדיגען ברעג פונ'ם וויים־זילבערנעם ים האָבען

מיר שעה'ן־לאנג שפאציערט און געפיהרט אינטימע געשפרעכען. עפיס גלייך ווי מיר וואלטען געווען בעקאנט פון יאהרען און יאה־רען, עפיס גלייך ווי מיר האבען זיך אין אונזער ווייטער קינדהייט צעשיידט און איצטער ווידער א מאל צונויפגעקומען זיך. אימ־ליכער פון אונז האט געהאט צו דערצעהלען און צו דערצעהלען פון דער פערגאנגענהייט און פאנטאזירען פון דער צוקונפט — און די צייט איז אזוי קורץ! ביאליק האט מיר דאס ווארט געגעבען, אז אויפ'ן צוריק־וועגס שטעלט ער זיך אפ ביי מיר אין גענף, וואס אין דער שווייץ. און ער האט געהאלטען ווארט. נאך א קורצער נסיעה איבער איטאליע איז ער אויף ראש־השנה אראפגעפאהרען צו מיר קיין גענף.

ב.

אין יענער צייט האט אפגערעכט גלות אין דער שווייץ אויך דער זיידע, מענדעלי מוכר־ספרים, און אויך בן־עמי, וועלכער איז א תושב אין גענף עד היום הזה. עס איז זעלבסטפערשטענדליך, אז יעדער פון אונז דריי האט געוואלט דעם כבוד און דעם פער־גניגען צו האבען ביי זיך דעם גרויסען גאסט. נאר אזוי ווי די אידעע איז געווען מיינע, דעריבער איז דער גאסט פערפאהרען גלייך צו מיר. פאר מיינע קאלעגען האב איך עס געהאלטען דער־ווייל בסוד, געוואלט זיי מאכען א סורפריז. אויף מארגען, ראש־השנה אין דער פריה, האב איך גענומען דעם גאסט און בין מיט איהם אוועק אין שוהל אריין. דארט זענען שוין געווען דער זיידע און בן־עמי. דער זיידע האט איהם אפגעגעבען א ברייטען שלום־עליכם. בן־עמי ניט. דער איז געווען אש־להבה, פאר וואס ער איז פערפאהרען צו מיר, ניט צו איהם, צו בן־עמי'ן. ווער עס קען בן־עמי'ן, דער וועט פערשטעהן זיין אייפערזיכטיגקייט... אז ס'איז געקומען צו „אויסנעהמענעס" און מיר זענען ארויס פון שוהל אויפ'ן הויף, האט זיך בן־עמי ניט געקאנט איינהאלטען

און האָט פירגעהאַלטען דעם גאַסט, לּמאַי ער האָט זיך ניט אָפּגע־שטעלט ביי איהם. נישט געהאַט קיין אַנדער תירוץ אויף אַרויס־צודרעהען זיך, האָט ביאַליק זיך געוואָלט פערענטפערען פאַר בן־עמי׳ן, אַז ער האָט עס נישט געקאָנט טהון, ווייל ער איז גאָר־וואָס געקומען פון באַהן.

— ווען? היינט? היינט, דעם ערשטען טאָג ראש־השנה?! דער גרעסטער אידישער דיכטער איז געפאָהרען אום ראש־השנה???!! און פון וועמען הערט ער עס? — פון ביאַליקען אַליין?! שומו שמים!!! — הימעל עפען זיך!!...

און וואָס מעהר בן־עמי האָט זיך געקאָכט, אַלץ מעהר האָט ביאַליק געלאַכט. און וואָס מעהר ביאַליק האָט געלאַכט, האָט זיך בן־עמי געקאָכט. עס האָט אָנגעהויבען ווערען שטאַרק לע־בעדיג. עס איז געוואָרען אַרום אונז אַ „רעדעל". עס איז אָנ־געקומען דער זיידע. דערזעהען, ווי די אייניקלעך קאָכען זיך, ווי איינער בייזערט זיך, די איבעריגע לאַכען, האָט ער מקיים פּסק געווען בן־עמי׳ן אויפ׳ן אָרט. ער האָט איהם אויסגעלאַכט, ווי דער זיידע קאָן:

— וואָס זענט איהר עס גאָט׳ס סטראַפּטשע אין דער שווייץ אָנצונעמען זיך גאָט׳ס קריוודע אין די ימים נוראים? פערלאָזט אייך אויף דעם רבונו של עולם — ער קאָן אַליין בעשטעהן זיין שטעדטעל — האָט איהר געהערט אַ מעשה!

ווער עס קען בן־עמי׳ס היציגען טעמפּעראַמענט, וועט פער־שטעהן, אַז לאַנג האָט ער נישט געקאָנט זיין ברוגז. און איבער־הויפּט — אויף ביאַליקען. קאָן מען דען זיין לאַנג ברוגז אויף אַ קונדס, אויף אַ ליעבען קונדס, וואָס לאַכט אַזוי האַרצעדיג און מאַכט אייך לאַבענדיג? מיר האָבען באַלד אויפ׳ן אָרט געמאַכט אַ פּשרה, אַז ס׳איז פאַרפאַלען. סטאַנציע האַלט דער דיכטער טאַקי ביי מיר. נאָר עסען זאָל ער אַמאָל דאָ און אַמאָל דאָרט — אַזוי אַז ער זאָל זיין אונזער אַלעמענ׳ס אורח. און אָט אַזוי האָבען מיר פערבראַכט מיט׳ן גרויסען גאַסט אַ גוטע וואָך.

אונפּערגעסליכע וואָך. אַלע זאַלבעפערט האָבען מיר זיך געלאָזט פאָטאָגראַפירען, לויט דאָס בילד וואָס ליגט דערביי, אונטער דעם שענעם בלויען הימעל, ביי דער גענפער שטילער זעע, אקעגען די הויכע, מיט אייביגען שניי בעדעקטע, שווייצער־אַלפּען. און מעשיות זענען דערצעהלט געוואָרען איינציגוויין, מערקווירדיגע פּאַסירונגען, וואָס יעדען האָט זיך געטראָפען אין זיין לעבען. אייניגע פון די דאָזיגע מעשיות האָב איך דערנאָך בעשריבען און אַרויסגעגעבען בעזונדער אין אַ ביכעל אונטער'ן נאָמען: „פיער זענען מיר געזעסען". מיט איינעם וואָרט, דאָס איז געווען אַ וואָך פון ביאַליק. און נאָך אַ מאָל ביאַליק. און ווידער אַ מאָל ביאַליק.

ד.

אוועקגעגאַנגען די טומעלדיגע וואָך, אוועקגעפאָהרען דער גאַסט — אוים ביאַליק. שטיל איז געוואָרען אין דער שווייץ. די הויכע, מיט'ן אייביגען שניי בעדעקטע, בערג האָבען זיך חנ'עוודיג אָפּגעשפּיגעלט אינאיינעם מיט'ן בלויען הימעל אין דער שענער שטילער גענפער זעע. עס איז אָבער בעשערט געווען, אַז ביאַליק'ס נאָמען זאָל צווישען אונז נאָך אַביסעל ווענטילירט ווע־רען צוליעב אַ נייעם אינצידענט, צוליעב אַ נייע קונדס'עריי.

אין אַ שענעם פריהמאָרגען בעקום איך אַ בריוועלע פון ביאַ־ליקען. אין בריוועלע לאָזט מיך דער גרויסער דיכטער הערען, אַז ער האָט פערגעסען ערגיץ אין וועג אַ פּאָר שטעקשיך, בעט ער מיך, איך זאָל זיך מטריח זיין אַ קוק טהון אונטער'ן בעט, וואו ער איז געשלאָפען, און אויב איך וועל געפינען זיינע שטעק־שיך, זאָל איך זיי איהם איבערשיקען. געשריבען איז דאָס ברי־וועלע אין ביאַליק'ס סטיל מיט מגלה־טמירין־לשון: „המשעקשיך שלי"... און עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ חתונה מיט שטעקשיך. עס זענען געלאָפען בריעף נאָך בריעף, וואו דאָס וואָרט „שטעק־

שיך" ווערד דערמאנט און איבערגע'חזר'ט און איבערגעקייעט אפשר א מאָל הונדערט. אינ'ם ערשטען בריוועל שרייב איך איהם, אז איך האָב געזוכט די שטעקשיך אונטער'ן בעט, וואו ער, ביאַליק, איז געשלאָפען, נאָר איך וויים ניט פאר געוויס, אויב די שטעקשיך זענען זיינע שטעקשיך, אָדער גלאט א פּאָר שטעקשיך? און בכדי עס זאָל ניט ארויס חס־ושלום קיין שום טעות, האָב איך געבראכט א פאָטאָגראַפישען אפאראט און האָב אראָפּגענומען א בילד פון די שטעקשיך, און איך שיק איהם ארויס רצוף פה דאָס בילד פון די שטעקשיך, ער זאָל זיך צוקוקען צו די שטעקשיך און זאָל מיר באַלד מודיע זיין דורך א בריוועל, אויב די שטעקשיך זענען זיינע שטעקשיך? קומט מיר אָן א בריוועל פון ביאַליקען, אזוי ווי ער האָט זיך גוט איינגעקוקט אינ'ם בילד פון די שטעקשיך און האָט דערקענט אין זיי זיינע שטעקשיך, אזוי אז ער קאָן שווערען בנקיטת חפץ, אז די שטעקשיך זענען זיינע שטעקשיך, לכן דעריבער זאָל איך, למען השם, איהם ארויסשיקען זיינע שטעקשיך! ענטפער איך איהם מיט א בריוועל, אז ער זאָל מוחל זיין מיר צושיקען א קבלה אויף די שטעקשיך, וועל איך איהם דעמאָלט ארויסשיקען די שטעקשיך... קומט מיר אָן א בריוועל פון ביאַליקען מיט א גוואלד: היתכן? הישמע כזאת? ווי קאָן ער מיר שיקען א קבלה אויף די שטעקשיך איידער ער האָט בעקומען די שטעקשיך? ענטפער איך איהם, אז ס'איז דאָ איין עצה: איך שיק איהם דערוויל ארויס איין שוך פון זיינע שטעקשיך, וועט ער מיר צושיקען א קבלה אויף די שטעקשיך. און אז איכ'ל בעקומען די קבלה אויף די שטעקשיך, וועל איך איהם דעמאָלט ארויסשיקען דעם אנדערען שוך פון די שטעקשיך. און צום ארויסגעשיקטען שוך האָב איך צוגעלעגט א צעטעלע: „המשך יבוא" — פאָרטזעצונג פאָלגט...

אזוי האָט מען געקונדסט און ארויסגעוואָרפען שטיקלעך, און צווישען רעכטע קונדסריי האָט מען געטהאָן ערנסטע ליטעראַרישע ארבייט אויך — מע האָט געשריבען און איבערגעזעצט

זאַכען פון אידיש אויף העברעאיש, אַרויסגעגעבען גאַנצע בענדער מעשיות פאַר אידישע קינדער, געפּלאַנעוועט אַרויסצוגעבען נאָך מעהרערע זאַכען — ביז דער גאָט פון נקמה האָט זיך צעבייזערט און ער האָט אָנגעשיקט אַ בלוטיגען מבול אויף דער זינדיגער ערד... מיך האָט דער שטראָם אויפגעחאַפּט און פערטראָגען אַזש אַהער, קיין אַמעריקאַ. ביאַליק איז פערבליבען דאָרט ביי די ברעגעס פונ'ם שוואַרצען ים, ווייט פון די, וואָס האָבען זיך גע־שפּיעגעלט אין זיין נשמה, וואָס האָבען זיך געוואַרעמט אינ'ם ברען פון זיין טאַלאַנט, וואָס האָבען איהם ליעב געהאַט אָהן אַ ברעג און האָבען איהם ליעב עד היום הזה.

ניו־יאָרק, ניסן, 1916.

פיער זענען מיר געוועסען

געשריבען אין יאָהר 1908

פיער זענען מיר געזעסן

—

פ ע ר ז א נ ע ן :

מ ע נ ד ע ל י מ ו כ ר ־ ס פ ר י ם — א שענער זקן, רעדט צוקערזיס.
ב י א ל י ק — א פאעט, א בעל־מחשבות.
ב ן ־ ע מ י — א איד, וואס קאכט זיך.
ש ל ו ם ־ ע ל י כ ם — איין אלטער בעקאנטער, וואס הערט זיך צו און שרייבט אלסדינג אריין אין א ביכעל.

—

אלע מיינען, אז בערג, למשל, שטעהען אויף איין ארט. און איך זאג אייך, אז בערג געהען, און נאך ווי אזוי! זיי לויפען! ווען בין איך דערגאנגען דעם דאזיגען שכל? אין דער צייט, ווען מיר, דריי אידישע שריפטשטעלער און איינער א פאעט, האבען געמאכט די ערשטע עקסקורסיע צו די בעריהמטע, מיט אייביגען שניי בערעקטע, אלפענבערג.

ארויסגעגאנגען א פאר מייל פון שטאדט ארויס, האט זיך אונז אויסגעדאכט: אט־אט זענען מיר ביי די בערג, אט־אט נעם ציה־אויס א האנד — גיט איהר זיי אפ שלום. נאר וואס ווייטער מיר געהען צו זיי, אלץ ווייטער געהען זיי אוועק, אנטלויפען פון אונז. מיר הייבען אן געהן אביסעל גיכער, שטארק גיך, — בלאטע! זיי לויפען נאך גיכער.

— זיי רייצען זיך מיט אונז? — רוף איך מיך אן צום איבעריגען עולם.

— ווער?

— די בערג.

— איך ווייס גאָר ניט וואָס דאָס איז! — רופט זיך אָן מיין קאַלעגע מיט'ן הייסען טעמפּעראַמענט, וועלכער איז קלאָר אין די אַלפּענבערג, ווי אַ איד אין אשרי. — ס'איז קיינמאָל ניט געווען אַזוי ווייט, ווי איצטיגס מאָל. איהר זאָלט מיך פאָלגען, וואָלטען מיר געגאַנגען אַביסעל גיכער.

און אָט אַזוי האָט ער אונז אונטערגעגעבען אַלע מאָל מעהר היץ, מיר זאָלען געהן גיכער, מעהר פון אַלעמען זיך איינגעמיעדט און מחמת דעם איז ער געוואָרען בייז, גערעדט מיט גאַל, געשאָטען מיט פייער, אויסגעלאָזט כל חמתו אויף פּאָני־גנב מיט זיין רעוואָלוציע און מיט זיין קאָנסטיטוציע.

— שאַט! איך וויל אייך עפּיס פרעגען! — אַזוי האָט זיך אָנגערופען צו אונז אַלעמען דער זיידע רב מענדעלי, און מיר אַלע האָבען זיך אויפגעשטעלט אויף אַ ווײַלע. — איך וויל, איהר זאָלט מיר זאָגען, יעדער בעזונדער, ווי אַזוי פיהלט איהר זיך אין דער מינוט?

אפנים, אַז מיין קאָלעגע מיט'ן הייסען טעמפּעראַמענט האָט דער ערשטער פערשטאַנען דעם זיידענ'ס פראַגע, מחמת ער האָט זיך געאיילט ענטפערען דער ערשטער, ווישענדיג מיט די פּאָלעס דעם שווייס פונ'ם נאַסען שטערן.

— איך פיהל מיך אַזוי גרינג, אַז איך וואָלט געפלויגען, ווי איין אָדלער, נישט ארומגעקוקט זיך צוריק אפילו אויף אַ מינוט.

— און איך — מאַכט דער יונגער פּאָעט ביאַליק, איינגעקוקט זיך אויף מיר — איך פיהל מיך ניט שלעכט, נאָר פליהען ווי איין אָדלער — ווייס איך ניט, אויב איך וואָלט געפלויגען.

אצינד איז געקומען די צייט, איך זאָל אויך עפּיס ענטפערען. און איך האָב געזאָגט:

— איך פיהל, אַז עס וואָלט מיר צוגעקומען אַ שטיק געזונד, ווען מיר זעצען זיך אָט־דאָ, למשל, אויפ'ן גראָז...

מיין קאָלעגע מיט'ן הייסען טעמפּעראַמענט איז געוואָרען אָנגעצונדען. ער האָט געזאָגט, אַז אויב מיר וועלען אָט אַזוי געהן,

וועלען מיר שבת האלטען אונטער'ן בארג. מיך האט ער געמאכט אויסצודרעהען. ער האט ניט פערשטאנען, ווי אזוי נעמט זיך אונטער אזא מענש ווי איך געהן, אז איך וויים, אז איך קאן ניט געהן?

פון דעסטוועגען האט דאס איהם גארנישט געשטעהרט, ער זאל צונויפלעגען דעם שירם, פערקאטשען די פאלעס און גלייך מיט אונז אלע זיך א ווארף טהון אין גרינעם פרישען שמעקע־דיגען גראז אריין און געניסען טעם גן־עדן פון רוהען אין מיטען פעלד, אונטער גאט'ס הימעל, און הערען דעם זיידען דערצעהלען א מעשה.

* * *

בעשרייבען א מעשה און דערצעהלען א מעשה — דאס איז זיך צוויי בעזונדערע זאכען. פארהאן מענשען, וואס וועלען אייך בעשרייבען א זאך אויסגעצייכענט, און לאזען זיי אייך עפים נעמען דערצעהלען, צעברעקלען זיי דאס און צעקייען עס אייך אזוי, אז עס שלאגט צו דער גאל. און פארהאן מענשען, וואס וועלען אייך דערצעהלען א מעשה טשאקענדיג, אויסגעטאקט און אויסגעפוצט, מחיה נפשות, — און פרובט, לאזען זיי דאס וועלען איבערגעבען אויף פאפיער — איהר זאלט זיי אראפנעמען דעם קאפ! פארהאן נאך א קאטעגאריע גליקליכע מענשען, וואס זענען וויים פוןביידע זאכען, ניט דערצעהלען, ניט בעשרייבען; נאר פון זיי רעדען מיר נישט. מיר רעדען פון די, וואס די נאטור האט זיי געבענשט מיט ביידע טאלאנטען. דער זיידע רב מענדעלי מוכר־ספרים בע־זיצט ביידע מתנות פון זיין ליעבען נאמען אויפ'ן העכסטען שטייגער. ער, אז ער דערצעהלט א מעשה, מאהלט ער א בילד, און איהר זיצט און הערט און זעהט, און עס דאכט זיך אייך, אז איהר לעזט דאס פון א בוך, — ניין! וואס זאג איך? עס דאכט זיך אייך, אז דאס לעבט, אז דאס רעדט, אז דאס קומט־פאר פאר אייערע אויגען, און עס ווילט זיך אייך אייביג אזוי זיצען און הער'ן, און הערען, און הערען...

דער שמועס, וואָס ביי אונז האָט זיך געקייטעלט, האָט זיך אָנגעהויבן, געוויינטליך, פון פּאָליטיק, פון דער אידישער לאַגע אין׳ם אומגליקליכען לאַנד, און מען איז אַריבער אויף דעם, וואָס אונז, שריפטשטעלער, איז מעהר נאָהענט צום האַרצען, — אויף דער ליטעראַטור. די גאַנצע צייט איז אָבער דער זיידע געזעסען פערחמורעט, מיט אַ ביטער שמייכעלע אויף די ליפּען, ווי איינער רעדט: „נאַראָנים האָבען געפונען פון וואָס צו רעדען!”... מיין קאָלעגאַ מיט׳ן הייסען טעמפּעראַמענט האָט געוואָלט מאַכען די אונטערהאַלטונג מעהר אינטערעסאַנט, האָט ער אַרויפגעפיהרט דעם שמועס אויף „נאַציאָנאַליזם”, און האָט גענומען איינטיילען די רעוואָלוציאָנערען מיט די בונדיסטען מיט די אַריסטאָקראַטען פון איין זייט, און די ציוניסטען מיט די טעריטאָריאַליסטען פון דער אַנדערער זייט, — אַלע האָבען זיך פון איהם ניט גענאַרט! עס האָט אָבער קיינעם נישט גענומען. דער גאַנצער פּולווער מיט אַלע קוילען זענען איצטיגס מאָל געוועזן אַרויסגעוואָרפען. דער זיידע האָט זיך אויפגעהויבען מיט אַ קאָפּ העכער פון דער גאַנצער וועלט און האָט געזאָגט, אַז כל זמן עס וועט לעבען די „אונערבאַרעמליכ־קייט פון עקזיסטענץ” („אכזריות הקיום”), וועט איהם נישט נעמען נישט דאָס „שלעכטע” נישט דאָס „גוטע”, וואָרום עס איז נישטאָ אויף דער ערד נישט „שלעכטעס” נישט „גוטעס” — עס איז נאָר דאָ דאָס, וואָס עס איז... און ער האָט אויסגעלאָזט זיין פילאָזאָ־פישע טעאָריע מיט אַ בקשה צו אונז, זיינע אייניקלעך, אַז מיר זאָלען איצטיגס מאָל אַראָפּוואַרפען פון זיך די שריפטשטעלערישע קאַפּאָטע, פערגעסען, אַז ס׳איז דאָ אויף דער וועלט אַ קולטור מיט אַ ליטעראַטור מיט בוכדרוקערייַ מיט מוכרי־ספרים און פערלעגער און אַרויסגעבער און צייטשריפטען און גאַזעטען, מיט מענשען־רשעים און מענשען־צדיקים, מיט פּאָני, מיט, להבדיל, אידען, מיט נאָך אַזעלכע זאַכען, און מיר זאָלען געדענקען, אַז איצט, אין דעם ראַזיגען טאָג, זענען מיר גלאַט מענשען — טוריסטען, וואָס האָבען געמאַכט איין עקסקורסיע אין די אַלפּענבערג. עלעהיי ענגלענ־

דער! און מחמת מיר זענען אביסעל מיעד, האָבען מיר זיך אָנ־דערגעזעצט אַט דאָ אביסעל רוהען, און לאָמיר בעסער רעדען, דערצעהלען גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַריין.

— מעשיות! מעשיות! — האָבען אויסגעשריען מיר, אַלע דריי אייניקלעך. — דערצעהלט אונז עפּיס אַ מעשה, זיידעניו, אַ מעשה!

— אַ מעשה? וואָס פאַר אַ מעשה זאָל איך אייך דער־צעהלען?

— דערצעהלט אונז, זיידעניו, אַ מעשה פון זיך אַליין, פון אייער אייגענעם לעבען, פון פּאַרצייטען!

— גוט, איך וועל אייך דערצעהלען אַ מעשה מיט אַ פּערטעל עוף, נאָר מיט אַ תנאי...

— אַז מע זאָל אייך ניט איבערשלאָגען אין מיטען? ניט פערלויפען אויף צו־פריהער? ניט אַריינפאָהרען מיט אַ וואָגען אין שליטען אַריין?

— אַט־אַט־אַט! גוט, וואָס איהר ווייסט מיין טבע און וואָס איהר קענט זיך אַליין.

אַזוי האָט אונז געזאָגט דער זיידע, זיך גענומען צום מדרש, וואָס ער האָט מיטגענומען אין וועג אַריין צידה לדרך, פערריסען די ברילען אַרויף אויפ'ן שטערן, געגעבען אַ קוק־אַריין, פערמאַכט דעם מדרש, אַראָפּגעלאָזט די ברילען צוריק אויף דער נאָז און אָנגעהויבען מיט אַ ניגון פון דער גמרא:

א.

אַ מעשה מיט אַ פּערטעל עוף

— הערט זשע, אָמר רבי יוחנן — האָט רבי יוחנן געזאָגט: איבער קמצא ובר־קמצא איז חרוב געוואָרען ירושלים; איבער אַ

הוהן מיט א האהן איז חרוב געווארען די שטאדט ביתר; איבער א פלעקעל פון א וואגען איז חרוב געווארען טור־מלכא. ערלויבט מיר צוצוזעצען: איבער א פערטעל עוף איז פון אבראמאוויטש געווארען מענדעלי מוכר־ספרים. הערט א מעשה!...

מיר רוקען זיך צונויף אלע דריי נאך נעהענטער צום זיידען, און דער זיידע הויבט־אן צו דערצעהלען בזה הלשון:

— שטעלט אייך פאר א גרויסען פיערעקעכיגען פלאץ, פער־בויט פון איין זייט מיט א ברייטען מויער, א פאלאץ, פון דער אנדערער זייט — מיט א שענעם בית־המדרש, ביי דער זייט, להבדיל, א מרחץ, א גרויסע קיך, ברייטע שטאהלען און קאמערם מיט קעמערלעך — דאס איז דער „הויף". ווענמעג'ם הויף — דאס וועט איהר וויסען שפעטער. אין בית־המדרש זיצען יומם ולילה צעהן אידען לומדים און לערנען. נאר אז מע זאגט אייך צעהן אידען לומדים זיצען און לערנען, שטעלט איהר זיך שוין פאר אין דער פאנטאזיע די געוויסע „עשרה בטלנים", דאס הייסט: פער־שמירטע, אפגעריסענע, ארעמע לעדיג־געהער. האט צייט! דאס זענען געווען צעהן שענע זויבער־געקליידעטע פארשוינען, מיט ליב־טיגע פנים'ער, געקליבענע לומדים פון דער ליטא, וואס יעדער פון זיי וואלט געמעגט זיין א רב בכל תפוצות ישראל. א זכיה האט געהאט דער, וואס איז צוגעלאזט געווארען צו הערען פון זיי א ווארט. אלע פריה און פארנאכט האט מען דארט געדאווענט — דאס איז זעלבסטפערשטענדליך. האט איהר אייך דעם בית־המדרש. אצינד ווען מיר זיך דורכגעהן מיט אייך אין קיך אריין. נאר אז איך זאג אייך א קיך, זאלט איהר ניט מיינען, אז איך רעד פון סתם א קיך מיט איין אויווען, מיט איין אונטערן־אויווען, מיט איין אויפ'ן־אויווען און מיט א קאץ. ניין, דאס מיין איך א גאנצען רעסטאראן מיט לאנגע געדעקטע טישען, און אויף די טישען — פון כל טוב: פיש און פלייש און ביער און פירות אלערליי, און כל דכפין — פראנק און פריי פאר דער גאנ־צער וועלט, מיט צוויי טיהרען, פון איין טיהר אריין, פון דער

אַנדערער אַרוים, אויף און אַפּ, ווי אויף אַ יאַריד! און די קאַ־מערען מיט די קעמערלעך זענען געפּאַקט מיט פּראָוויזיע אויפ׳ן גאַנצען יאָהר, און משרתים, דיענערס און דיענסטען און משגיחים, דרעהען זיך אַרום הין און הער, און עס קאָכט ווי אין אַ קעסעל. ווער עס קאָכט, ווער עס באַקט, ווער עס דערלאַנגט עסען, ווער עס וואַשט, ווער עס פּרעסט, ווער עס הייצט דאָס באָד, ווער עס לעשט די ליכט אום שבת, — דערויף איז פאַרהאַן אין הויף אַ בעזונדערער פּאַרשוין, אַ שבת־גוי מיט׳ן נאָמען פּאַוולאָ, וואָס פון איהם האָב איך אייך גאָר אַ בעזונדערע מעשה. איהר קאָנט פער־שטעהן, ווער דער פּאַוולאָ איז — אַז ס׳זענען געווען מענשען, וואָס פלעגען ביי דעם פּאַוולאָ זיך נאָכפרעגען, ווען איז ראש־חודש און ווען איז דער מולד... נאָר מיר לאָזען פאַרלויפיג פּאַוולאָ צו־רוה, און מיר קעהרען זיך אום צוריק אין „הויף“ אריין. דאָס האָט איהר אייך דעם פּרוזדור, דעם אריינטריט. אַצינד וועלען מיר זיך מטריח זיין מיט אייך אין טרקלין, אין פּאַלאַץ אריין, זיך בעקענען מיט׳ן אייגענטהימער פונ׳ם „הויף“.

שטעלט אייך פאָר אַ בילדשענעם מענשען, האַלב־אידיש, האַלב־אייראָפּעאיש געקליידט, מיט אונטערגעבויגענע פּאות, מיט אַ ווייסען קאָלנער, מיט אַ ליכטיג שטרענגען פּנים, מיט מאַניערען פון אַ פירסט. דער גאַנצער „הויף“ שטעהט פאַר איהם ווי פאַר אַ מלך. אין שטוב איז ריין, זויבער, רייך, נאָר אייגפאַך און שטרענג, און זעלטען ווער עס האָט די עהרע אהער אריינצוטרעטען, אַ חוץ שבת; און קומט שבת, ווערד געדעקט אַ לאַנגע רייהע פון טישען, און אַ חוץ דער פאַמיליע ווערען אייגעלאַדען אויך געסט פון די פּאָרנעמסטע אורחים. איך האָב אייך פערגעסען מיטצוטיילען, אום איהר זאָלט האָבען אַ ריכטיגען בעגריף פון דעם „הויף“, אַז אין שטוב דרעהט זיך אַרום אויך אַ גלות. דאָס איז אַ דייטש, אַ לעהרער צו די קינדער, וואָס לעהרענט מיט זיי „שפּראַך“. אויבענאָן, אויף אַ הויכען שטוהל, זיצט דער בעל־הבית, דער אייגענטהימער אַליין, און אַלע אויגען זענען צו איהם.

ווייסט איהר, ווער דאָס איז? דאָס איז אַ ליטווישער גביר, אַ איד אַ סוחר, רב יונה סלוצקער, און די מעשה קומט־פאָר נישט אין קיין אַנדער שטאָדט, נאָר טאַקי אין סלוצק.

אַצינד לאָזען מיר איבער דעם בן־מלך און נעמען זיך צו דער בת־מלכה, דאָס מיין איך — צו רב יונה סלוצקער׳ס טאָכטער, וואָס איהר נאָמען איז געווען פייגעל און גערופען האָט מען זי די „קליינע אויגעלעך״, נישט בלשון סגי־נהור, ווייל זי האָט געהאט גרויסע אויגען, נאָר טאַקי דערפאַר, ווייל זי האָט געהאט זעהר קליינע אויגעלעך, און מחמת רב יונה סלוצקער איז געווען אַ איד אַ גביר און די טאָכטער האָט געהאט קליינע אויגעלעך, האָט מען איהר געזוכט אַ חתן אַיין אָרעם בחור, נאָר אַ מושלם, אַ צאַצקע, אַזעלכען, וואָס זאָל זיין איינער ביי גאָט דער אַנדערער ביי איהם, — און גאָט האָט איהם געבראַכט די מציאה אין שטוב אריין.

איהר שטויסט זיך שוין אודאי, אַז דאָ וויל איך אייך דער־צעהלען שוין פון זיך. אַלזאָ, מוז איך אייך דערקלערען, ווער בין איך געווען און וואָס בין איך געווען צו יענער צייט. מיך האָט גאָט געבענטשט מיט דריי טיטלען מיט אַ מאָל. איך בין געווען אַ „יתום״, אַ „יורש״ און אַ „נשרף״. אַ יתום בין איך געווען פון טאַטע־מאַמע אין אַ קליין שטעדטעל אין דער ליטאַ, אין קאַ־פוליע. אַ יורש בין איך געווען אויף אַ חלק פון דער דירה, וואָס איז געבליבען אונז בירושה — געוויינטליך, ניט אויף אַ גרויסען חלק: דעם גרעסטען חלק האָט געהאט מיין עלטערער ברודער, דער בכור; אויף מיין חלק האָט זיך אָנגענומען סך־הכל אַ „זיבע־טעל״, וואָס אַז מע זאָל געווען די דירה צו יענער צייט פערקויפען, וואָלט זיך אָנגענומען אויף מיין חלק אודאי אַ קערבלעך דרייסיג, און געווים זענען געווען אַ סך אַזעלכע, וואָס האָבען מיר מקנא געווען. נאָר אַזוי ווי מע האָט די דירה בעציייטענס ניט פער־קויפט, — און שולדיג זענען אין דעם געווען טאַקי די יורשים

אליין — איז זי אין דער גרויסער שרפה, וואָס עס איז געווען ביי אונז אין קאַפּוליע, אָפּגעברענט געוואָרען, און צו מיינע צוויי טיטלען, „דער יתום" און „דער יורש", איז צוגעזעצט געוואָרען א דריטער טיטעל: „דער נשרף", וועלכער האָט איינגעשלונגען יענע ערשטע צוויי טיטלען, ווי די זיעבען מאָגערע קיה פון מצרים, וואָס האָבען אזוי בריה'ש איינגעשלונגען אין זיך די זיעבען פעטע קיה, אזוי אז קיינער האָט ניט דערקענט, וואָס פאַר א גוטען אָנבייסען זיי האָבען געהאַט...

מילא, דערצעהלען אייך וואָס אין קאַפּוליע האָט זיך אָפּגעטהאָן בשעת פונ'ם „יתום" מיט'ן „יורש" איז געוואָרען א „נשרף" — וויל איך נישט. דאָס לאָז איך איבער אויף איין אנדערש מאָל. איך וויל אייך נאָר מודיע זיין, אז עס האָבען זיך געפונען גוטע בארעמהערציגע מענשען, וואָס האָבען רחמנות געהאַט אויפ'ן „יתום" דעם „נשרף" (דער טיטעל „יורש" איז אוועק, וואו דער ליעבער שבת-קודש געהט אוועק) און האָבען איהם אָפּגעפיהרט פון קאַפּוליע קיין סלוצק צו רב יונה סלוצקער אין בית-המדרש אריין — לערנען.

מיין איבערראשונג, אז איך בין אָנגעקומען צו רב יונה סלוצקער אין „הויף" אריין, לאָזט זיך ניט בעשרייבען. איך בין זיכער, אז קיין תלמיד פון דער ישיבה און קיין סטודענט פון אוניווערסיטעט האָט אזוי פלייסיג נישט געלערענט און אזוי פיעל הנאה געהאַט פון דעם לערנען, ווי דער „יתום" פון קאַפּוליע האָט געהאַט ביי רב יונה סלוצקער אין בית-המדרש. אייביג וועל איך ניט פערגעסען די לאַנגע ווינטער-נעכט איג'ם העל-בעלייכטען גוט-אָנגעהייצטען בית-המדרש, אויף די גלאַטע בענק מיט די געפּאָלירטע סטענדערס, וואו דאָס קול קלינגט זיך אָפּ מיט א זעלטענער זיסקייט, וואָס צענעהט זיך ממש אין די ביינער. נאָכדעם — דאָס געשמאַקע דאַווענען מיט'ן ערשטען מנין פאַרטאָג, אז דער רבונו-של-עולם אליין שלאָפט נאָך, און נאָכ'ן דאַווענען — דאָס הייסע

גלעזעל טיי מיט זודיגע מילך מיט פרישע געבעקס, נאָר־וואָס פון׳ם אויוועז. און ועל כולם — פרייטאָג אין באָד אַריין מיט די פּראַכטפולע שטיינערנע בענק, ריינע שעפלעך, מחיה׳דיגע שפּרי־צערס, ריינע באַסיינס אויף צו שווימען — איין אמת׳ער גן־עדן! איך זאָג אייך דעם אמת: איך וואָלט וועלען אייביג זיין אַ „יתום" אַ „נשרף" און זיצען ביי רב יונה סלוצקער אין „הויף", אַלס אָרעם־בחור, און לערנען. איז דאָך אָבער דאָ אַ שטן מקטרג אויף דער וועלט, געהט ער און רעדט אָן די לומדים, וואָס האָבען מיט מיר געלערענט אין בית־המדרש, אַז זיי זאָלען רעדען מיט רב יונה סלוצקער וועגען דעם קאַפּוליער אָרעם־בחור, און רב יונה סלוצקער גיט אַרויס אַ בעפויל, אַז שבת זאָל מען מיך ברענגען צום „טיש". פון׳ם שמועס, וואָס די עשרה בטלנים האָבען גע־האַט צווישען זיך, האָב איך פערשטאַנען, אום וואָס דאָ האַנדעלט זיך. קיין גרויסער חכם דערצו האָט מען ניט בעדאַרפט זיין, וואָרום זיי האָבען מיר גלייך אַרויסגעזאָגט, אַז איך בין אַ גרויסער בר־מזל, און האָבען שוין געקוקט אויף מיר ווי אויף אַ פּרינץ, ווי אויף רב יונה סלוצקער׳ס טאָכטער׳ס חתן.

וואָס איך האָב איבערגעלעבט יענעם טאָג, ווען איך האָב בעדאַרפט צום ערשטען מאָל געהן צום „טיש" — בעדאַרף איך אייך נישט דערצעהלען. דער כח הדמיון האָט מיך געהאַפּט אויף די פליגלען און האָט מיך אַוועקגעטראָגען צו אַלדי שוואַרצע יאָהר, ערגיץ הינטער די הרי־חושך, און איך האָב מיך דערזעהן זיצען אויבענאָן אויף אַ גאָלדענעם שטוהל, אָנגעטהאָן אין סאַמע זיידענע מלבושים, און דער גאַנצער „הויף" מיט די עשרה בטלנים מיט, להבדיל, פּאַוולאַ דעם שבת־גוי קניהען און בוקען צו מיר, און איך שאַף מיך מיט זיי, זיי זאָלען מיר דערלאַנגען די גמרא... און פּלוצים, איך טהו אַ קוק — עס פליהט אַ קאַרעטע מיט געגילטע רעדער און מיט ברענענדיגע פערד, און אין קאַרעטע, זעה איך, זיצט צעלעגט אַ גראַף — דער „יתום", דער „יורש", דער „נשרף" פון קאַפּוליע, און וויל גאַרנישט אַ קוק טהון אויף מיר...

— וואָס נעמסט דו זיך איבער אַזוי? — טענה איך צו איהם. — דאָס בין איך דאָך טאַקי אַליין, הייגט וואָס איז מיט דיר דער יחום?...

— הקיצור, איך וועל אייך נישט מאריך זיין, קינדער, מע האָט מיך געבראַכט צום „טיש" דעם ערשטען פרייטאָג־צו־נאַכטס און מע האָט מיך אוועקגעזעצט ביי'ם עק טיש, פונקט אַקעגען דעם גביר און אַקעגען דעם גביר'ס טאָכטער מיט די קליינע אויגע־לעך. דער גביר האָט אַלע מאָל געוואָרפען אויף מיר אַ פּאָר שווארצע שאַרפע שטרענגע אויגען, מיט וועלכע ער האָט מיך דורכגעניזעט דורך און דורך. די „קליינע אויגעלעך" האָבען גע־קוקט צו זיך אין טעלער אריין. מיר איז געווען ניט אַם בעס־טען — דאָס דאַרפט איהר אַליין פערשטעהן.

אָפּמאָהלען אייך די פּרעכטיגע סעודה — למאי זאָלט איהר מיך נויטען, איך זאָל אייך טהון אַזאַ זאַך, וואָס איהר קאָנט דאָס געפינען אין שבועות'דיגען „אַקדמות"? איך וויל אייך נאָר זאָגען איינס: דעם ערשטען מאָל אויף מיין לעבען האָב איך דערזעהען אַזוי פיעל טעלער מיט טעלערלעך! און גלאַנצענדיגע, גלאַטע, גלימשיגע. איהר מיינט, ס'איז אַ מעלה? האָט צייט, איהר וועט עפּיס הערען! דערצו דאַרף איך מיך מודה זיין, אַז מיט'ן שכל פון גאָפּעל־מעסער בין איך צו יענער צייט נאָך עפּיס נישט אַזוי שטאַרק בעקאַנט געווען, און דאַ דערלאַנגט מען אייך, אַ געבראָ־טענעם, אַ פערטעל עוף, גוט איינגעפּרעגעלט אין שמאַלץ, אָנגע־פּילט און בעגאָסען מיט אַ מין זאַך (צימעס מן הסתם?), וואָס איך האָב עס נאָך קיינמאָל ניט פערזוכט. אודאי דאַרף מען זיין אַ גרויסער חכם, מע זאָל פערשטעהן, אַז דאָס איז ניט קיין שלעכ־טער מאכל. נאָר במה דברים אמורים — ווען איז דאָס גערעדט געוואָרען, אַז מע זאָל דאָס נעמען אין האַנד אריין, ווי גאָט האָט געבאָטען, און טהון מיט דעם דאָס, וואָס דער טאַטע האָט געטהאָן. ווי זשע איז אָבער דער דין, אַז מע דאַרף נאָכקוקען וואָס אַנדערע

טהוען? איך קוק און זעה, אז אלע קלינגען זיך, בריה'ן זיך מיט'ן מעסער און מיט'ן גאָפּעל, — קליג איך מיך אויך און בריה מיך אויך מיט'ן מעסער און מיט'ן גאָפּעל, און דאָ דער גביר מיט זיינע שאַרפע שטרענגע אויגען, וואָס נידערען אייך גלייך אין דער נשמה אריין! איהר קאָנט זיין ווי הונגעריג, מוזט איהר פערלירען דעם אפּעטיט. אוועקלעגען דעם גאָפּעל מיט'ן מעסער איז אָבער אויך ניט קיין פּלאַן. שלעכט! פּלוצים — אז מיין פערטעל עוף הויבט זיך ניט אויף פונ'ם טעלער, גלייך ווי עס וואָלט ביי דעם אויסגע־וואַכסען פליגעל, און טהוט ניט א פליה איבער'ן גאַנצען טיש — און גלייך דעם גביר אין פּנים אריין, און פונ'ם פּנים גלייך אויף זיינע ריינע שענע רייכע שבת'דיגע בגדים?!!!

. . . .

. . . .

. . . .

איהר ווילט וויסען דעם סוף פון דער מעשה? איהר ווייסט איהם שוין... דער גאַנצער מיין מיינער איז געווען — ערשטענס, מיר זאָלען אביסעל אויסרוהען די פיס, און, צווייטענס, חאָטש א האַלבע שעה ניט רעדען פון אונזערע מכות. אצינד קאָנען מיר געהן ווייטער.

און מיר האָבען זיך אויפגעהויבען פון דער ערד און מיר זענען אוועק ווייטער.

ב.

דעם זיידענ'ס האָטעל

עס טרעפט אייך אמאָל, אז איהר זאָלט וועלען זיין ניט דאָס, וואָס איהר זייט? איך, למשל, וואָלט א בעלן געווען אמאָל זיין ניט קיין איד — געוויינטליך, ניט אויף שטענדיג, חלילה! איך

מיין נאָר אַזוי, אויף אַ קורצער צייט, און אָנקוקען מיט מיינע נישט־אידישע אויגען, וואָס פאַר אַ פּנים עס האָט בשעת אידען געהען און רעדען און פילדערען און שפּאַרען זיך און מאַכען מיט די הענד? איך מיין, עס שיינט צו זיין אַ העכסט־אינטערעסאַנטעס בילד? אַ גאַנץ געוויינליכער שמועס וואָלט געווים אויסגעזעהען אין מיינע אויגען, אַז מע קריעגט זיך און מע רייסט זיך, און בשעת צוויי אידען אַמפּערען זיך איבער אַ פּרינציפּיעלער פראַגע, וועגען ווען פאַרגעהט די זון, וועגען ווען האָבען מיר היינטיגען יאָהר ראש־השנה, וועגען וויפיעל קאָן ווערטה זיין אָט דער דאָזיגער מויער, וכדומה, — וואָלט איך זיכער מיינען, אַז מע קריעגט זיך און עס האַלט ביי פּעטש.

די דאָזיגע געדאַנקען זענען מיר געקומען אין קאָפּ אריין אין דער צייט, ווען מיר, דריי אידישע שריפטשטעלער און איינער אַ פּאָעט, האָבען געמאַכט די ערשטע נסיעה צו די בעריהמטע אַלפּענבערג. כמעט אַלע די, וואָס מיר האָבען בעגעגענט אויף אונזער רייזע, צווישען זיי פראַנצויזען, דייטשען און ענגלענדער, האָבען זיך אָפּגעשטעלט און עפּים ווי פערוואונדערט געקוקט אויף אונז, גלייך ווי מיר וואָלטען אָנגעקומען מי יודע פון וואָס פאַר אַ לאַנד און געגאַנגען אָנגעטהאָן מי יודע אין וואָס פאַר מלבושים. איך רעכען, אַז ס'איז געווען דערפאַר, וואָס מיר האָבען געשמועסט טאַקי אביסעל צו הויך, און אביסעל דערפאַר, וואָס מיר האָבען גערעדט אינאיינעם אַלע פיער. רעדען אַלע אינאיינעם איז אַ קונסט, וואָס נאָר מיר, אידען, בעזיצען דאָס: קיין אַנדער פאָלק קאָן זיך ניט בעריהמען דערמיט. אונזערע אסיפות, דין־תורהס, שמחות און זיצונגען האָבען אַ שם אויף דער וועלט. פאַרלאַמענטאַריזם, דאָס הייסט, אַז יעדער איינציגער זאָל רעדען בעזונדער, איז אַ נייעס, וואָס מיר האָבען דערמיט צו פערדאַנקען דעם ציוניזם און, איבערהויפּט, דעם דאָקטאָר הערצעל. דאָס איז טאַקי אַ גוטע זאַך, נאָר ניט אומעדום און ניט אַלע מאָל. וואָסער אַ פּנים האָט פאַרלאַמענטאַריזם ביי דריי אידישע שריפטשטעלער

און איינעם א פּאָעט, בשעת מע געהט זאַלבעפערט אין דער שווייץ צווישען די בעריהמטע, מיט אייביגען שניי בעדעקטע, אַלפּענבערג און מע רעדט אַלע פיער וועגען ליטעראַטור, פּאָעזיע, תלמוד, מדרש, היסטאָריע, פּאָליטיק, רעוואָלוציע, וכדומה אזעלכע זאַכען? מיר וועלען דאָך ניט מאַכען געהעגדיג א „זיצונג" און אויס־קלויבען א פּרעזידענט און בעטען ביי איהם דאָס וואָרט!

די מענשען, וואָס מיר בעגעגענען, די פראַנצויזען, דייטשען און ענגלענדער, געהען אויף די אייגענע בערג, וואָס מיר, נאָר זייער געהן איז ניט אינטערעסאַנט. זיי געהען און שווייגען, אָדער אַז זיי רעדען, רעדען זיי אַזוי שטיל, אַז קוים־קוים וואָס מע הערט. יעדער פון זיי האָט אין זינען נאָר זיך, נאָר זיין אייגענעם מאָגען. דאָס איז א כלל: אַז עטליכע מענשען געהען צוזאַמען און שווייגען, איז א סימן, אַז זיי זענען פערטיעפט אין זייערע מאָגענס. אידען זענען ווייט פון אזעלכע זאַכען. א מאָגען איז ביי אונז א באַמבע, וואָס די נאַטור האָט אונז אָנגעהאָנגען, ווי איין אינוועניגסטע מאַרבע, איין אָפּקומעניש אויף דער וועלט. איך זאָג עס ניט פון זיך. דער זיידע רב מענדעלי האָט דאָס שוין אָנגעריהרט וויפיעל מאָל אין זיינע אומשטערבליכע כתבים.

ווי אַזוי די מעשה איז — אַלע דורכגעהער האָבען אויף אונז געקוקט מיט גרויס בעוואונדערונג. איינִיגע האָבען זיך אָפּגע־שטעלט און איינגעהערט זיך אין אונזערע געשרייען, געוואָרט, אפּנים, ביז מיר וועלען זיך אָנהויבען שלאָגען. שוטים! זיי ווייסען ניט, אפּנים, אַז נאָך אזעלכע אמת'ע גוטע פריינד, ווי מיר, איז שווער צו געפינען אויף דער גאַנצער וועלט, חאָטש קיין קאָמ־פּלימענטען מאַכען מיר נישט איינס דעם אַנדערען, אין קאָרטען שפּיעלען מיר ניט, און פון אַנדערע תענוגים פון עולם הזה, וואָס בינדען־צונויף בעקאַנטע מענשען, ווייסען מיר נישט. אונזער גאַנצעם פערגניגען איז, אַז דער אידישער גלות טרייבט אונז אמאָל צוזאַמען אויף איין פּלאַץ, גיסען מיר אויס איינס פאַר דאָס אַנ־דערע אונזער פערביטערט האַרץ, וויינען צוזאַמען אויף גלות

השכינה, בעדויערען די אָרעמע צעשלאָגענע „קליאַטשע", אָדער די „כנסת ישראל", און אז גאָט העלפט, מע נעמט צו ביסלעך משקה אמאָל ביי א מלוה־מלכה, ווערד מען אזוי שטאַרק פרייליך, אז עס גיסען זיך אַזש טרערען פון די אויגען...

* * *

די זון האָט געהאַלטען אין רעכטען שפּאַציערען איבער'ן העל־בלויען שווייצאַרישען הימעל, בעגאָסען די בערג אַרום און אַרום מיט גאָלדענע סנאָפּעס, וואָס האָבען זיך צעשאָטען אזוי ווי זאַנגען איבער די אייביגע שטיינער און געקייקעלט זיך אַראָפּ־באַרג, איבער גרינע טהאָלען, און אַריינגעפאַלען אינאיינעם מיט די שלענגעלדיגע וואַסערלעך אין דער גלענצענד־בלויער אונרוהי־גער „ראָנא", וואָס לויפט מיט א געזאַנג צווישען די פעלזען, נאָט ווייסט פון ווען־אָן און ביז וואַנען, גאָט ווייסט פאַר וואָס און צוליעב וואָס און צוליעב וועלכען צוועק? און מיר זענען נאָך אַלץ אונטער'ן באַרג, וואָס וואַכסט פאַר אונזערע אויגען, ווערד אַלע מינוט ברייטער און העכער און שענער, און עס דאַכט זיך, אז ער לויפט שוין ניט מעהר פון אונז, ווי פריהער, נאָר, אדרבה, ער געהט אונז אַקעגען מקבל־פּנים זיין, קוקט אויף אונז פריינדליך, נאָר מיט גדלות, ווינקט צו אונז, אז מיר, פיער אידישע שריפט־שטעלער, זאָלען זיך מטריח זיין אהין, צו איהם אַרויף, נאָהענט צום הימעל, צו גאָט'ס שטוהל; דאָרט וועט ער אונז ווייזען זיינע גרויסע וואונדער; דאָרט וועט ער אונז לייענען א קאַפּיטעל פון מעשה־בראשית; דאָרט וועט ער אונז דערצעהלען וואָס גאָט קאָן, און פון דאָרט וועט ער אונז בעווייזען דאָס נידעריגע, נאַרישע וועלטעל, וואו נאַרישע קינדער האָבען אויסגעבויעט קליינע שטי־בעלעך און האָבען דאָס א נאָמען געגעבען שטעדט, געלאָזט לויפען קליינע וועגעלעך און האָבען דאָס א נאָמען געגעבען באַהנען, האָבען זיך פערשטעלט פאַר מלכים, קעניגען און פרעזידענטען,

שפּיעלען אין מלחמות, ים־געשלעג, האַרען און קנעכט — פּונקט אַזוי ווי ביי די גרויסע...

ביי יעדען פון אונז בעקומט דער באַרג איין אַנדער נאָמען: ביי איינעם הייסט ער „דער זקן״; דער אַנדערער האָט געפונען, אַז איהם פּאַסט הייסען „דער גדול״; נאָך איינעם איז געפעלען איהם אַ נאָמען געבען „רב זייט זשע מוחל״. דעם זיידען רב מענדעלי האָט זיך פערגלוסט אַראָפּברענגען אַהער דעם גרעסטען ריעז עוג מלך הבשן, וואָס זאָל חאַפּען דעם באַרג אויף די פּלייצעס און לויפען מיט איהם ת״ק מייל אין איין אָטהעם און וועלען אַרויפוואַרפען איהם אויף די אידען; פּלוצים טהוט נאָט אַ נס און עס וואַכסען־אויס ביי׳ם מערדערישען קעניג צוויי צייהן, איי־נער אַרויף, דער אַנדערער אַראָפּ, און דער מערדערישער קעניג בלייבט שטעהן מיט׳ן באַרג, ניט אַהער, ניט אַהין — אַ זעלטען טראַגיקאָמישעס בילד!...

— ווי אַזוי הייסט ער, אָט דער שענער באַרג?

אַלע אויגען קוקען אויף מיין קאַלעגאַ מיט׳ן הייסען טעמפּע־ראַמענט — ער איז דאָך אין דער שווייץ אַ גאַנצער בעל־הבית: ער קען זיך, זאָגט ער, מיט אַלע בערג און איז אויסגעבונדען מיט אַלע טייכען און טייכלעך — מיט איינעם אַ וואָרט, אַ „היימישער מענש״. מיין קאַלעגאַ מיט׳ן הייסען טעמפּעראַמענט האָט זיך אָפּגעשטעלט, געוואָרען רויט, געריבען זיך דעם שטערן, געקוקט אַרויף, אויפ׳ן סאַמע שפּיץ באַרג; נאָכדעם האָט ער אויסגע־שפּינען מיט אַזאַ כעס, גלייך ווי עמיצער וואָלט איהם אָנגעטראָטען אויפ׳ן פוס:

— טפו זאָל דאָס ווערען! איך האָב פערגעסען דעם נאָמען פונ׳ם באַרג! געוואוסט נאַר־וואָס — און פערגעסען! וואָס זאָגט איהר דערויף?

— פערגעסען? — רופט זיך אָן דער זיידע רב מענדעלי. — תערסט דו! וואָס פערגעסעניש מאַכט — פרעגט ביי מיר. נישמאַ

קיין ערגערע שטראָף אויף דער וועלט, ווי אז מע פערגעסט! מיר איז בעקאַנט דער טעם, אז מע ווייסט עפּיס א זאך און פּלוצים פליהט דאָס ארויס פון זכרון, ווי א פויגעלע פון דעם שטייגעלע — געה האַפּ דאָס! פערגעסעניש איז א חולאת, איין אָנשיקעניש, איין אומגליק אויף א מענשען! אויב איהר ווילט, קינדער, וועל איך אייך דערצעהלען א מעשה, נים קיין פאַנטאַזיע, נאָר טאַקי א מעשה שהיה, וואָס מיט מיר האָט געטראָפען אין אדעס פאַר עטליכע יאָהרען. א מעשה מיט א האָטעל...

— איך וועל אייך דערצעהלען א שענערע מעשה, וואָס מיט מיר האָט געטראָפען אויך אין אדעס!... הערט איהר? ס'איז ווערטה צו בעשרייבען!...

אזוי האָט זיך אָנגערופען מיין קאָלעגע מיט'ן הייסען טעמ־פּעראַמענט און האָט שוין געוואָלט אָנהויבען דערצעהלען, האָט איהם דער פּאָעט איבערגעשלאָגען:

— אָט וועל איך אייך דערצעהלען נאָך א שענערע מעשה, וואָס מיט מיר האָט זיך געטראָפען, נים אין אדעס, נאָר אין זשיטאָמיר!

— און וואו בין איך? — האָט זיך ארויסגעחאַפּט דער פּער־טער, טאַקי איך אליין. — איך וועל אייך בעסער דערצעהלען א מעשה פון דריי שטערט מיט א מאָל, וועט איהר זיך האַלטען ביי די זייטען!...

— פון דריי שטערט מיט א מאָל? אויב אזוי — קומט אייך די בכורה!

אזוי האָט זיך אָנגערופען דער זיידע מיט א הילכיגען געלעכ־טער און מיט א ניגון און האָט א מאַך געטהאָן מיט דער האַנד אין דער לופטען, ווי איינער רעדט: „איהר האָט אויסגעחאַפּט?... פאַר אייך די מציאה!"...

אלע פּיער האָבען זיך צעלאַכט, און איך האָב מיך דערמאָנט אינ'ם פּסוק: „שבעה דברים בגולם", און פערשטאַנען, ווי אומ־

טאַקטיש עס איז פון אונזער זייט, וואָס מיר זענען אריינגעפאָהרען מיט אונזערע מעשיות דעם זיידען אין די רעד אריין, און מיר זייגען גרייט געווען פעררוכטען אונזער פערברעכען. מיר האָבען אָבער לאַנג בעדאַרפט בעטען דעם זיידען, ער זאָל אונז דערצעהלען די מעשה, וואָס מיט איהם האָט זיך געטראָפען אין אדעס, און דער זיידע (אז מע בעט איהם שטארק, פועל'ט מען ביי איהם) האָט פערקאַטשעט די ארבעל, ווי זיין שטייגער איז, ארויפגערוקט די ברילען אויפ'ן הויכען, ווייסען, קלוגען שטערן, וואָס קוקט־ארויס פון די חוואַלעדיגע שניי-ווייסע האָר. די קליינע נאָר שאַרפע, טיעפע, דורכדרינגענדיגע אויגען האָבען זיך האַלב גע־שלאָסען, געקוקט ארויף, א ביסעל אין א זייט, און אויפ'ן פנים האָט זיך צעגאָסען דאָס שיינענדיגע קינדערשע שמייכעלע, וואָס מאַכט איהם תמיד יונגער מיט פופציג יאָהר און גיט איהם צו אזוי פיעל חן, אז עס ווילט זיך זיצען אזוי אייביג נעבען איהם און האָרכען איהם רעדען און רעדען און רעדען!...

און לאַנגזאַם, ווי זיין שטייגער איז, מיט א האַלב־קאָמישען, האַלב־ערנסטען טאָן, האָט ער אָנגעהויבען זיין געשיכטע בזה הלשון:

— דאָס איז געווען, ווי איך האָב אייך געזאָגט, מיט עטליכע יאָהר צוריק אין אדעס, דאָס הייסט, ניט אין אדעס גופא, נאָר עטליכע סטאַנציעס הינטער אדעס. קורץ, איך בין געפאָהרען אהיים קיין אדעס. אָסיענצייט איז דאָס געווען. דער אינדרויסען האָט זיך איינגעהילט אין א רעגענמאַנטעל. דער הימעל האָט גע־גאָסען מיט טרערען, דער ווינד האָט געקלאָגט, די ערד האָט גע־טרויערט, געבענקט נאָך דער ליעבער וואַרעמער זון, ווי איין אַלמנה נאָך איהר מאַן. די בוימער האָבען זיך שוין לאַנג אָפּגע־טרייסעלט פון די געלע בלעטלעך, די פויגלען האָבען פערלאָזען זייערע נעסטען, צוגעזאָגט אויף, אם ירצה השם, איבער א יאָהר צוריק קומען, אז גאָט וועט שענקען דאָס לעבען... א דריבנע רע־

גענדרעל האָט געזופּט פון אויבען אונאויפהערליך און פון צייט צו צייט צעבייזערט זיך און געשמיסען אין די פערשוויצטע פענסטער פון אונזער וואגאָן, וואו מיר זענען זיך געזעסען גאַנץ ברייטליך, בעקוועם, אין דער וואַרעם, אַ גאַנצע קאָמפּאַניע און געשמועסט פון פערשיעדענע זאַכען, ענינים און געגענשטענדען. אַקעגען מיר איז געזעסען אַ פּאַסאַזשיר, אַ געבילדעטער, אַ בעלעזענער, אַ פּראַכטפולער מענש, ווי עס האָט זיך אַרויסבעוויזען נאָכדעם — אַ כריסט, אַ זעלטענער אידענפריינד. איהר ווייסט, אַז איך האָב פיינט אַ מה־יפית־אידען ערגער ווי אַ משומד, און ווער נישט נתפּעל פון אַ כריסט, וואָס זאָגט אויף אונז אַ גוט וואָרט. נאָר צו דעם פּאַרשוין האָב איך געהאַט אַ פּערזענליכע סימפּאַטיע דורך אַ פערבאָרגענער צוציהונגסקראַפט, וואָס ליגט אַ ביסעל טיעפער פון אונזער פערשטאַנד. וואָס זאָל איך אייך זאָגען? איך האָב זיך געפיהלט מיט איהם אַזוי גוט, איך וואָלט זאָגען: היימיש, אַז עס וואָלט ווירקליך מיר ניט נמאס ווערען פאָהרען מיט איהם נאָך דריי טעג. עס האָט זיך מיר געוואָלט מיט עפּיס וואָס־ניט־איז נוצליך זיין איהם, טהון עפּיס אַ געפעליגקייט, און שטעלט אייך פאָר, אַז די גוטע געלעגענהייט איז מיר געקומען צו דער האַנד גאַנץ אַליין, פון זיך. וואָס איז די מעשה? אַזוי ווי ער פאָהרט דעם ערשטען מאָל אין מיין שטאָדט, אין אדעס, וואָלט ער וועלען עפּיס אַ רעכטע סטאַנציע, איין אָנשטענדיגעם האָטעל, און אַזוי ווי איך בין איין אדעסער תושב פון אַ סך יאָהרען, אפשר איז מעגליך, איך זאָל איהם רעקאָמענדירען נאָך מיין פערשטאַנד דאָס שענסטע און דאָס בעסטע האָטעל אין אדעס?

— אַ האָטעל? אָך!...

מיט ביידע הענד האָב איך מיך אָנגעכאַפּט אינ'ם דאָזיגען צופאַל און האָב גענומען איהם אויסמאָהלען מיט די שענסטע פאַרבען אַ בעוואוסטעם האָטעל, לויט מיין מיינונג, דאָס גרעסטע

און דאָס שענסטע האָטעל, וואָס אין דער שטאָדט. ערשטענס, די פּאַנאָראַמע. דאָס הויז איז אויפגעשטעלט געוואָרען אַזוי קונ־ציג, אַז אַלע פענסטער קוקען־אַרוים אויפ׳ן ים. היינט די ברייטע, הויכע, ליכטיגע חדרים, דער פּרעכטיגער ווינטערגאָרטען, די אָראַנ־זשעריען, דאָס לעזע־צימער, די בעדיענונג, איך מיין די „מענשען". היינט דער רעסטאָראַן, די מוזיק — קורץ, איך האָב מיך אַזוי בעגייסטערט, גלייך ווי איך וואָלט געמאָהלט אַ גן־עדן, ניט קיין האָטעל.

אַ ליכטיגע, וואַרעמע, פּריילַיכע סטאַנציע אין אַ פרעמדער שטאָדט, בשעת אין דרויסען איז אַזוי אָנגעחמורעט, איז צעהן מאָל אַזוי אָנגעלעגט, ווי אין איין אַנדער צייט. מיין פּאַרשוין האָט מיך אויסגעהערט מיט לויכטענדיגע דאַנקבאַרע אויגען און מיט אַ שיינענדיג גליקליך פּנים. איך האָב בעמערקט, ווי ער האָט אַרויסגענומען פון דער טאַש אַ נאָטיץ־ביכעל, אָפּגעשפּילעט פונ׳ם זייגער אַ גאָלדען שטיפטעל, און האָט געוואַרט ביז איך וועל ענדיגען, אום ער זאָל קאָנען פערשרייבען דעם נאָמען פונ׳ם האָטעל. איך בין אָבער נאָך אַלץ געווען בעגייסטערט פון מיין בעשרייבונג און האָב ניט אויפגעהערט אויסצורעכענען די מעלות פונ׳ם מערקווירדיגען האָטעל. איך האָב גאָר ניט בעמערקט, אַז מיר זענען שוין אָט־אָט אין אָדעס. נאָר אַז דער עולם האָט גע־נומען אויפהויבען זיך פון די ערטער און קוקען אַרויף צו די פּעק־לעך, האָט מיין פּאַרשוין פּאַרזיכטיג, מיט זעהר אַ פריינדליך שמייכעלע, זיך געווענדעט צו מיר און האָט מיך זעהר העפליך אַ פרעג געטהאָן, ווי אַזוי איז דער נאָמען פונ׳ם האָטעל?

— אך! יאָ, דער נאָמען? אָט באַלד וועל איך אייך זאָגען!...

און איך האָב מיך אויף אַ ווײַלע פערטראַכט — גאָט מיינער! ווי אַזוי איז דער נאָמען? אָט ערשט האָב איך געוואוסט... בלאָטע! ניטאָ קיין נאָמען! אוועקגעפלויגען!... אומזיסט האָב איך מיר געריבען דעם שטערן, געזוכט אין אַלע קעשענעס —

נישטא קיין נאמען! אפשר מיינט איהר, א שווערער נאמען, א פערפלאנטערטער, וואס איז ניט גרינג צו געדענקען? אט וועט איהר הערען! קיין מעהר גריגגערער נאמען קאן שוין גאר ניט זיין אין דער וועלט! נאך מעהר, דאס איז אזא נאמען, וואס מע קאן איהם ניט פערגעסען, מע זאל אפילו וועלען! איהר וועט הערען, וועט איהר אליין זאגען! קורץ, איך האב געמיינט, אז איך וועל מיר נאר א מעשה אנטהון! דער נאמען איז מיר געלעגען, ווי מע זאגט, אויף דער צונג: אט־אט! נאר ארויסרעדען איהם — בשום אופן ניט, חאטש שריי חי וקיים! חאטש לעג זיך און שטארב! איך וועל אייך מעהר ניט דערצעהלען. מיין פארשוין האט, אפנים, געזעהן מיין טרויעריגע לאגע. ער האט געוואלט מיר אויסהעלפען ווי ווייט מעגליך, ארויסציהען מיך פון דער בלאטע, וואוהין איך בין מיט מיין אייגענעם ווילען פערקראכען. ער האט דערצו אנגעווענדט אלע קרעפטען. ער האט מיר גענומען אונטערזאגען, אויסרעכענען אלע נעמען פון דער גאנצער וועלט. דא איז געווען: „גראנדהאטעל“, „בעלוויו“, „טערמינוס“, „מעטראפאל“, „נאציאנאל“, „אינטערנאציאנאל“, „בריסטאל“, „פאריז“, „מאדריד“, „סאנקט פעטערסבורג“, „שיקאגא“, „סאנרעמא“, „לאנדאן“, „האמבורג“, „קאנסטאנטינאפאל“ — ניין, ניין און ניין! קורץ, מיין פארשוין האט געזעהן, אז נעמען פון שטעדט געהען ניט, האט ער זיך אווארף געטהאן אויף נעמען פון לענדער: אפשר „פראנציע“? „מאנטענעגרא“? „אנגלעטער“? „ראססיא“? „עסטרייך־אונגארן“? „בעלגיע“? „האלאנד“? „בראזיליע“? „ארגענטינא“? — וואו? עס הויבט זיך גאר ניט אן! אפשר „האטעל פאסט“? „האטעל ראיאל“? „האטעל אייראפא“? „האטעל לאוור“? „האטעל דאגמארא“? „האטעל אימפעריאל“? — קורץ, איך האב געזעהן, ווי מיין פארשוין האט בעהאלטען דאס נאטיץ־ביכעל, צוגעשפילעט צוריק צום זייגער דאס גילדענע שטיפטעל, זיך גאנץ העפליך מיט מיר אפגעזעגענט, געדאנקט, געבעטען, איך זאל מיך ניט בעמיהען,

ער וועט שוין ווי־ס׳ניט־איז אליין זעהען, מע זאל איהם פיהרען אינ׳ם בעסטען האטעל... און איך? א גרוב, ווען עס עפענט זיך מיר, וואלט איך ארײַן א לעבעדיגער! אזא שאנדע! אזא סקאנ־דאל! אויספּאטשען זיך! שמיץ בין איך דאך ווערטה געווען!... און איך האב גענומען זיך אליין זאגען מוסר: אלטער נאר וואס דו ביזט! דו אליין זאגסט אלע טאג איין איבערגעדרעהטען מדרש: מוטב שאהיה רשע כל ימי, בעסער לאָם איך זיין א רשע אלע מײַנע יאהרען, ואל אהיה שוטה אפילו שעה אחת, אבי ניט זיין קיין נאר איין שעה אפילו, — זאלסט דו אפּטהון אזא דומ־היית? ווער האט דיך געבעטען, זאלסט זיך פּארשטעלען פאר א בעל־טובה? ווער האט דיך געבעטען, זאלסט רעקאמענדירען איין אומבעקאנטען מענשען א האטעל אין אדעס? ווי קומט צו דיר האטעלען? און ווי אזוי פערגעסט מען דאס א זאך, וואס מע ווייסט, וואס מע זעהט דאס אלע טאג, וואס מע קלערט פון דעם אלע מינוט???...

קורץ, איך וועל אייך מעהר ניט דערצעהלען. איך בין גע־קומען אהיים א צעקאכטער, ארומגעגאנגען איבער׳ן שטוב און געריבען זיך דעם שטערן, טאמער וועל איך מיך דא חאטש דער־מאנען דעם נאמען פונ׳ם האטעל? — נישטא קיין נאמען!

— ווייסט דו ניט, — זאג איך צו מיין ווייב — ווי אזוי הייסט דאס האטעל?

— וואסער האטעל?

— הערסט! איך זאל איהר זאגען וואסער האטעל! איך פרעג דאך ביי דיר!

— זאג מיר דעם נאמען — מאכט זי צו מיר.

נו? נעהט רעדט מיט א אידינע! בקצור, מע דארף אליין זיך מטריח זיין דורכגעהן גלייך אהין צום האטעל! נאר, ווי געוועהנליך, אז א מענש קומט פון וועג, געפינען זיך אכצעהנ־

הונדערט געשעפטען, בריעף, עסקים — מע דארף דאָס אַלץ ערלעדיגען. און איך ווער נאָך מעהר אויפגעערגט, נערוועז, איין כעס אויף זיך און אויף דער גאַנצער וועלט, לאָז אוים דאָס הארץ צו די אומשולדיגע. און אָט אזוי האָט מען מיר פערדרעהט דעם קאָפּ. עס איז געוואָרען נאַכט, מע האָט שוין לאַנג אָפּגעגעסען, מע דארף זיך שוין לעגען שלאָפען — און מיך מוטשעט נאָך אַלץ דער נאָמען פונ'ם האָטעל. האָט איהר געהערט א מעשה?... קורץ, איך וועל אייך מעהר ניט דערצעהלען. עס איז געבליבען, אז מאָרגען כאור געה איך צום האָטעל גאָר אָהן א שום תירוץ! עס נעמט מיך אָבער ניט קיין שלאָף! איך וואָלט שוין וועלען דערלעבען טאָג, וועל איך מיך אָנטהון און וועל פריהער פאר אַלע היומס צוגעהן צום האָטעל און א קוק טהון אויפ'ן שילד, וואָס פאר א נאָמען עס טראָגט. פלוצים טהוט דאָס מיך א טראָג־אויף פונ'ם בעט און איך טהו מיך אָן.

— גאָט איז מיט דיר! — זאָגט צו מיר מיין ווייב, איין איבערגעשראָקענע נעבאך אויף טוידט. — וואוהין איז?

— איך וועל דאָס ניט אויסהאַלטען! — זאָג איך. — איך מוז געהן באַלד א קוק טהון!

— וואוהין א קוק טהון?

— נעם א לאַנטערן — זאָג איך צו מיין ווייב — און קום מיט מיר!

— וואוהין?

— פרעג מיך נישט, קום!

מילא, די לאַגע פון מיין ווייב נעבאך פערשפּאָר איך אייך צו בעשרייבען. איהר דארפט אליין פערשטעהן די לאַגע פון א ווייב, וואָס איהר מאַן איז אָוועקגעפאָהרען פון דער היים, דאכט זיך, געזונד און שטארק — און קומט צו פאָהרען אהיים א ברונז'ער, רעדט ניט, שפּאַנט־ארום איבער דער שטוב און רייבט זיך דעם שטערן, ווי א פערריקטער, און פלוצים חאַפּט ער זיך אויף ביינאַכט

פון בעט, הייסט אָנצינדען א לאַנטערן און זאָגט: „קום!“...
נאָר וואָס טהוט ניט א ווייב נעבאך צוליעב איהר מאַן? מע זאָגט
איהר „קום“ — געהט זי! קורץ, וואָס טויג אייך, איך געה, מיין
ווייב געהט מיר נאָך. איך טיאָפּקע אין דער בלאָטע, מיין
ווייב טיאָפּקעט מיר נאָך. גאָט האָט געהאָלפען, מיר זענען גע־
קומען. געקומען צום האָטעל, אויפגעהויבען די לאַנטערן, איך
געב א קוק אויפ'ן שילד — אנו, טרעפט, וואָס פאַר א נאָמען?
אז איהר וועט זיין מיט אכצעהן קעפּ, וועט איהר אויך ניט טרע־
פען! דאָס האָטעל הייסט מיט'ן נאָמען: „אָדעסאַ“!!!...

ג.

דער פּאָעט און זיין כלה

— נו? אַצינד דערצעהלט איהר; איהר האָט, זאָגט איהר,
צו דערצעהלען א שענערע מעשה.

אזוי האָט זיך געווענדט דער זיידע רב מענדעלי צו מיין
קאָלעגע מיט'ן הייסען טעמפּעראַמענט, וועלכער האָט גענומען
פערענטפערען זיך, אַז, ערשטענס, האָט ער ניט געזאָגט, אז ער
ווייסט א „שענערע“ מעשה. דאָס האָט גאָר געזאָגט דער פּאָעט.
און אויב ער האָט דאָס יאָ געזאָגט, האָט ער ניט דאָס געמיינט.
א סימן, זאָל דערצעהלען דער פּאָעט פריהער זיין מעשה, נאָכדעם
שוין וועט ער דערצעהלען זיין מעשה.

און עס איז געבליבען, אז דער פּאָעט זאָל דערצעהלען פריהער
זיין מעשה. און דער יונגער פּאָעט האָט זיך אויסגעהוסט און
האָט אָנגעהויבען צו דערצעהלען זיין געשיכטע כהאי לישנא:

— געוויס איז יעדער פון אייך געווען א מאָל א חתן און
געהאַט א כלה. איהר זענט עלטער פון מיר, האָט איהר דאָס
אפשר שוין לאַנג פערגעסען. איך געדענק עס נאָך, אזוי ווי נעכ־
טען איז דאָס געווען. אך! וואָס פאַר א ליכטיג שטיקעל צייט!

מיר איז גוט, ווי די וועלט! מיך האָט געטראָפען אַ גליק! איך בין אַ חתן, איך נעם אַ כלה, אַ שען מיידעל, מיט זעכסהונדערט קאַרבען נדן, מיט צוויי יאָהר קעסט, מיט אַ גאָלדענעם זייגער אין דער טאַש, און בין אין אַ גרויסער שטאָדט, אין זשיטאָמיר, און אין דרויסען איז ל״ג־בעומר׳דיג, די זון צעגיסט זיך אין בריליאַנ־טען, דער לויטערער הימעל שפּינעלט זיך, די פויגעלעך זינגען, אופ׳ן הארצען איז יום־טוב׳דיג, עס ווילט זיך אַרומנעמען די גאַנצע וועלט, זיך צעקושען מיט אַלע מענשען אויף דער ערד! איך קאָן מיר גאָר ניט פאָרשטעלען, אויב עס איז פאַרהאַן ביי מיר אויף דער וועלט איין מענש, וואָס זאָל מיר ניט זיין „היימיש", ווי דער זיידע זאָגט, וואָס זאָל מיר ניט זיין בעפריינדעט, איינ־געבאַקען אין הארצען! דאָס וואָרט „פרעמד" עקזיסטירט מעהר ניט! וואָס הייסט דאָס, מענשען זאָלען גאָר זיין פרעמד? אַלע, וואָס מע האָט ליעב, איז ניט פרעמד, און איך האָב ליעב אַלעמען! איך האָב ליעב זימעל דעם שניידער, וואָס לויפט מיט דער אַרבייט, חיים־הערש דעם בעל־עגלה, וואָס עס שמעקט פון איהם סמאָלע, לייזער־בער דעם וואַסערפיהרער מיט די אָנגעשוואָ־לענע פּאַפּעצים און מיט׳ן אָפּגעשיילטען פנים, און אפילו איוואַן דעם גוי, וואָס אַז ער שכור׳ט זיך אָן, שווערט ער זיך, אַז ער וועט אויסקוילען אַלע אידען, וואָלט איך אַרומגעכאַפּט קושען זיין חנ׳עוודיגע שאַרשאַווע שטעכעדיגע מאָרדע. הייגט לערענט אייך אָפּ אַ קל וחומר: מה־דאָך איוואַן, וואָס אָט שכור׳ט ער זיך אָן און מאַכט אַ תל פון אַלע אידען, גלוסט זיך מיר אַרומנעמען איהם מיט ביידע הענד, הייגט לא־כל־שכן אַ חבר, וואָס איך בין מיט איהם אינאיינעם אויסגעוואַכסען, אינאיינעם אַוועק קיין וואָלאָזשין אין דער ישיבה, אינאיינעם געהונגערט, אינאיינעם אויסגעריסען געוואָרען!... קורצע ווערטער, איך האָב מיך בעגעגענט מיט מיין חבר דעם ערשטען טאָג, וואָס איך האָב געמאַכט אַ שפּאַציער מיט מיין כלה איבער דער שטאָדט, און איהר פערשטעהט שוין אַליין, אַז איך האָב געוואָלט, אַז מיין כלה זאָל וויסען, ווער מיין חבר איז,

און מיין חבר זאָל וויסען, ווער מיין כלה איז, און זיי זאָלען זיך בעקענען, און זיי זאָלען זיך ליעב קריגען איינס דאָס אנדערע, אזוי ווי איך האָב ליעב זיי און זיי מיך און מיר אלע די גאַנצע וועלט! און איך בין געפאלען מיין חבר אויפ'ן האלז און האָב מיך צעקושט מיט איהם, און אין איין וועגס מיט מיין כלה, און האָב זיי פאָרגעשטעלט איינס דאָס אנדערע: „דאָס איז מאַ־דעמואזעל... פריילין... ע־ע־ע... מיין כלה... זי הייסט... יאָ! און דאָס איז הערר... מאָסיע... ע־ע־ע... דאָס איז מיין בעסטער טייער־סטער חבר... זיין נאָמען איז... איך האָב דיר, דאכט זיך, דער־צעהלט פון איהם, נשמה מיינע? מע רופט איהם... ער וועט דיר שוין אליין זאָגען, ווי אזוי מע רופט איהם... ווי אזוי רופט מען דיך? דו ווייסט דאָך, ווי אזוי מע רופט דיך! וואָס שווייגסט דו?!...

איהר פערשטעהט דאָך שוין מסתמא, פאר וואָס מיין חבר האָט געשווינגען? ער האָט געווים געערעבענט, אז פאר גרוים גליק בין איך אראָפּ פון זינען... נאָר וואָס מיין כלה האָט זיך בשעת מעשה געטראכט — דאָס ווייס איך ניט עד היום הזה. מיר זענען שוין, ברוך השם, מאַן און ווייב עטליכע יאָהר און מיר רעדען נישט דערפון עד היום הזה. עס איז אונז ביידען נישט אנגענעהם דערפון צו רעדען. ס'איז דאָ זאכען, וואָס מע וויל זיי פערגעסען, אויסמעקען פונ'ם זכרון, נאָר עס איז אונמעגליך! דאָס, וואָס מע דאַרף געדענקען, פערגעסט מען, און דאָס, וואָס מע וויל פערגעסען, געדענקט זיך... דאָס איז, הייסט עס, דער היוצא לנו מזה, די מאָראל פון דער געשיכטע. איך האָב געענ־דיגט. אצינד זאָלען אנדערע דערצעהלען.

אזוי האָט אויסגעלאָזט דער יונגער פּאָעט, און מיין קאָלעגע מיט'ן הייסען טעמפעראַמענט האָט אָנגעהויבען צו דערצעהלען זיין געשיכטע מיט א קללה, ווי זיין שטייגער איז אלע מאָל, ווען ער רעדט פון דעם, וואָס ער האָט ניט ליעב.

ד.

ווי אזוי רופט מען מיך?

— אז עס האבען זיך אנגעהויבען ביי אונז אין אדעס די בהלות מיט׳ן שיף פאטיאמקין, מיט די באמבעס, וואס זענען געפלויגען איבער אונזערע קעפ, און מיט די שרפות און הריגות, האב איך געזאגט: איינגעזונקען זאל דאס ווערען היינטיגען טאג, איך וויל ניט זיין דערביי! איך וועל מיר בעסער פאהרען אין עק וועלט, חאפט דאס דער רוח! און איך האב מיך גענומען גרייטען אין וועג אריין. נאר עס איז גרינג צו זאגען: פאהרען! אזוי גיך לאזט אייך ארויס קוואס פון דער פאס? מע דארף א פאס!... איך בין ניט שולדיג, וואס עס גראמט זיך ביי מיר קוואס מיט פאס און מיט פאס און מיט גאס און מיט משוגעת... יא, איז וואו האלט איך? דארף מען אנהויבען ארבייטען מכח א פאס, האבען צו טהון מיט אלערליי פארשוינען, ימח שמם וזכרם, און בעקענען זיך מיט די שרייבערלעך, עס זאל אויף זיי קומען א חלירע היינטיגען טאג!...

— איהר זענט שוין אבאלד פארטיג מיט דער גאנצער תוכחה. אפשר וואלט געווען א סברה, איהר זאלט אויפהערען שעלטען און בעסער דערצעהלען טאקי די מעשה אליין?

אזוי האט זיך אנגערופען דער זיידע, און מיין קאלעגא מיט׳ן הייסען טעמפעראמענט האט גענומען פארטזעצען זיין ערצעהלונג:

— איך שעלט דען וועמען? חאפט עס דער רוח! איך זאג עס גלאט אזוי, זאל עס אייך געהן כפּרהקלע! הכלל, האב איך גענומען אויסארבייטען מיר א פאס. און וואס עס הייסט ביי אונז אויסארבייטען א פאס — דאס דארף איך אייך, דאכט מיר, ניט דערצעהלען? אויסארבייטען א פאס הייסט: בעקענען זיך מיט אלע מארדעס פון אלע פאראזיטען און טיילען געלד, ווי, להבדיל, ביי אידען ערב יום־כפור ביי דער שוהל. יעדער מאך־

דע — א קארב! בקצור, איך האָב מיך אָנגעקוקט מיט געגוג מאָרדעס, ביז איך בין געקומען צו יעהאָ בלאַהאָמאָרדיע דעם אָדון אליין... דורכגעגאַנגען אלע שבעה מדורי גיהנום, בין איך אריינ־געקומען צום אָדון אין קאבינעט אריין און געטראָפען איהם ביי דער רעכטער ארבייט — סקריפען מיט דער פען. און דאָס ווייסט איהר דאָך, אז א טשינאָווניק סקריפעט מיט דער פען, איז ער דעמאָלט — חיות ניט זיכער! די גאַנצע וועלט מעג אונטערגעהן, מוז מען שטעהן און אָפּווארטען, ביז ער וועט אויפהערען צו סקריפען. איך בין אָבער זעהר קיין בעלן ניט צו שטעהן ביי דער טהיר און ווארטען ביז יעהאָ בלאַהאָמאָרדיע וועט אמאָל אויפהערען סקריפען. האָב איך מיך מיישב געווען און האָב מיר געגעבען א הוסט אזוי פון דער גרינג, געשיקט א שטאָפּעט, הייסט עס, אז עס איז געקומען א מענש...

מיין אָדון אָבער הערט ניט אויף צו סקריפען. בין איך מיך מיישב און געב א העכערען הוסט. הויבט ער אויף דעם קאָפּ, שטעלט ארויף אויף מיר א פּאָר אָנגעגאָסענע אויגען און עפענט־אויף א געמבע:

— טשטאָ נאַדאָ? (וואָס דאַרפסט דו?)

ווער איך דאָך מסתמא שוין אָנגעצונדען, ווי א שוועבעלע. וואָס איז דאָס פאר א „טשטאָ נאַדאָ"? און וואָס דאַרף מען עפענען אזא מויל? איך, אז איך ווער אין כעס, פערגעס איך באַלד אויף וואָס פאר א וועלט איך בין; עס ווערד מיר פינסטער אין די אויגען, עס הויבט מיר אָן צו קיצלען אָט־א־דאָ אין נאָז. וואָס עס קומט מיר אין מויל אריין דאָס זאָג איך, און עס גלוסט זיך מיר צעברעכען וואָס איך זעה, צערייסען, מאַכען א תל! איך געדענק א מעשה, איך בין געווען א קינד נאָך, א יתום בין איך געווען, און האָב פיינט געהאַט דאָס וואָרט „יתום" אזוי ווי חזיר, און האָב נישט געקאָנט ליידען, אז מע האָט מיר ארויסבעוויזען, אז מע האָט רחמנות אויף א יתום. רחמנות אז מע בעווייזט ארוים פאר דער גאַנצער וועלט —

עקעלט דאָס, שלאָגט צו דער גאַל, פּאַסקודסטווע! בקיצור, איך בין געווען אַ יתום און מע האָט אויף מיר געהאַט רחמנות, און מעהר פון אַלע האָט אויף מיר רחמנות געהאַט אונזער שכנה, יהושע'כע האָט מען זי גערופען. איז זיך מיישב איינמאָל אָט די יהושע'כע און האָט רחמנות אויפ'ן יתום און נעמט איהם אָן, איך בעט אייך איבער אייער כבוד, אַ פּאָר הויזען. מילא, איך זאָל אייך דערצעהלען די גרויסקייט, די שענקייט און די רייכקייט פון די הויזען — איז ניט שייך. איין מאָל אין הונדערט יאָהר גיט זיך איין אַזאַ פּאָר הויזען. איך וויים ניט, אויב מע קריגט זיי היינט פאַר דריי רובל אַ טויז! מילא, בין איך אייך נישט אויסען. איהר האָט נאָר בעדאַרפט אָנקוקען, ווי די יהושע'כע האָט צונויפגערופען אַלע שכנות מיט אַלע יענטע־מירעלס פון דער גאַס, צענומען די הויזען, בעוויזען די הויזען פאַר דער גאַנצער וועלט, אַלע זאָלען זעהען, וואָס פאַר הויזען אָט די יהושע'כע האָט אָנגענומען דעם יתום. און די גאַנצע וועלט האָט זיך געשפּיעגעלט אין די הויזען, בעטראַכט זיי ווי איין אבן־טוב, געשאַצט און מקנא געווען ניט אַזוי דעם יתום אויף די בעריהמטע הויזען, ווי יהושע'כען אויף דער מצוה... איך בין געשטאַנען פון דער ווייטען אַ צעקאָכ־טער, טרערען האָבען זיך מיר געשטעלט, ניט אין די אויגען, נאָר אָט אַ־דאָ־אָ, אין גאָרגעל. יהושע'כע האָט מסתמא גערעכענט, אַז איך בין אויפ'ן זיעבעטען הימעל פון דער מתנה, נאָר איך שעם זיך, האָט זי זיך אָנגערופען צו מיר זיס אַזוי ווי צוקער:

— קום אהער, יתום, שעם זיך ניט, מעסט נאָר אָן אויף אַ מינוט די הויזען, וואָס איך האָב דיר אויפגענעהט.

מעהר האָט מען נישט בעדאַרפט. איך בין צוגעלאָפען, גע־חאַפּט די הויזען, אַריינגעפּאָהרען אין זיי פריהער מיט די נעגעל, נאָכדעם מיט די צייהן, דאָס איבעריגע מיט די פיס — קורץ, עס איז אין עטליכע מינוט פון די הויזען געבליבען נאָר אַ זכר, אַז עס איז אמאָל געווען אַ פּאָר הויזען אויף דער וועלט, און נישט מעהר... בקיצור, וואָר־זשע האַלט איך? יאָ, ביי מיין אָדון בפקדך, ווי ער

האָט מיך אָפּגעגאָסען מיט זיין געשריי „טשטאָ נאַדאָ“ און ווי אַזוי איך בין שוין געוואָרען אין כעס און האָב איהם שוין געוואָלט אָפּשפּיעלען אַ וויוואַט, ווי עס געהערט צו זיין. האָב איך מיך אָבער בערעכענט: וואָס וועט זיין דערפון? איך קאָן דאָך דער־ווייל בלייבען אָהן אַ פּאַס! האָב איך מיך איצטיגס מאָל איינגע־האַלטען און געה־צו צום טיש און דערלאַנג איהם די פּאַפּיערען אָהן ווערטער. מיין אָדון האָט געגעבען אַ קוק־אַריין אין די פּאַ־פּיערען און אַ פרעג בּיי מיר: „ווי אַזוי רופט מען דיך?“ שווייג איך. דערזעהן, אַז איך שווייג, האָט ער דאָס קול געהעכערט אויף אַ פּאָר טענער און האָט מיך אַ פרעג געטהאָן נאָך אַ מאָל: „ווי אַזוי רופט מען דיך? ווי אַזוי איז דיין נאָמען?!“... מיין נאָמען??? ווי איהר זעהט מיך לעבען, הערט איהר, פּונקט אין דער מינוט האָב איך פערגעסען, אַז חוץ מיין פּסעוודאָנים האָב איך מיין איינענעם נאָמען. אָבער ווי אַזוי, מיינט איהר, פערגעסען? טאַקי פערגעסען! לחלוטין פערגעסען! אַלע נעמען פון דער גאַנצער וועלט האָב איך געדענקט; אַלע נעמען פון מיינע קרובים, פריינד און בעקאַנטע זענען מיר געשטאַנען פאַר מיינע אויגען, נאָר איין נאָמען, מיין אייגענער נאָמען, איז אַוועק וואו דער ליעבער שבת־קודש געהט אַוועק, פערשוואונדען געוואָרען! הערט אַ מעשה! „רבונו של עולם! ווי אַזוי הייס איך? ווי אַזוי רופט מען מיך? נו???“... פערגעסען, חאָטש האַקט מיר אָפּ דעם קאָפּ! וואָס טהוט מען דאָ? דער אָדון קוקט אויף מיר מיט אויגען, ווי אויף אַ רעכטען שאַלטיק. „אַט־אַט — טראַכט איך מיר — מאַכט ער מיר אַ דריי־נאָרענדיגען מי־שברך מיט אַ בגימטריא, טהוט אַ קלונג און עס קומען־אַריין צוויי מלאכי־חבלה און מע חאַפּט מיך אויף, ווי דער רוח דעם מלמד, און מע פיהרט מיך אָפּ מיט כבוד גלייך אין חאָ־לאָדנע אַריין! איך האָב עס פיינט, ווייל דעם טעם פון דעם האָב איך שוין פערזוכט. גענוג! מעהר וויל איך ניט.

איז דאָך אָבער דאָ אַ גרויסער גאָט, וואָס פיהרט־אויס דעם גערעכטען, גיט ער מיר איין אַ שכל, איך זאָל מיך האַלטען שטאַרק

אזוי ווי אייזען. און די לייט, אז מע האלט זיך מיט זיי שיינגעצע־וואטע און מע הויבט אויף דאס קול נאר אויף איין טאן העכער, אזוי ווערען זיי אייך באלד ווייך, חאטש לעג זיי צו צו א מכה. כך הוה. אט וועט איהר הערען, וואס פאר א שמועס עס האט זיך צווישען אונז פערבונדרען. איך געב איהם אייך איבער אקוראט:

ער: ווי אזוי רופט מען דיך?

איך: וועמען? מיך?

ער: וועמען דען? מיך?

איך: אזוי ווי איך שטעה אין די פאפיערען.

ער: ווי אזוי שטעהסט דו אין די פאפיערען?

איך: לייענען קאנסט דו?

ער: ווער? איך?

איך: ווער דען? איך?

ער (שטארק אויף א קול): קאאאק! מיט מיר רעדסט דו אזוי? מיט מיר? דו ווייסט, מיט וועמען דו רעדסט?!

איך (אויך שטארק אויף א קול): און דו ווייסט, מיט וועמען דו רעדסט?

דערהערט פון מיר אזא הויכען טאן, צו וועלכען ער איז זינט ער לעבט נישט געוואהנט געווארען צו הארכען פון א אידען, האט ער געגעבען א קוק־אריין אין מיינע פאפיערען און האט איבער־געלייענט אין דער הויך מיין נאמען — און מעהר האב איך ניט בעדארפט!

וואס ווייטער איז געווען — איז שוין ניט אינטערעסאנט. איך בין, ברוך השם, ארויס בשלום און דאנק און לויב גאט אלע טאג און אלע שעה, וואס ער האט מיך אויסגעלייזט פונ'ם דאזיגען גלות, הלואי איך זאל פון איהם שוין קיינמאל ניט וויסען!

— אָמן! — האָבען מיר זיך אָפּגערופען אַלע דריי, און דער זיידע האָט אַ וואונק געטהאָן צו מיר, אַז איצט איז מיין צייט צו דערצעהלען. און איך בין צוגעטראָטען צו מיין געשיכטע „מיט די דריי שטעדט".

ה.

אַ מעשה מיט דריי שטעדט

— רבותי! דאָס איז געווען מיט אַ פּאָר יאָהר פריהער פאַר דער „קאָנסטיטוציע". איך בין דעמאָלט געווען אויף מיין רייזע איבער שטעדט און שטעדטלעך. איך האָב געמאַכט אַ טורנע צו גונסטען פון פערשיעדענע חברות איבער גאַנץ ליטא. איינמאָל ארום חנוכה קומען מיר אָן עטליכע איינלאַדונגען מיט אַ מאָל פון דריי שטעדט: מאָהליוו, וויטעבסק און סמאָלענסק, וואָס געפינען זיך אין שכנות, אַלע דריי אויף איין ליניע, און פון אַלע דריי שטעדט פון פערשיעדענע חברות: פון „ריינע ציוניסטען", פון „פועלי־ציוניסטען" און פון „בונדיסטען". זעלבסטפערשטענדליך, אַז די אַלע חברות האָבען געלעבט צווישען זיך פריינדליך, ווי אַ קאַץ מיט אַ מויז. די „ריינע ציוניסטען" האָבען חלילה קיין שלעכטס אויף זייערע חברים די „פועלי־ציוניסטען" נישט גערעדט. זיי האָבען נאָר געשריבען, אַז זיי וויסען, אַז די „פּאַלשע ציוניס־טען" קלויבען זיך אָראָפּבריינגען מיך אין די אויבענדערמאָנטע דריי שטעדט, בכדי אויסצונוצען מיך צו זייער ארבייט, וואָס האָט מיט ציוניזם נאָר נישט צו זאָגען. די „פועלי־ציוניסטען" האָבען אויך נישט בענוצט זיך מיט שאַרפע ווערטער קעגען זייערע קאָלעגען, די „ריינע ציוניסטען". זיי האָבען נאָר בעדויערט, וואָס די דאָ־זיגע פאַלשע משיחים, די שבתי־צבי'ניקעס, פיהרען אגיטאַציע פאַר איין אינסטיטוט, וועלכער איז שוין לאַנג טויט... דערפאַר האָבען די „בונדיסטען" אויסגעגאָסען כל חמתם אויף ביידע ציוניסטישע

חברוו, און פערזיכערט מיך, אז מיין קומען צו זיי איז א גאראנ־טירטער דורכפאל... קורץ, מיט מיר איז געווען ניט פריילין. וואס טהוט מען דא? בין איך געפאלען אויף א המצאה, אויף א אידישע פשרה: „יחדיו" און „יחלוקו". דאס הייסט, איך האב זיי אפ־געענטפערט: „קינדערלעך, אזוי און אזוי. איך קום צו אייך צו פאהרען נאר מיט א תנאי, איהר זאלט זיך פעראייניגען אלע דריי חברות פאר אלע דריי שטעדט"... נאך א קורצער אונטערהאנדלונג איז מיין פראיעקט אנגענומען געווארען, און עס האבען אנגעהויבען לויפען הין און צוריק בריוולעך מיט דעפעשען וועגען מיין מארשרוט, אין וועלכער שטאדט איך זאל זיין פריהער. דער דאזיגער פונקט איז אונז אנגעקומען שווערער, ווי אלע אנדערע פונקטען. אלע טאג האט מען געענדערט דעם פלאן: פריהער איז געווען ביי אונז בעשטימט, אז איך פאהר קיין מאהליוו, פון מאהליוו קיין וויטעבסק, פון וויטעבסק קיין סמאלענסק און פון סמאלענסק צוריק איבער מאהליוו אהיים. נאכדעם איז געבליבען, איך זאל בעסער פריהער פאהרען קיין סמאלענסק, און פון דארטען קיין מאהליוו, און פון מאהליוו קיין וויטעבסק, און צוריק איבער מאהליוו אהיים. נאכדעם איז דער פלאן אויך צעשלאגען געווארען, און עס איז געבליבען, אז איך פאהר קודם קיין וויטעבסק, פון וויטעבסק קיין מאהליוו, פון מאהליוו קיין סמאלענסק, פון סמאלענסק צוריק איבער מאהליוו אהיים. האבען זיך חברה בעטראכט און האבען בעסער אויסגעארבייט א נייעם פלאן, טאקי פון מיין טובה וועגען, אז איך זאל קודם זיך ארפאפחאפען קיין סמאלענסק, פון סמאלענסק קיין וויטעבסק איבער מאהליוו, און פון וויטעבסק צוריק קיין מאה־ליוו, און פון מאהליוו באלד נאכ'ן אווענד גלייך אהיים. טעג האב איך געהאט דערויף: דעם 18טען, 19טען, 20טען. אלזא, גע־דענקט־זשע דעם חשבון מיט קאפ: דעם 18טען — סמאלענסק, דעם 19טען וויטעבסק, דעם 20טען — מאהליוו. ארויסגעפאהרען בין איך דעם 17טען אויף דער נאכט, געגעבען דריי דעפעשען אין אלע דריי שטעדט, אז איך קום צו דער בעשטימטער צייט, און דער

עולם האָט דאָרט צוגעגרייט אַלסדינג, וואָס מע דאַרף, געדרוקט פּלאַקאַטען, בילעטען, פּראָגראַמען און אַזוי ווייטער. פאַהרענדיג צו דער באַהן, האָב איך אָנגעהויבען נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל צעקייען און איבער׳חזר׳ען מיין מאַרשרוט, און מחמת זיי האָבען מיר פערדרעהט דעם קאָפּ מיט זייערע אַלע מאָל נייע פּלאַנען, האָב איך, גאַנץ נאַטירליך, פערלאָרען דעם חשבון, און עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך דאַרף זיין דעם 18טען אין ווימעבסק, דעם 19טען אין סמאָלענסק און דעם 20טען אין מאָהליוו. כך הוה. איך האָב גענומען אַ בילעט און פאָהר מיר גאַנץ רוהיג קיין וויטעבסק. איך קום צו פאָהרען קיין וויטעבסק אויפ׳ן וואָקזאַל, איך דרעה מיך אַרום אַ האַלבע שעה, אַ שעה, צוויי שעה, טאָמער וועט איך עמיצען דערזעהען פון די ציוניסטען אָדער פון די בונדיסטען? קיינער איז נישט אַרויסגעקומען מיך אַפּנעמען, מקבל פּנים זיין!

טאַקי ציוניסטען און טאַקי בונדיסטען, און פּאַרט ניט אין אָרדנונג... און איך האָב מיר גענומען איין עקיפּאַזש און הייס מיך פיהרען אין דעם גרעסטען האָטעל. געדונגען אַ נומער, זיך איינגעוואַשען, איבערגעטהאָן גאַנץ רוהיג, און טראַכט מיר: „אַז איהר זענט יאָ אַזעלכע חברה־לייט, זענט איהר נישט קראַנק מיך זוכען אין אַלע האָטעלען. נישקשה, שלום־עליכם איז ניט קיין שפּילקע, איהר וועט איהם אַזוי לאַנג זוכען, ביז איהר וועט איהם געפינען״... אַראָפּגעגאַנגען אונטען אין רעסטאָראַן עסען מיטאָג, איך טהו אַ קוק: צוויי גרויסע פּלאַקאַטען:

„אַ גאַסט ביי אונז אין שטאָדט! אַ גאַסט!!!
שלום־עליכם דער גרעסטער אידישער הומאָריסט!
דעם 19טען...״

— דעם 19טען? וואָס הייסט דעם 19טען?... — און איך רוף־צו דעם קעלנער, אַ בחורעץ אַ ליטוואַק מיט רויטע הענד, מיט שוואַרצע פּיסקעס און מיט אַ ווייס טישטיכעל אונטער׳ן אָרעם פונ׳ם קוויטיגען פּראַק.

— זאָג מיר נאָר, מיין טייערער, וואָס האָבען מיר היינט ?

דער בחורעץ דער קעלנער האָט אויסגעשנייצט די שווארצע אַז אינ'ם ווייסען טישטיכעל און אַ זאָג געטהאָן צו מיר:

— היינט ? היינט האָבען מיר אַ בוראקאָווע באָרשט מיט קרויט, זעהר אַ גוטען באָרשט, אַ זראַזע מיט פּאַרפּעלעך, און קאַטשקע, אויב איהר ווילט...

— ניין, — זאָג איך — נישט דאָס מיין איך. איך מיין, וואָס פאַר אַ טאָג האָבען מיר היינט ?

דער בחורעץ האָט זיך אביסעל פערטראַכט:

— וואָס פאַר אַ טאָג מיר האָבען היינט ? דיענסטאָג, דעם 18טען.

— ווי אזוי זשע, זאָג איך, הייסט די שטאָדט ?

— וואָסער שטאָדט ?

— אָט די שטאָדט, זאָג איך, אייער שטאָדט ?

בלייבט ער שטעהן און קוקט מיך אָן און מאַכט צו מיר:

— וואָס הייסט, ווי אזוי הייסט די שטאָדט ? די שטאָדט הייסט וויטעבסק, הייסט די שטאָדט!

— דו לייגסט! — זאָג איך צו איהם. — עס האָט זיך דיר גע'חלומ'ט, מיין טייערער. אייער שטאָדט הייסט סמאָלענסק, ניט וויטעבסק!

— חי־חי־חי!... חי־חי־חי!...

דער גרעסטער אידישער הומאָריסט האָט, אפנים, אויסגעזעהען ביי'ם בחור דעם קעלנער אין די אויגען פאר'ן גרעסטען טפש אין דער וועלט, מחמת ער, דער בחור דער קעלנער, האָט זיך אָפּגע־קערעוועט אָן אַ זייט, בעהאַלטען די שווארצע מאָרדע אינ'ם ווייסען סערוועטעל, איך זאָל ניט זעהען, ווי ער שטיקט זיך פאר געלעכ־טער. און איך נעם מיך נאָך אַ מאָל צו די פלאַקאַטען און לייען. עס שטעהט מיט גרויסע אותיות:

„שלום־עליכם אין וויטעבסק!"...

אין וויטעבסק? רבונו־של־עולם! ווי קום איך קיין וויטעבסק, אז איך בין גאָר היינט אין סמאָלענסק? בקיצור, איך קאָן מיר שוין קיין אָרט ניט געפינען. ווער מיר באַרשט? וואָס מיר קאַטש־קע? מע דאַרף אוועקפאָהרען פון דאַנען, לויפען קיין סמאָלענסק. גאָר, אום איך זאָל וויסען אַקוראַט, וואו איך האַלט אין די יוצרות, וועל איך בעסער פריהער טעלעגראַפירען אהיים צו מיין ווייב, זי זאָל מיר באַלד געבען צו וויסען דורך אַ טעלעגראַמע, וואו דאַרף איך זיין דעם ערשטען אָבענד?... אין די זאַכען, וואָס געהערען זיך אָן מיט צייט און מיט מאַרשרוט, איז מיין ווייב אַ פּראָפעסאָר. און בכדי ס'זאָל ניט נעמען קיין סך צייט, קלאָפּ איך אוועק צו איהר אַ דעפּעשע, דרינגענד, עטליכע קורצע ווערטער:

„דראַטע פּאָסטרעסטאַנטע, וואו בין איך היינט?"

אוועקגעשיקט די דעפּעשע, האָב איך מיך אביסעל בערוהיגט און האָב זיך אומגעקעהרט אויף דער סטאַנציע צוריק צום בוראַ־קאָווע באַרשט מיט דער זראַזע און מיט דער קאַטשקע, און האָב זיך צוגעלעגט אַ ביסעל דרימלען און בין, ווי דער שטיינער איז, אַנשלאָפען געוואָרען. אין שלאָף פלאָנטען זיך מיר חלומות: רויטע ווייבער, שוואַרצע קעז. איך האָב אַ סימן: ווייבאַלד עס חלום'ען זיך מיר רויטע ווייבער אָדער שוואַרצע קעז, איז אַ וויסטער סוף. כך הוה: איך כאַפּ זיך אויף — אוי־וועה, שפּעט! מע דאַרף לויפען וואָס גיכער, טאָמער וועל איך נאָך פערכאַפּען סמאָלענסק! און איך לויף אוועק צו דער באַהן און זעץ מיך אויף און פאָהר קיין סמאָלענסק, און זיצענדיג אין וואַגאָן, הויב איך מיך אָן דער־פרעגען ביי'ם קאָנדוקטאָר, ווען קום איך קיין סמאָלענסק? בלייבט ער שטעהן, קוקט אויף די שפּיץ שטיוועל און זאָגט מיר אָן אַ בשורה, אז אין סמאָלענסק וועל איך זיין מאָרגען זעכס אזייגער אין דער פריה. ווער איך דאָך מסתמא אויפגעטראָגען:

— וואָס הייסט מאָרגען זעכס אין דער פריה? איך דאַרף דאַרט זיין ניט שפּעטער פון היינט זייגער זיעבען פאַרנאַכט!...

הערט ער מיך אויס, דער קאָנדוקטאָר, גאַנץ רוהיג און גיט מיר צו פערשטעהן מיט'ן זייגער אין דער האַנד, אַז פון דאַנען קיין סמאָלענסק לויפט דער קוריער אויך ניט ווייניגער ווי צוועלף שעה נאָך מיט מינוטען, און איצט האָבען מיר שוין זייגער פיער מיט מינוטען, הייסט ווי אַזוי קאָנען מיר זיין היינט אין סמאָ־לענסק?... קומט־אויס, אַז ער איז גערעכט. נאַר וואָס האָב איך דערפון? פערשפּיעלט סמאָלענסק! וואָס טהוט מען איצטער? פאָהרען צוריק קיין וויטעבסק? חאַפּט דאָס דער רוח! לאָם איך חאַטש וויסען, וואו האַלט איך מיט מאָהליוו? דאָס ווייסט אָבער קיינער נישט אַזוי גוט, ווי מיין ווייב. דאָ דערמאַן איך מיך, אַז איך האָב געבעטען מיין ווייב, זי זאָל מיר טעלעגראַפירען קיין וויטעבסק; איצט פאָהר איך קיין סמאָלענסק, — הייסט ווי קומט די קאַץ איבער'ן וואַסער? נאַר אַ איד אַ למדן, ווי זאָגט איהר, גיט זיך איין עצה; נעם איך און שרייב אָן נאָך אַ דעפּעשע צו מיין ווייב און געב איבער מיין קאָנדוקטאָר אויף אַ סטאַנציע:

„טעלעגראַפיר סמאָלענסק ווען בין איך מאָהליוו".

אַצינד לאָמיר זיך אַריינלאָזען אויף אַ ווײַלע אין „הלכות לשון", פילאָלאָגיע, און נעמען איבערזעצען בוכשטעבליך מיינע ביידע דעפּעשען פון דער שפּראַך, אויף וועלכער זיי זענען געשריבען, דאָס הייסט פון רוסיש, אויף אונזער לשון, וועט אויסקומען, אַז, ערשטענס, פרעג איך מיך אָן ביי מיין ווייב: וואו בין איך („סראָטשי, גדיע יאַ סעוואָדניאַ?"), און, צווייטענס, היים איך, מע זאָל מיר טעלעגראַפירען קיין סמאָלענסק בשעת איך בין אין מאָהליוו („טעלעגראַפיראַוי סמאָלענסק, קאָגדאַ יאַ מאָגיליאָוויע?"). אַזעלכע צוויי דעפּעשען ווען איהר האָט, למשל, פון איינעם, קאָנט איהר אַנדערש ניט דענקען, סיידען יענער איז געריהרט. און דערצו דאַרפט איהר ניט פערגעסען, אַז סמאָלענסק איז אויך ניט קיין

הונד און האָט אויך ניט געשוויגען. חברה האָבען מיך, געוועהנליך, ערוואַרט דעם 18טען אויפ'ן וואָקזאַל פון זייגער איינס בייטאָג ביז צוועלף ביינאַכט. עס האָט זיך געטהאָן חושך! דער עולם האָט צעטראָגען דעם זאַל, געשריגען אויף די ציוניסטען, אַז זיי האָבען געמאַכט אַ שווינדעל, אויסגעטראַכט אַ „שלום־עליכם", אויסגענאַרט דאָס ביסעל מינץ. וואָס טויג אייך, מע האָט געמוזט עפענען די קאַסע און אומקעהרען דעם פובליקום דאָס געלד. נאָך האַלבע נאַכט האָבען די ציוניסטען מיט די בונדיסטען פאַר הארצ־וועהטיג זיך צונויפגעלעגט און אַוועקגעקלאַפּט צו מיר אַהיים אַ דעפעשע:

„וואָס איז מיט שלום־עליכם'ן?"

אַצינד לאָמיר אַוועקוואַרפען דעם בן־מלך און זיך נעמען צו דער בת־מלכה. מיין ווייב זאָל געזונד זיין, אַז זי האָט בעקומען אַט די אַלע דריי פרייליכע דעפעשען, האָט זי ניט געמאַכט קיין לאַנגע מחזקות, זיך אויפגעזעצט און איז אַוועק גלייך קיין מאָהליוו. אין פלוג, וועט איך אויסקומען אפילו אַביסעל ווילד: וואָס איז עפּיס קיין מאָהליוו? נאָר אַז איהר וועט מיך אויסהערען ביז'ן סוף, וועט איהר אַליין זאָגען, אַז זי איז אַ חכמה. ערשטענס, קען זי מיך שוין נישט דאָס ערשטע יאָהר. זי ווייסט, אַז איך טעלע־גראַפיר צו איהר פון וויטעבסק, אַז זי זאָל טעלעגראַפירען קיין סמאָלענסק, איז אַ סימן, אַז איך בין אין מאָהליוו. זי געדענקט, פערשטעהט איהר מיך, אַ מעשה שהיה. איך בין אַמאָל געווען אין וואַרשאַ און געפאָהרען אויף פסח אַהיים קיין קיעוו. פלוצים קומט איהר אָן פון מיר אַ דעפעשע דעם ערשטען טאָג פסח, אַז איך האַלט יום־טוב אין האַלענדרע, ניט ווייט פון וואַפּניאַרקע. ווי קום איך קיין וואַפּניאַרקע, אַז וואַפּניאַרקע ליגט גאָר אויפ'ן וועג צווישען זשמערינקע און אַדעס? אַ פאַלג מיך אַ גאַנג! זאָלט איהר ניט פרעגען קיין קשיות. איך האָב עס ניט געטהאָן חלילה פאַר שלעכטיגקייט. מיין מיין איז געווען צו גוטען. איך

האָב מיך זעהר געאיילט, געוואָלט קומען אהיים וואָס פריהער, גע־בימטען איין שנעלצוג אויפ'ן אנדערען אזוי לאנג, ביז איך האָב מיך ארויפגעשלאָגען אויף אדעסער ליניע און געבליבען שטעקען אויף א סטאנציע האַלענדרע. נאָר גם זו לטובה. עס איז נאָך דאנקען גאָט, וואָס איך בין ניט פערפאָהרען קיין ריגא. דאָס נעמט זיך פון חאפעניש. נים אומזיסט זאָגט דאָס פאָלק א ווערטעל: פון איילעניש קאָן קיין גוטס נישט ארויסקומען... דאָס האָט איהר אייך אלזא נומער איינס.

והשנית, איז מיין ווייב געגאנגען מיט א רעכענונג, אז לויט מיינע דעפעשען האָט דאָס אומגליק בעדארפט פאסירען ניט אין וויטעבסק און ניט אין סמאָלענסק, נאָר ערגיץ צווישען די דאָזיגע צוויי שטעדט. דעריבער האָט זי ניט געקאָנט אויסקלויבען קיין בעסערען מיטעלפונקט אלס די שטאָדט מאָהליוו. עס איז פאַר איהר נישט געווען קיין שום ספק, אז אויפ'ן בעסטען פאל האָט דאָ געמוזט פאָרקומען א צוזאמענשטוים פון צוויי לאָקאָמאָטיווען, איינער פון סמאָלענסק קיין וויטעבסק, דער אנדערער פון וויטעבסק קיין סמאָלענסק. פון אזא צוזאמענשטוים, האָט זי גערעכענט, האָבען אלע וואגאָנעס געמוזט צעבראָכען ווערען אויף שפענדלעך; גע'הרג'עטע אויף טויזט — נישט ווינציגער פון צוויי הונדערט; שווער פערוואונדעטע — עטליכע הונדערט, צווישען זיי — א סך געריהרטע פונ'ם זינען, און צווישען די לעצטע — געוועהנליך איך.

בכלל, דארפט איהר וויסען, האָט מיין ווייב א טבע, אז טאָמער פאָהר איך אָפּ פון דער היים, אזוי הויבט זי אָן איבערקלערען אויף מיר די שרעקליכסטע צופאלען, וואָס קאָנען זיך נאָר טרעפען אויף דער וועלט. וואו ערגיץ א צרה, א שלאַק, איין אומגליק אויף דער באהן, איין איינגעפאלענע בריק, א דונערשלאָג, איין ערד־ציטערניש, א שרפה, א פלוצליכע עפידעמיע, איין איבערפאל פון בעוואָפענטע גזלנים, א ביס פון א שלאנג, וואָס טרעפט זיך איין מאָל אין פינף הונדערט יאָהר — אָט די אלע זאכען ווארטען,

נאָך איהר מיינונג, אויף מיר און קוקען ארויס, ווען איך וועל דאַר־פען פאָהרען. און אז איך קום אהיים גאַנץ, גלויבט זי ניט איהרע אויגען; זי קוקט אויף מיר ווי אויף א מוצלח, וואָס איז ארויס גליקליך, ממש פון טוידט לעבעדיג, און זי בענשט גומל.

איצטיגס מאָל, אז זי האָט מיך דערזעהען געזונד און שטאַרק, האָט זי זיך צעוויינט ווי א קליין קינד. פרעג איך זי: „וואָס וויינסט דו, נאַרעלע?" ענטפערט זי מיר: „ער פרעגט נאָך, וואָס איך וויין! עס איז איהם דאָס אנדערע „ראָוונע!"...

וואָס פאר א „ראָוונע", פרעגט איהר? דאָס איז זיך אויך א מעשה פון מיינע נסיונות. אויב איהר האָט שטאַרק חשק, וועל איך אייך דערצעהלען, וואָס ס'האָט זיך געטראָפען מיט מיר אין ראָוונע. דאָס איז געווען פאר עטליכע יאָהרען, בין איך געלעגען אין פעטערבורג ווענגען א אידישער צייטונג, און איך האָב מיך געקלויבען פאָהרען אהיים איבער ווילנא. האָב איך אָפּגערעדט מיט מיין פרוי, אז איך פאָהר ארויס אזא און אזא טאָג פון פעטער־בורג, און אויב איך דארף זיין אין ווילנא, וועל איך אָפּשטעהן א טאָג אָדער צוויי אין ווילנא, און פון דאָרטען — אהיים, און אויב איך דארף ניט ווילנא — פאָהר איך גלייך פון פעטערבורג אהיים. בך הוה. עס איז אויסגעקומען אזוי, אז איך דארף מיך אין ווילנא ניט אָפּשטעלען און אז איך פאָהר גלייך. דאָס, האָב איך גע־וואוסט, וועט ביי מיין ווייב זיין זעהר אָנגעלעגט, האָב איך איהר געגעבען א דעפעש שוין פון וועג, ביינאכט; פערשלאָפען בין איך געוועזן, האָב איך די ווערטער „איך פאָהר גלייך" איבערזעצט אויף רוסיש א ביסעל נישט ריכטיג, דהיינו: אָנשטאָט „יעדו פּריאמאָ", האָב איך געשריבען: „יעדו ראָוונאָ"... און מחמת איך האָב שוין א צייט ניט געזעהען זיך מיט די קינדער, האָב איך צוגעשטעלט נאָך צוויי ווערטער: „ווסטרעטשיי דיעטמי", דאָס הייסט: זאָלסט מיך בעגעגענען מיט די קינדער. קורץ און גוט, איך קום צו פאָהרען אהיים פארנאכט, איך לויף ארום ווי א משוגע'נער איבער'ן

וואקזאל — ווער מיר ווייב? וואס מיר קינדער? קיין נפש נישט! איך פאהר־צו צו מיין שטוב — פינסטער, ווי אויף א בית־הקברות! איך קלינג און קלינג, איך רייס דאס גלעקעל, איך קלאפ אין טהיר — קוים מיט צרות, עס האט זיך בעוויזען א קעכין, א פערשלאפענע ווי א קאץ, א שווארצע ליטוועטשקע. איך טהו זי א חאפ, די ליטוועטשקע:

— וואו איז די מאדאם? וואו זענען די קינדער?

— אוואו די מאדאם? — ענטפערט מיר די ליטוועטשקע מיט א שמיר איבער דער נאז. — די מאדאם איז ניסטא!

— וואס הייסט זי איז ניסטא? — פרעג איך זי איבער אויף איהר שפראך.

— זיי זענען דאך אוועקגעפאהרען!

— וואס הייסט זיי זענען אוועקגעפאהרען? וואוהין זענען זיי אוועקגעפאהרען?

— איך ווייס וואוהין? קיין ראוונע.

— וואס עפיס קיין ראוונע?

— וואס פרעגט איהר מיר? איהר האט דאך זיי אליין ארויס־גערופען קיין ראוונע?

— איך האב זיי גערופען קיין ראוונע? איך?

— ווער דען? איך? — אזוי מאכט צו מיר די קעכין די ליטוועטשקע, און עס דאכט זיך מיר, אז זי לאכט.

איהר פערשטעהט? מיר טריפט זיך בלוט — און זי לאכט! איך שווער אייך בנאמנות, הערט איהר, עס איז א שאנדע צו זאגען, קיין אנדערען וואלט איך עס ניט דערצעהלען, אסור אויב איך האב אויף מיין לעבען מיט א פינגער אמאל אנגעריהרט א מענשען!... נאר די דאזיגע פערשלאפענע ליטוועטשקע מיט איהר נאריש גע־לעכטערעל האבען מיך אזוי ארויסגעבראכט פון די כלים, אז איך האב מיך פערגעסען, וואו איך בין אין דער וועלט!... וואס, ווייגט

איהר, איז געווען דער סוף? איך האָב געהאַט אויף זיך אַ משפט... דאָס וואָרט „ראָוונע" האָט מיך געקאָסט געלד און איך האָב נאָך בעראָפּט בעטען מחילה ביי דער ליטוועטשקע...

הכלל, דערהערט אַזאַ גוטע בשורה, אַז מיין ווייב איז מיט די קינדער אין ראָוונע, חאַפּ איך דאָך מסתמא די פיס אויף די פּלייצעס און פליה קיין ראָוונע. איך קום צו פאָהרען קיין ראָוונע — ווער? וואָס? ניטאָ קיינעם! איך הויב מיך אָן דערפרעגען, צי איז ניט געווען דאָ ערגיץ אַזאַ און אַזאַ פרוי מיט עטליכע קינדער? זאָגט מען מיר: געווען און אַוועקגעפאָהרען. דאַרף מען פאָהרען צוריק אַהיים, הייסט עס? איך קום צו פאָהרען אַהיים, טרעף איך ביי מיר אין שטוב דעם דאָקטאָר. וואָס איז שוין? מיין פרוי איז קראַנק געוואָרען פאַר צרות...

— נו, פרעג איך דיך, — אַזוי זאָג איך צו איהר נאָכדעם, אַז מיר ביידע האָבען זיך שוין אַביסעל בערוהיגט — וואָס ביזט דו געפלויגען מיט די קינדער קיין ראָוונע און וואָס האָסט דו, אייגענטליך, געקלערט?

— זאָלסט מיך גאָר ניט פרעגען! — מאַכט זי צו מיר. — איך, אַז איך האָב דערהאַלטען דיין דעפּעש, איך זאָל פאָהרען מיט די קינדער צו דיר קיין ראָוונע, בין איך שיער ניט משוגע געוואָרען. אַלערליי מחשבות זענען מיר דורכגעפלויגען אין קאָפּ. איך האָב ניט אַנדערש גערעכענט, אַז דו ביזט חלילה פערשלאָפט געוואָרען אין מיט'ן וועג, ערגיץ ניט ווייט פון ראָוונע, אָדער אויף אַ טיפּוס, אָדער אויף שווארצע פּאָקען...

— פון וואַנען האָבען זיך גענומען שווארצע פּאָקען? — פרעג איך זי איינגעהאַלטען.

— איך האָב גראָדע דעם טאָג געלייענט — זאָגט זי — אַ בלאַט, אַז עס געהען־אַרום אַצינד שווארצע פּאָקען אין... איינדיע.

דאָ קאָן איך מיך שוין מעהר ניט איינהאַלטען און שפּרינג־אונטער אויפ'ן בענקעל.

— איך פערשטעה ניט! וואו איז אינדיע און וואו איז פעטערבורג?!

קוקט זי אויף מיר, ווי א מאמע אויף א קינד, און מאכט צו מיר:

— א קשיה אויף דיר!

. . . .

. . . .

נו, וויפיעל איז ווערטה אזא ווייב?

ז.

די היסטאריע פון דער „קליאטשע"

די זון האט געהאלטען אין רעכטען בראטען, אין רעכטען באקען, אנגעגליהט די שטיינער פונ'ם בארג, ווי איין אייזענפרעס, און געמאכט אונז אזוי צו שוויצען, אז מיר האבען געמוזט אראפ־ווארפען פון זיך די קאפאטעס, זיך ווישען דעם שוויים און געהן בארג־ארויף א ביסעל ניט אזוי ראשיג, פאוואלינקע, אזוי לאנג, ביז מיר האבען אנגעהויבען פיהלען פים — און דאס איז א שלעכטער סימן, ווארום איין איבר פון א מענשען האט ליעב, מע זאל איהם ניט פיהלען; קוים פיהלט איהר איהם, איז ניט גוט — דאס האב איך געהערט נאך אין חדר פון מיין רבי'ן, וואס פלעגט אויך מאכען פיהלענדיג אזעלכע איברים, וואס אהן איהם וואלט איך זיי קיינמאל ניט געפיהלט... בקיצור, מיר האבען דערפיהלט פים, און האבען אנגעהויבען אונטערקוקען איינס אויפ'ן אנדערען און פרעגען זיך איינער דעם אנדערען:

— וואס איז די מעשה? איהר שטעהט שוין אפ?

— ווער? איך? חס וחלילה!

— וואס זשע שלעפט איהר זיך?

— עס ווייזט זיך אייך אוים...

— מיר דאכט, אז איהר הינקט עפּים אונטער אויף א פוס?

— ווער? איך?

— אייך איז, אפּנים, שווערליך ארויף א בארג?

— עס הויבט זיך גאר נישט אן!

— וואס זשע סאפּעט איהר אזוי?

— איהר האט א טעות: איך סאפּע קיינמאל נישט, ביי מיר איז ניטא קיין טבע פון סאפּען.

— נו, און איהר ווי אזוי פיהלט זיך עפּים?

— גאנץ גוט! נאר די פיס ווילען ניט דיענען.

— ביי מיר אויך דאס אייגענע.

— און ביי מיר ניט אזוי די פיס, ווי די פיאטעס!

— די פיאטעס איז בלאטע! די ליטקעס פון די פיס!...

דאס פערשטעהט א מינדסט קינד, אז נאך אזא געשפּרעך האבען מיר אלע פיער אידישע שריפטשטעלער, צווישען זיי איינער א פּאעט, זיך אוועקגעזעצט אויפ'ן גרינעם גראז און האבען זיך ממש מחיה געווען. דעם ייִדען רב מענדעלע האבען מיר אפּגע־טראטען דעם אויבען־אן, און מיר דריי האבען זיך אויסגעזעצט ארום איהם, ווי אייניקלעך ארום א זיידען, אדער ווי תלמידים ארום א רבי'ן, האָרכען דעם אלטענ'ס תורה, ווי ער דרשנ'ט און טייטשט פּסוקים און דערצעהלט מעשיות, וואס האבען א שייכות צו דעם, וואס אונז אלעמען בעריהרט — צו דער אידישער ליטע־ראטור, אויסגעמישט אלע מאל מיט א זייטיגער מעשה, אדער, ווי ער רופט דאס אן, מיט א „הקדמה". א הקדמה פון פאָרענט, א הקדמה אין מיטען, א הקדמה צום סוף.

— אז איך בין פערגאנגען מיט'ן טראגען מיט דער „קליאַ־טשע"... — אזוי האט דער זיידע אנגעהויבען צו דערצעהלען א מעשה, נאר מע האט איהם באלד איבערגעשלאגען אין רעכטען

אָנהויב, ווי דער שטיינער איז. איטליכער האָט געשטעלט איין אנדער פראַגע:

— זיידע! פון וואַנען האָט זיך גענומען צו אייך „די קליאַ־טשע״?

— זיידע! וועלכעס איז געווען דאָס ערשטע ווערק, וואָס איהר האָט געשריבען אין אידיש, און וואָס האָט אייך געבראַכט צו שרייבען אידיש?

— זיידע! פאַר וואָס האָט איהר זיך אויסגעקליבען דעם פסעוודאָנים „מענדעלי מוכר־ספרים״?

דער זיידע האָט גאַנץ רוהיג, מיט האַלב־צוגעמאַכטע אויגען און מיט אַ שמייכעלע אויף די ליפּען, אויסגעהערט אַלע אונזערע פראַגען, און האָט אונז נאָכדעם מיט אַ הילכיגען געלעכטער אָפּ־געענטפערט:

— נו? שוין? מעהר האָט שוין קיינער גאָר נישט וואָס צו פרעגען? טאָמער האָט איהר נאָך אַ פּאָר שאלות — אדרבה, גיט אַהער, שעמט זיך ניט, שיט אויס אַלע אינאיינעם אין איין קופּה, ס'איז גאַנץ אידישליך. איהר, מיט אייער פרעגען מיך פון אַלע זייטען, דערמאַנט מיר אַ בילד, ווי אַ מוטער קומט פון מאַרק מיט אַ פולען קאָשעק פערשיעדענע זאַכען: עפּעל, און באַרען, און בייגעל, און בולקעס, און אייער, און קאַרטאָפּעל, און מעהרלעך, און פלוימען, און פּעטרישקע, און אַ רויטער האָהן מיט אַ האַרטען קאַם אויך אין קאָהן, — און עס בעפאַלען זי די קינדער פון אַלע זייטען: מאַמע! מאַמע! מיר איין עפּעל! מאַמע! מיר אַ באַר! מאַמע! קאָן מען עסען רויהע מעהרלעך? מאַמע! אויף וואָס דאַרף מען פּעטרישקע? מאַמע! וואָס קאָסט דער האָהן? „קינ[illegible]רלעך! — בעט זיך נעבאַך די מאַמע. — לאָזט מיך חאַפּען דעם אָטהעם, וועל איך אייך אַלעמען צופריעדען שטעלען!״...

אַזוי האָט אונז דער זיידע בערוהיגט און האָט אונז אַלעמען געגעבען אַ תשובה יעדען אויף זיין פראַגע, חלילה נישט דורכגעלאָזט

קיינעם. און עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז צו שרייבען אידיש, דאָס הייסט, צו רעדען מיט'ן גאַנצען פאָלק אויף זיין לשון, האָט איהם שוין לאַנג געצויגען, נאָך פאַר'ן ערשטען אַרויסטריט אויפ'ן פעלד פון דער אידישער ליטעראַטור; און מחמת שרייבען אידיש איז מיט פיערציג יאָהר פריהער נאָך געווען אַ שאַנדע, ובפרט נאָך פאַר אַזאַ יונגען מאַן אַ משכיל, ווי ער, וואָס „קלוגע מענשען" האָבען אויף איהם געזאָגט, אַז דאָס וואַקסט אַ „חיים זעליג סלאָ־נימסקי", — האָט ער זיך מיט זיין ערשטען ווערק „דאָס קליינע מענשעלע" בעהאַלטען בחדרי־חדרים, אַז קיינער זאָל ניט וויסען, און האָט אוועקגעשטעלט דערויף אַ נאָמען פון אַ לעבעדיגען פאַר־שוין, איינעם אַ סענדערעל אַ מוכר־ספרים'ניק, וואָס האָט זיך אַרומגעשלעפּט אין יענער צייט מיט זיין פערד־און־וועגעלע אין דער סביבה פון באַרדיטשעוו, דאָס בעריהמטע גלופּסק אַליין. „דאָס קליינע מענשעלע", אָדער „יצחק אברהמעל תקיף", איז גענומען געוואָרען פון אַ לעבעדיגען פאַרשוין, וואָס האָט אין יענער צייט געקנאַקט אין גלופּסק מיט דער גרויסער בייטש און אָנגעטריבען די כנסת ישראל... אָנגעשריבען האָט ער „דאָס קליינע מענשעלע" אין פערלויף פון דריי טעג, נישט מעהר, מיט פחדים און מיט פיבער, און אוועקגעשיקט עס אין „קול מבשר" אַריין, צו אַלכסנדר צעדערבוים. דערזעהען אויפ'ן שער דעם נאָמען „סענדערעל מוכר־ספרים", האָט זיך אַלכסנדר צעדערבוים דערשראָקען, צי מיינט מען דאָס ניט איהם אַליין טאַקי (אַלכסנדר—סענדער—סענדערעל)? האָט ער זיך מיישב געווען — קיין גרויסע צערעמאָניעס מיט אַ אידישען מחבר דאַרף קיינמאָל אַ אידישער רעדאַקטאָר נישט מאַ־כען, ובפרט נאָך אין יענער צייט — און האָט איהם איבערגעמאַכט דעם נאָמען סענדערעל אויף מענדעלי, — און אָט אַזוי איז זיך אַרוים אויף דער וועלט „מענדעלי מוכר־ספרים", וואָס האָט ניט אויפגעהערט אַרומצופאָהרען מיט זיין ביסעל געדרוקטע סחורה איבער דער מדינה פון גלופּסק, פערבלאָנזעט פון דאַרטען קיין קאַבצאַנסק און טונעיאַדעווקע...

דאָס זענען די דריי הויפּט-שטעדט, אָדער די דריי ק״קין, ווי ער רופֿט זיי אָן אויף לשון־קודש, וואָס פֿיגורירען אין אַלע כתבים פֿון מענדעלי מוכר־ספֿרים און וואָס דריקען־אויס אין זייערע נעמען די קווינטעסענציע פֿונ׳ם אידישען גהעטאָ אין יענער צייט. דאָס זענען די דריי זאַכען, וואָס האָבען אָפּגעשטעמפּעלט דאָס פֿאַר־צייטיגע רוסישע אידענטום: גלופּסק — אונוויסענהייט, קאַב־צאַנסק — אַרמוט, טונעיאַדעווקע — פּוסטעפּאַסניקעס, לעדיג־געהערס, אָהן אַ שום מלאכה, אָהן ארבייט נעבאַך, איבעריגע בע־שעפֿענישען אויף דער וועלט.

— אָט דאָס זענען געווען די הויפּט־עלעמענטען פֿונ׳ם אידישען פֿאָלק אין יענער עפּאָכע, וואָס מיר איז בעשערט געווען מיט זיי זיך אַרומצושלעפּען בכל תפוצות ישראל... — אַזוי האָט געזאָגט דער זיידע מיט אַ זיפֿץ און מיט אַ ביטער שמייכעלע. — נאָר איהר האָט זיך, דאַכט מיר, נאָכגעפֿרעגט אויפ׳ן יחוס פֿון דער „קליאַטשע”? דאַרף מען אייך, קינדערלעך, טהון צוליעב און דער־צעהלען. אַזוי איז געווען די מעשה: איינמאָל, אין אַ זומערטאָג איז דאָס געווען, זיץ איך מיר אַזוי אין גלופּסק אויף דער אכסניה פֿערטראַכט און קוק מיר דורך איין אָפֿענעם פֿענסטער אין דרויסען אַרויס און דערזעה איין אויסגעמוטשעטען, פֿערשוויצטען אידען מיט אונטערגעשטעקטע פּאָלעס פֿון אַ צעריסענער קאַפּאָטע, שטעהט און קאַטעוועט איין אָרעמע אויסגעמוטשעטע פֿערשוויצטע קליאַטשע מיט אַ צעביסענער פֿעל, איינגעשפּאַנט אין אַ פֿולען וואָגען מיט ציגעל, שעלט מיט טוידטע קללות אי די קליאַטשע, אי זיך, אי די גאַנצע וועלט: — ברענען זאָל די פֿעל דיינע, וויסטע קליאַטשע וואָס דו ביזט! — און זי, די קליאַטשע, האָט אויסגעדרעהט די פֿער־וויסטע, פֿערפֿינסטערטע מאָרדע איהרע צום אידען, קוקט אויף איהם, ווי אַ זינדיגער מענש, און עס דאַכט זיך מיר, אַז איך הער, ווי זי זאָגט צו איהם:

— שוטה! קליאַטשע רופֿט ער מיך! ביזט אַליין אַ קליאַ־טשע! טהו אַ קוק אַהין, צו יענעם פּלאַץ, וואו איך שלעפּ די

ציגעל, וועסט דו זעהען, אז איהר זענט אלע קליאטשעס, וויסטע, פינסטערע קליאטשעס, אז אך און וועה איז צו אייך אלעמען!

אזוי, האט זיך מיר געדאכט, רעדט די קליאטשע, און איך האב אויפגעהויבען די אויגען אויף יענעם פלאץ, וואס די קליאטשע האט אנגעוויזען מיט איהר מארדע, און איך האב דערזעהען א בעקאנטען נפש פון יענע פיינע בריות, וואס האבען זיך אויסגע־צייכענט אין גלופסק מיט פינף פינגער ארויפצושלאגען זיך אויף א מויער, און אויף נאך א מויער, און דאס אלץ נעבאך פון כשר'ע אידישע מטבעות, פון כשר אידיש שוויים און בלוט... דער שענער מענש, דער פיינער בריה, איז געשטאנען די הענד ארונטער, דאס היטעל פעררוקט ארויף, דער שטערן האט געשוויצט און געבויעט גרויסע פלענער, און ארום איהם האבען זיך, ווי קנעכט, אונטער־טהעניג ארומגעדרעהט ארעמע אידלעך נעבאך, געקוקט איהם, ווי געטרייע הינד, אין די אויגען אריין, געוועזען גליקליך מיט זיינס א שמייכעלע און געציטערט פאר א בייזען קוק דאס נייעניעהריגע, — און עס איז מיר געקומען אויפ'ן זינען דער פסוק פון שיר־השירים: לסוסתי ברכבי פרעה — צו דער קליאטשע אינ'ם רייט־וואגען פון פרעה, דמיתיך רעיתי — טהו איך דיך טהון גלייכען, כנסת ישראל! — און איך בין פערגאנגען אויף טראגען מיט דער „קליאטשע"...

דריי טעג בין איך ארומגעגאנגען איבער גלופסק א צעטרא־גענער, ווי מיין ישראליק, נישט געהערט וואס מע רעדט צו מיר, געענטפערט איטליכען אויף זיין „גוט־מארגען" מיט'ן ווארט „קליאטשע", ווארום אלע פנים'ער האבען אויסגעזעהען ביי מיר קליאטשעדיג, און אט אזוי האב איך מיך געקליאטשעט, ביז איך בין געקומען אהיים קיין טונעיאדעווקע און האב מיך פערשלאסען ביי זיך אין חדר אויף זעכצעהן טעג און אנגעשריבען אלע זעכ־צעהן קאפיטלעך פון דער „קליאטשע"...

אצינד איז געבליבען די פראגע: וואס טהוט מען מיט דער „קליאטשע"? דעמאלט האט נאך קאלומבוס ניט אנטדעקט אמע־

ריקא, און דעריבער האבען זיך נאך ניט געפונען יענע בארעמהערציגע לייט, וואס האבען אין דרייסיג יאהר ארום רחמנות געהאט אויף מיר, דעם ארעמען מענדעלי מוכר־ספרים, און האבען מיך ארויסגעגעבען דארטען, ניט צו פרעגען ביי מיר מיין הסכמה, ניט צו געבען מיר צו וויסען: הנה זייט וויסען, רב מענדעלי, אז מע האט אייך א טובה געטהאן, מע האט אייך בע'גנבה'ט!...

דא האט זיך דער זיידע אפגערוהט א ווייל און האט זיך פערטראכט. מיר, די אייניקלעך, האבען זיכער געקאנט מיינען, אז דא וועט זיך אנהויבען שיטען פייער, פעך און שוועבעל אויף די פיינע מענשען אין אמעריקא, וואס האבען ווירקליך בעגאנגען איין אונגעהייערען פערברעכען קעגען דעם איינציגען אידישען קלאסיקער, קעגען דעם גרעסטען אידישען דיכטער, דענקער און קינסטלער, דערמיט וואס זיי האבען איבערגעדרוקט און ארויסגעגעבען אלע זיינע ווערק ניט אין אמעריקא אליין, נאר אויך אריבערגעפעקלט אהער, קיין „יוראפ", און געמאכט איהם א מיאוסע מפלה, א קאנקורענץ אויף זיין סחורה טאקי מיט זיין אייגענער סחורה — און געהט לאדט זיי צום ונתנה־תוקף!...

נאטירליך, איז מיין קאלעגא, דער וואס מיט'ן הייסען טעמפעראמענט, ארויס מיט א פייעריגען פראטעסט קעגען די אמעריקאנער פיראטען, ים־גזלנים, זיי געמאכט (הינטער די אויגען) מיט דער בלאטע גלייך, זיך געוואונדערט וואס מע שווייגט:

— וואס שווייגט איהר זיי, זיידע? — האט אויסגערופען מיין קאלעגא. — איך, אויף אייער ארט, וואלט פון זיי געמאכט אט־א־דאס־א!

און מיין קאלעגא מיט'ן הייסען טעמפעראמענט האט בעוויזען מיט ביידע הענד אין דער לופטען וואס ער וואלט פון זיי געמאכט, נאר וואס, אייגענטליך, — איז שווער געווען צו פערשטעהן, מחמת מיט הענד קאן א מענש מאכען מי יודע וואס!... דערויף האט איהם דער זיידע געענטפערט מיט א שמייכעלע:

— איך וועל אייך דערצעהלען: כל זמן איך בין נאָר א נגזל אליין, איז נאָך צו דערליידען — וואָס קאָן מען טהון? פון איין אומגליק איז קיינער נישט בעהיט. נאָר זיין דערצו נאָך א שוטה אויך — דאָס איז שוין צו פיעל פאר מיר! פּראָטעסטירען, רעַ־כענען זיך, צאָהלען — דאָס איז נאַריש; דאָס דארפען טהון אַנ־דערע, ניט איך. וואָס איך אליין דארף טהון — וועט מן הסתם געטהאָן ווערען... מענדעלי מוכר־ספרים, ברוך השם, איז נאָך ניט געשטאָרבען! מילא, בקצור המעשה, דאָס אלץ איז נארישקייטען. איהר ווילט דאָך וויסען, ווי אזוי איז די „קליאַטשע" ארוים אויף דער וועלט? — דארף מען אייך דערצעהלען וואָס ווייטער איז געוועזן.

און דער זיידע האָט אונז איבערגעגעבען א געשיכטע, ווי אזוי ער האָט אין א געשלאָסענער פערזאַמלונג פון אינטימע פריינד צום ערשטען מאָל געלייענט די „קליאַטשע", ווי אזוי זיינע אינ־טימע פריינד האָבען פריהער געלאַכט פון איהם, געמאַכט חוזק איבער'ן נאָמען פונ'ם ווערק. נא דיר גאָר א פערד, א קליאַטשע! און ווי אזוי זיי זענען נאָכדעם געוואָרען ערנסט... ווי אזוי איינער (יוסף בצלאל הארקאַווי) האָט נאָכ'ן איבערלייענען די „קליאַטשע" צוגענומען ביי'ם מחבר דאָס העפטעל, אריינגעלעגט אין זייט־קעַ־שענע אָהן ווערטער, אוועקגעפיהרט דאָס קיין פּעטערבורג און צו־געשיקט אין א צייט ארום דעם פערפאַסער א פּאַרטיגע, איין אָפּ־געדרוקטע „קליאַטשע". ווי אזוי נאָכדעם דער צענזאָר האָט גע־האַט א מיאוסע מפּלה דערפאַר, וואָס ער האָט דורכגעלאָזט אזא „טרפה סחורה", און נאָך א סך אינטערעסאַנטע מעשיות האָט אונז דערצעהלט דער זיידע, וועהרענד מיר, זיינע אייניקלעך, זענען געזעסען און אויסגערוהט זיך דערוויילע אונזערע אויסגעמוטשעטע פיס.

ז.

א מינוט פאר'ן טוידט

ווידער א מאל זענען מיר געזעסען זאלבעפערט, די זעלבע פיער אידישע שריפטשטעלער, צווישען זיי דער יונגסטער פון אלע — א דיכטער. דער זיידע איז געווען, ווי אלע מאל, דער צענטער, געזעסען אין מיטען; מיר, די אייניקלעך, ארום איהם. עס איז געווען א זומערנאכט, א פרעכטיגע, א ווארעמע א שמע־קענדיגע נאכט. עס האט זיך ניט געגלוסט געהן אין שטוב אריין. שווער געווען זיך צעשיידען מיט אזא נאכט! גערעדט האט מען וועגען איבערנאטירליכעס, אומבעגרייפליכעס אין דער נאטור און וועגען דעקאדענץ אין דער ליטעראטור. דער זיידע האט געקוקט מיט זיינע ניט גרויסע, נאר שארפע, האלב־צוגעמאכטע, קורצזיכ־טיגע אויגען ערגיץ אין דער האלב־פינסטערער ווייטקייט אריין. נאכדעם איז געקומען צו רעד וועגען בעשרייבען די נאטור. דער זיידע האט געזאגט, אז בעשרייבען די נאטור הייסט פראפאנירען די נאטור, און ער האט גענומען מאהלען מיט זיין אייגענאַרטיגער נאר געשמאקער אידישער שפראך א נאכט־בילד מיט א האלב־ערנסטען און א האלב־קאמישען טאן, אזוי, אז עס איז שווער געווען צו וויסען, אויב ער מיינט דאס באמת, אדער ער שפאסט?...

אט אזוי האט דער זיידע געשילדערט א זומערנאכט:

— שטיל גנבה'ט זיך אריין די נאכט. איינציגווייז, אזוי ווי ליכט, ווערען אויסגעלאשען די רויטפארבינגע שטראהלען פון דער פערגעהענדיגער זון. א קליין ווינטעלע לויפט־דורך און רוימט אייך איין א סוד: „דער טאג איז פארביי... דער טאג שטארבט־אפ“... די בוימער האבען אראפגעלאזט די ברעמען, זיי ווילען שלא־פען. איין אומעט, א מרה־שחורה ארום און ארום, ווי שבת פאר־נאכט צו שלש־סעודות, ווען אלץ טרויערט, אלץ בענגט און די נשמה יתירה רייסט זיך ערגיץ, צאפעלט, עס איז איהר שווער צו שיידען זיך... נאר שאט! אט געהט זי, די נאכט־מכשפה, און פערשפרייט

איבער אונז איהרע שווארצע פליגלען. אט באלד וועט זי זיך בע־זעצען אין איהר פינסטערען געצעלט, וואס וועט בעלייכט ווערען פון פינקעלדיגע שטערען. אט באלד וועט זי אונז זאגען: א גוטע נאכט! שטיל וועט זי אפלייענען „קריאת־שמע”, און וועט איינ־שלאפען, און עס וועלען זיך איהר חלומ'ען אלערליי משונה־פער־דרעהטע פערפלאנטעטע וועלט־חלומות...

דער זיידע ווערד שטיל. מיר זיצען ווי פער'כשופ'ט. מיר וואלטען וועלען הערען ווייטער, ווי ער מאהלט זיינע פרעכטיגע נאכטבילדער אין דער דאזיגער פרעכטיגער זומערנאכט. ער פער־שטעהט אונזער וואונש.

פלוצים רייסט־איבער דער זיידע זיך אליין און רופט זיך אן:

— מילא, נו, בקיצור, נאטור! עס איז גאלע ליגען! אלע אונזערע בעשרייבענישען, שילדערונגען און מאהלעכצען האבען אזא פנים קעגען דער נאטור אליין און געבען אונז פון איהר אזא בעגריף, פונקט אזוי ווי אט־א־יענע געוויסע בילדער פון דער הגדה, וואס זענען געדרוקט אין ווילנא אדער אין באררדיטשעוו, געבען אונז א בעגריף פון יציאת־מצרים... אויב איהר ווילט, וועל איך אייך, קינדער, בעסער דערצעהלען א מעשה שהיה, א מורא'דיגע מעשה, וואס מיט מיר האט אמאל פאסירט אין בעסאראביע. די גע־שיכטע האט אין זיך עטוואס מיסטישעס, אומבאגרייפליכעס, און שטימט זעהר מיט דער דאזיגער פראכטפולער נאכט, וואס איז פול מיט כשוף, מיסטיציזם און דעקאדענץ... ווילט איהר הארכען, זאלט איהר זיצען שטיל, רוהיג, און דער עיקר — ניט איבערשלאגען אין מיטען, ווי דער מנהג איז, און ניט פרעגען קיין קשיות. איך בין אייך מבטיח, אז עס וועט אייך מיט דער צייט אליין אלסדינג פערענטפערט ווערען.

און מיר אלע דריי אייניקלעך האבען זיך צונעררוקט נאך נעהענ־טער צום זיידען, און דער זיידע האט א מאך געטהאן מיט דער האנד איבער דער לופט, גלייך ווי ער וואלט עמיצען אפגעטריבען

פון זיך, און האָט אָנגעהויבען רוהיג און לאַנגזאַם צו דערצעהלען זיין שרעקליכע געשיכטע בזה הלשון:

— בעסאַראַביע, ווייסט איהר, איז אַ ווינקעל חלילה נישט פון מכשפים, נישט פון לצים, נישט פון וועלטבעריהמטע גנבים, גזלנים און רויבער. בעסאַראַביע איז זיך אַ ווינקעל פון אַנטי־סעמיטען, פּאַפּעשויעס, וויין און מאַמעליגע, אַזוי, אַז פונ'ם נאָמען בעסאַראַביע איז נישט צו דערוואַרטען, עס זאָל זיך דאָרטען טרעפען מיט מיר עפּיס איין אויסערגעוועהנליכע, איבערנאַטירליכע גע־שיכטע. פון דעסטוועגען מוז איך אייך זאָגען פאָראויס, אַז איהר וועט הערען, וועט איהר נבהל ומשתומם ווערען פאַר שרעק, און איהר וועט שטוינען. איהר וועט ניט פערשטעהן מיט'ן גלייכען שכל, וואָס דאָ שטעקט אַזעלכעס, און כמעט האָב איך מורא, אַז איהר וועט ניט וועלען גלויבען, דאָס הייסט, איהר וועט חלילה ניט רעכענען אויף מיר, אַז איך זאָל אייך איבערגעבען אַ פאַנטאַזיע פאַר אַ ווירקליכע געשיכטע; חס ושלום! אַזוי גראָב וועט איהר ניט זיין! נאָר וואָס דען? איהר וועט זיך קלערען: אַ קשיא אויפ'ן אַלטען, אפשר האָט איהם אויסגעדאַכט?...

נו, אַלזאָ, הערט־זשע מיט קאָפּ. שטעלט אייך פאָר מיט אַ יאָהר עטליכע און דרייסיג צוריק אַ שטאָדט אין בעסאַראַביע (נאָר נישט קעשעניעוו, וואָרום קעשעניעוו קריכט שוין פונ'ם האַלז!). אַלזאָ, אַ שטאָדט אין בעסאַראַביע, און אין מיטען שטאָדט איין איינפאָהרהויז. מילא, וואָס איין איינפאָהרהויז איז און ווי אַזוי זעהט אויס איין איינפאָהרהויז — דאַרף איך אייך ניט דערצעהלען. דאָס איז אַ הויז, וואָס איז געשטעלט געוואָרען לכתחילה צוליעב „פריצים", און וויבאַלד צוליעב פריצים, קאָנט איהר שוין זיכער זיין, אַז עס איז פערזאָרגט מיט אַלע מעגליכע בעקוועמליכקייטען, וואָרום אַ פריץ איז נישט קיין איד. אַ איד איז אַ איד, און אַ פריץ איז אַ פריץ! נאָר נישט דאָס בין איך אויסען...

די שטוב אַליין איז זיך אפילו אַ גאַנץ געוועהנליכע שטוב פון „מיטעלמעסיגען וואוכס", ניט הויך, נים נידעריג, מיט אַ

רויטען דאַך פון שינדעל, מיט אַ הויכען ברייטען טויער אויף אַריינ־צופאָהרען מיט'ן גאַנצען עקיפאַזש גלייך אין הויף אַריין, מיט צוויי רייהען חדרים פוןביידע זייטען, רעכטס און לינקס, וואָס די טהירען זייערע געהען־אַרויס צום הויף און די פענסטער צו דער גאַס. די צימערען זענען ריין, ברייט, גענוג ליכטיג. בעל־הבתיש מעבעל: אַ קיילעכיגער טיש אין מיטען צימער, אַ שען הילצערן געפּאָלירט בעט, פריש צוגעקליבען און מיט דיוואַנעם פערהאַנגען, אַ קליידער־שאַפע אויך אַזוינע, אַ וואַשקעסטעל, אַ ווייכע קאַנאַפּע מיט אַ שפּיגעל איבער איהר, מיט שטוהלען אַ פּאָר. אויף די וועגד בילדער, געוועהנליכע בילדער, פּאָרטרעטען פון משה מאָנ־טעפיורי מיט דער ברייטער געפלועטער מאַנישקע, פון, להבדיל, נאַפּאָלעאָן באָנאַפּאַרטע מיט'ן המנ'טאַש אויפ'ן קאָפּ און מיט דער האַנד אין זשילעט, מיט אַביסעל אַ צו בייז אויסזעהען — פונקט דער היפך פון, להבדיל, רב משה מאָנטעפיורי, וואָס זעהט־אויס שוין אַביסעל צו פיעל זיס־צוקערדיג. מערקווירדיג! צוויי בעזונדערע העלדען פון צוויי עפּאָכען, געמאָהלט פון בעזונדערע קינסטלער, און ביידע מיט איין חסרון, ביידע איבערגעחאַפּט די מאָס... נאָר ניט דאָס בין איך אויסען. די שענסטע און די בעסטע ציערונג וואָס אין צימער איז די הרובע, דער אויווען — אַ פּראָסטע הרובע, ניט קיין געקינצעלטע, אַ געוועהנליכע, אַ געלע, מיט בלויע פלעקען, אַ חנ'עוודיגע, און דער עיקר, אַ וואַרעמע הרובע — אַ געטרייע, ווי אַ מאַמע! דערפון איז געדרונגען, אַז די מעשה, וואָס איך וויל אייך דערצעהלען, האָט זיך געטראָפען אים ווינטער — און דאָס איז זעהר נויטיג צום ענין.

אַזוי ווי דער זומער האָט אין זיך זיין זומערדיגען חן און שענ־קייט, וואָס אונז איז ליעב און טייער, אַזוי האָט אויך דער ווינטער ביי אונז זיין חן מיט זיין צויבער, בשעת אין דרויסען איז גוט קאַלט, דער ווינד בלאָזט, דער פראָסט ברענט און גנבה'ט זיך אַריין דורך די צוגעמאַכטע לאָדען און מאָהלט צאַצקעס אויף די שויבען פון די פענסטער, און איהר זיצט זיך מיט אַ געזעלשאַפט אין אַ

וואָרעם־אָנגעהייצטען און גוט־בעלייכטען חדר, ביי אַ געדעקטען טיש מיט אַ זודיגען סאַמאָוואַר, וואָס קאָכט און פּאַרעט און ציהט־אויס אַ לאַנגען דינעם טאָן. זאָגט אייך וואָס איהר ווילט — איטליכע זאַך איז גוט אין איהר צייט. נישט גוט איז נאָר, אַז אין מיטען ווינטער ווערד פּלוצים זומערדיג, דריליוואַטע, אָדער אַז אין מיטען זומער ווערד קאַלט, ווינטערדיג... נאָר נישט דאָס בין איך אויסען.

געזעסען ביי׳ם סאַמאָוואַר און געטרונקען טיי איינער אַליין, האָב איך אַרויסגעקוקט, אַז עמיצער אַ לעבעדיגער פּאַרשוין זאָל זיך בעוויזען, רעדען אַ וואָרט, ווי עס מאַכט זיך אַמאָל, אַז מע פערבענגט זיך נאָך אַ מענשען. ווייל מענשען האָבען אַ טבע: זיי עסען זיך צו, נאָר אַז מע זעהט זיי ניט, בענגט מען נאָך זיי. גאָט האָט געהאָלפען, עס האָט זיך געעפענט די טהיר און עס האָט זיך בעוויזען אַ נפש אַ בעוואַקסענער מיט האָריגע הענד, איינער פון די נפשות, וואָס נאָר אַ לאַנד פון פּאָפּעשויעס, ווײַן און מאַמעליגע קאָן אַרויסגעבען. אָפּמאָהלען אייך איהם — געפין איך ניט פאַר נויטיג צו אונזער געשיכטע, נאָר אין צוויי ווערטער זאָגען שאַדט ניט: גרעבער ווי לענגער, און אַזוי פערוואַכסען מיט שמאַלץ, אַז קוים וואָס ער חאַפּט דעם אָטהעם. דאָס איז דער בעל־הבית פון דער אכסניה. אַריינגעקומען איז ער צו מיר, ווי געוועהנליך, מקבל־פּנים זיין דעם אורח, איהם אָפּגעבען שלום, פרעגען, פון וואַנען ער איז און וואוהין ער פאָהרט און וואָס איז זיין טהועכץ, אַ קוק, אַ שמעק, אַ טאַפּ אין וואָגען, אפשר דאַרף ער עפּיס האָבען, וועט ער איהם דיענען. נו, און אַזוי ווייטער. לאַנג בעטען איהם זיצען האָב איך ניט בעדאַרפט; טרינקען מיט מיר אַ גלעזעל טיי האָב איך אויך ביי איהם גע־פועל׳ט. און עס איז אַוועק ביי אונז אַ געשפּרעך, וואָס איך זעה ניט, ער זאָל האָבען פאַר אייך אַ אינטערעס. דער געשפּרעך האָט זיך געדרעהט אַרום אַלערליי וועלט־ענינים, שטאָדט־זאַכען, מסחר, פאַמיליענאַנגעלעגענהייטען, און אַביסעל גלאַט אַזוי, אַבי גערעדט,

נישט געשוויגען. מיין בעל־הבית, ווי איך האָב אייך שוין געזאָגט, איז געווען אַ איד אַביסעל אַ שווערער, אַביסעל צו פֿיעל פֿער־וואַכסען מיט שמאַלץ, דעריבער איז איהם שווער געווען אָנצוהויבען רעדען. אַלע מאָל, ווען ער דאַרף עפּיס זאָגען, סאָפּעט ער זיך פֿריהער גוט אויס, ווי אַ בלאָזאַק, און קוים האָט ער זיך אָפּגע־סאָפּעט און דעם בלאָזאַק אויסגעבלאָזען, איז ביי איהם אַוועק ווי אַ מזמור, און ער האָט מיר אָפּגעגעבען דין וחשבון פֿון גאַנץ בעס־סאַראַביע, מיך בעקאַנט געמאַכט מיט אַלע פּריצים, וועלכע פּריצים עס האָבען אַ סך ערד און ווינציג הינד, און וועלכע פּריצים עס האָבען ווינציג ערד, נאָר אַ סך הינד. אויך פֿון פֿערד האָט ער מיר דערצעהלט זעהר אַ סך שענע מעשיות, פֿון „עהרליכע" פֿערד און פֿון „גנבה'שע" פֿערד, און פֿון גנבים, וואָס גנבה'נען פֿערד, און פֿון גנבים, וואָס גנבה'נען אַנדערע זאַכען, און פֿון גזלנים, וואָס קומען אַהער פֿון רומעניע, מייסטענס ציגיינער, וואָס טהוען־אָפּ אַמאָל אַזעלכע זאַכען, אַז די האָר שטעלען זיך קאַפּויער! איך האָב איהם אויסגעהערט, בעטראַכט אָט דעם בעוואַכסענעם נפש מיט די האָריגע הענד, צי געהערט ער זיך ניט אָן אַ ווייטער קרוב מיט אָט די גזלנים פֿון רומעניע... איך האָב אָבער אַרויסגעזעהן, אַז אומזיסט האָב איך איהם חושד געווען, וואָרום פֿון זיין ווייטערען שמועס האָט זיך אַרויסבעוויזען, אַז ער איז גלאַט אַ גראָ־בער יונג, איין עם־הארץ און נעבאַך אַ גרויסע בהמה! פֿון די גזלנים איז ער אַרויף אויף מכשפֿים, לצים, רוחות און שדים, מתים, וואָוקעלאַקעס און שרעטעלעך, וואָס ער אַליין מיט זיינע אויגען האָט דאָס געזעהען — אַ סימן, זיי זענען מיט הערנער. ווער איז מיט הערנער — האָב איך איהם פֿערגעסען פֿרעגען, און אַגב האָבען זיך מיר געקלעפּט די אויגען... גאָט ווייסט, וויפֿיעל צייט מיין חכם וואָלט נאָך אַזוי געזעסען איבער מיר, ווען איך הויב ניט אָן אונטערצודרימלען. שטאָף אויף צו דערצעהלען האָט ער נאָך געהאַט, ווייזט אויס, גענוג, מחמת אַז ער האָט זיך געזעגענט, האָט ער מיר צוגעזאָגט, אַז מאָרגען אין דער צייט וועט ער ערשט

דערצעהלען און דערצעהלען. פאר'ן אוועקגעהן האט ער מיט מיר אינאיינעם בעטראכט די פענסטער, צי האט מען גוט פערמאכט די לאדען, געחאפט א קוק צום אויווען, צי האט מען ניט פריה צוגעשטעקט דעם קוימען, בעוויזען מיר, ווי אזוי מע פערשליסט די טהיר, געזאגט א גוטע נאכט, אפגעלאזט דעם בלאזאק און אוועק.

נאך זיין אוועקגעהן האב איך די טהיר צוגעשלאסען און געפרובט, אויב זי עפענט זיך נישט. ניין — זי עפענט זיך ניט. נאכדעם האב איך בעטראכט די פענסטער אלע, געחאפט א קוק, אזוי זיך פארבייגעהענדיג, אונטער'ן בעט, גענומען זיך אויסטהון, צוגעגרייט דעם זייגער אויפ'ן טיש און די שוועבעלעך, ארייון אין בעט אריין, זיך איבערגעדעקט מיט א ווארעמער ריינער בייענער קאלדרע, אויסגעלאשען דאס פייער, און...

דא האט זיך דער זיידע פלוצים אפגעשטעלט און איז אנ־שוויגען געווארען. די נאכט איז ווירקליך געוועזען פול מיט כשוף. דער הימעל האט אראפגעקוקט צו אונז מיט זיינע שטערען, וואס האבען זיך געמינעט, געביטען זיך, געפינטעלט, ווי א מענש, וואס פינטעלט מיט די אויגען. זיי האבען צו אונז געוואונקען, זיי האבען גערעדט צו אונז, זיי האבען אונז געזאגט: „ווען איהר זאלט וויסען, וואס עס טהוט זיך דא ביי אונז אין הימעל?!“... „נו, אדרבה, זאגט אונז, שטערענדלעך, זאגט אונז, וואס טהוט זיך דארט ביי אייך אין הימעל?“... נאר די שטערענדלעך זאגען ניט, וואס עס טהוט זיך דארט ביי זיי אין הימעל. זיי מינען זיך, זיי בייטען זיך, זיי פינטלען, ווי א מענש וואס פינטעלט מיט די אויגען. און מיר קוקען, קוקען אין הימעל אריין, און ווייסען ניט, וואס דארטען טהוט זיך.

מיר האבען זיך אלע, אפניט, שטארק פערטיעפט אין די שטערען און גאר נישט בעמערקט, אז דער זיידע שוויגט עפיס זעהר לאנג. און אלע דריי האבען מיר זיך אנגערופען צו איהם:

— נו?

— וואס נו?

— וואָס זענט איהר אנשווינגען געוואָרען?

— איך האָב געוואָלט אייך אויספּרובען, צי איהר האַלט קאָפּ.

— וואָס הייסט, צי מיר האַלטען קאָפּ? געווים האַלטען מיר קאָפּ.

— זאָגט־זשע מיר, קינדערלעך, וואו האַלט איך?

— איהר האַלט ביי דער בייענער ווארעמער קאַלדרע. איהר האָט זיך איינגעדעקט, אויסגעלאָשען דאָס פייער און...

— אָט אזוי האָב איך אייך ליעב. וויבאַלד איהר האַלט קאָפּ, קאָן איך אייך דערצעהלען ווייטער. אַלזאָ, איך האָב מיך גאַנץ פיין איבערגעדעקט און — א גוטע נאַכט!... איך וועל אייך ניט זאָגען אַקוראַט, צי איך האָב שוין געהאַט איינגעשלאָפען, צי איך האָב נאָר־וואָס געוואָלט אַנשלאָפען ווערען, צי איך האָב שוין געהאַט אָפּגעשלאָפען א צייט, — איך וויים נאָר, אז די אויגען האָב איך געהאַלטען צו, נאָר געהערט האָב איך טריט, שטילע טריט — מע געהט!... איך הער מיך צו שטאַרק — יאָ, מע געהט!... „עט! עס ווייזט זיך מיר אודאי אוים!... דאָס איז א סך־הכל, א רעזולטאַט פון דעם בעל־הבית׳ס מעשיות“... אזוי טראַכט איך מיר און וויל מיך איבערדרעקען איבער׳ן קאָפּ — איך הער ווידער א מאָל גאַנץ קלאָרע טריט! איך הויב מיך אָן בעד רעכענען: אפשר געהט מען דאָס אינ׳ם אַנדערען צימער אויף יענער זייט וואַנד? אפשר פון אויבען איבער מיין קאָפּ? ניין! איך הער טריט אָט דאָ, ביי זיך אין צימער, ניט ווייט פון מיין בעט! איך האָב צונויפגענומען אַלע מיינע געדאַנקען, איך דערמאָן זיך, אז איך האָב, דאַכט זיך, גוט צוגעשלאָסען די טהיר, בעד טראַכט די פענסטער אַלע, געזעהען אויך וואָס אונטער׳ן בעט טהוט זיך — ווער קאָן דאָס זיין און פון וואַנען האָט ער זיך אהער גענומען?... און דאָ איז א פינסטערניש, כאָטש נעם זיך אַרוים די אויגען! וואָס טהוט מען? אויסרייבען א שוועבעלע? זענט איהר גערעכט. א שכל איז דאָס טאַקי. די פראַגע איז אָבער,

וואו נעמט מען א שוועבעלע, אז די שוועבעלעך ליגען ערגיץ ווייס איך וואו, אויפ'ן טיש? נו? וואס וועט איהר טהון? איא, איהר שווייגט? אז עמיצער איז פארהאן ביי מיר אין צימער — איז שוין ביי מיר קיין ספק ניט געווען. די קשיה איז נאר, פון וואנען האט ער זיך גענומען? ווי אזוי איז ער אריין? פאלגליך, דארפען מיר קלערען, אז אדער דורך דער טהיר, אדער דורכ'ן פענסטער? אויב דורך דער טהיר, איז דאס דער בעל־הבית אליין, מיט א נאכשליסעל; אויב דורכ'ן פענסטער, איז דאס גלאט א גנב. קיין גרויסע נפקא־מינה אפילו איז דאס ניט, נאר א מענש א בר־דעת האט ליעב יעדע זאך בעקלערען, ער זאל וויסען, וואו ער איז אין דער וועלט, ער זאל ניט בלאנזען אין דער פינסטער אפילו דעמאלט, ווען עס איז פינסטער... איך האב מיר פאר־געשטעלט, פערשטעהט איהר מיך, אין קאפ אלסדינג, ווי אין פסוק שטעהט: החכם עיניו בראשו. איך האב מיר אויסגעמאהלט מיין צימער, דעם טיש, דאס בעט, ווי אזוי האב איך מיך געלעגט? מיט'ן פנים צום פענסטער, מיט די פיס צו דער טהיר. פאלגליך, ווען עס זאל זיין אפען די טהיר, וואלטען דאס דערפיהלט פריהער פון אלעמען — ווער? די פיס. שטעק איך ארויס פאוואלינקע א שפיץ פוס פון אונטער דער קאלדרע, געוויס וועל איך דערפיהלען עפיס א ווינטעלע? — ווער! וואס! די טהיר איז צו — דערויף וועל איך שווערען! דארף מען זיך נעמען צום פענסטער. ווי אזוי זשע טהוט מען דאס? שטעק איך ארויס פאוואלינקע פון אונטער דער קאלדרע א האנד — קיין שפור פון קיין ווינטעל, פון קיין קעלט. עס איז צו טהיר און טויער, און די טריט ווערען אלע מאל קלערער און נעהענטער. איך מעג שווערען, אז איך הער עמיצער נעבען מיר אטהעמט שוין! עס פערשטעהט זיך, אז יעדע מינוט, יעדע סעקונדע איז א טאג, א יאהר.

א קאלטער שווייס האט שוין לאנג ארויסגעטרעטען! דאס הארץ קלאפט, קלאפט, ווי א זייגער. וואס טהוט מען? אראפ־שפרינגען פון בעט? אנהויבען שרייען? מאכען א גוואלד? צו

ווערמען? אויף ווערמען? אפנים, איהר ווייסט דען, מיט ווערמען איהר האָט צו טהון? אויפזעצען זיך אויפ'ן בעט — האָט איהר מורא זיך אַ ריהר טהון, ווארום צו וואָס זאָלט איהר ווייזען יענעם, אַז איהר שלאָפט ניט? ממה נפשך, איז דאָס אַ גנב, וועט ער זיך נעמען זיינס, וואָס איהם איז נויטיג, און וועט זיך געהן געזונטער־הייד. אָבער אַז איהר וועט נעמען מאַכען קולות, וועט ער דאָך וועלען ראַטעווען זיין אייגענע פעל, וועט ער אָנפאַלען אויף אייך ווער ווייסט מיט וואָס פאַר אַ כלי־זיין, וועט איהר, הייסט עס, אליין מאַכען איהם פאַר אַ גזלן, — צו וואָס נוצט דאָס אייך? וואָס זשע דען? וואַרטען ביז ער וועט צוגעהן צו אייך צום בעט און וועט ארויפפאַלען אויף אייך און וועט אייך חאַפּען פאַר'ן האַלז, און וועט אייך אָנהויבען ווארגען, שטיקען? איז עפּיס אויך ניט קיין פּלאַן. אַלזאָ, אַצינד זאָגט שוין איהר, וואָס וואָלט איהר געטהאָן? לאָם איך הערען. איהר זייט יונגע לייט, העל־דען!...

אַזוי האָט זיך דער ויידע געווענדט צו אונז, זיינע דריי אייניקלעך, און געוואַרט אויף אונזער ענטפער. דער ערשטער האָט זיך ארויסגעחאַפּט מיט זיין ענטפער דוקא דער יונגסטער פון אַלע, דער פּאָעט. ער האָט זיך אָנגעצונדען, ווי איין אמת'ער העלד, געמאַכט צוויי מורא'דיגע קולאַקעס און בעוויזען, ווי אַזוי ער וואָלט געגעבען אַ שפרונג־אַראָפּ פון'ם בעט, ווי אַזוי ער וואָלט איהם צוגעבויגען צו דער ערד, ווי אַזוי ער וואָלט איהם געשטיקט, און האָט אויסגעלאָזט מיט פייער: — נפש תחת נפש! מיר אַ טוידט, דיר אַ טוידט!...

אויסגעהערט די תשובה פון'ם פּאָעט, האָט דער זיידע אַ קנייטש געטהאָן מיט דער האַנד, ווי איינער רעדט: „מהכתיתי!" און האָט זיך געווענדט צו מיין קאָלעגאַ מיט'ן הייסען טעמפּעראַ־מענט: וואָס וואָלט ע ר געטהאָן? און מיין קאָלעגאַ מיט'ן הייסען טעמפּעראַמענט האָט איהם אָפּגעענטפערט גאַנץ אויפ־ריכטיג:

— איך וועל אייך זאָגען דעם אמת, זיידע: געהן אַנפּאַלען אויף אַ מענשען, וואָס איך קען איהם ניט און זעה איהם ניט — דאָס וואָלט איך נישט געטהאָן. איך וואָלט איהם איבערגעלאָזט דעם זייגער מיט האק און פּאַק, חאַפּט איהם דער רוח, און אַליין וואָלט איך ארויסגעשפּרונגען דורכ'ן פענסטער. האָבען צו טהון מיט יעדען פּארך, מיט יעדען גנב? זאָל דאָס געהן אין דער ערד אריין...

— אויף געדעכט! — מאַכט דער זיידע. — האָבען צו טהון נישט מיט קיין גלייכען איז אודאי נישט כדאי... נו, און איהר, וואָס וואָלט איהר געטהאָן, ווען מיט אייך טרעפט זיך אַזא מעשה?

אזוי זאָגט דער זיידע שוין צו מיר, און איך ענטפער איהם אויף גאַנץ אָפענטליך:

— איך? איך וואָלט פערשפּאַרט אַלע זאַכען! איך וואָלט ניט אָנגעפאַלען אויפ'ן גנב, איך וואָלט ניט געשפּרונגען דורכ'ן פענסטער. איך וואָלט... איך וואָלט... געשטאָרבען!

— אָט דאָס איז ריכטיגער פון אַלץ! — מאַכט דער זיידע מיט אַ הילכיגען געלעכטער, און אויף איהם קוקענדיג לאַכען אַלע, אחוץ מיר. — שטאַרבען פאַר שרעק איז טאַקי זעהר אַ וואווילע עצה, נאָר איידער מע קומט דערצו, פּאַלט־ארויס דריי מאָל די נשמה, עס בעשלאָגט אייך אַ קאַלטער שוויס, און איהר פיהלט, אז דער מת הויבט זיך אייך! איהר זעהט פאַר זיך דעם מלאך־המות, איהר פיהלט אויף זיך דעם קאַלטען חלף, נאָר איהר ווייסט ניט, ווען וועט זיין דער „חיק"!... בקיצור, איך וועל אייך מעהר ניט דערצעהלען. איך הער נעבען מיין בעט שוין עמיצער סאַפּעט, אָבער ווי אַזוי נאָך! מיט אימפּעט, מיט כּח: „הא! הא! אי־הא! אי־הא!" איך פיהל דורך דער קאָלדרע עמיצענ'ס אַ האנד אויף זיך, אַ פעסטע, אַ שווערע, אַ קאַלטע, אַ האָריגע האנד, און טאַקי באַלד נאָך אַ האנד. אהא! עמיצער קריכט צו מיר אין בעט אריין, אָט־אָט איז ער שוין, אָט־אָט חאַפּט ער מיך ביי'ם גאָרגעל! אָט־אָט דערלאַנגט ער מיר מיט איין אייזען איבער'ן קאָפּ! אָט־אָט... נו? חכמים! וואָס וועט איהר איצטער טהון?

דאָ האָט זיך דער זיידע אָפּגעשטעלט, אַפּנים, געוואָלט אָפּ־רוהען אַ ווײַלע. מיר האָבען פערשטאַנען, אַז עס איז איהם מסתמא שווער געווען איבערצולעבען נאָך אַ מאָל אַזאַ קריטישען מאָמענט, האָבען מיר איהם געלאָזט, ער זאָל אַביסעל אָפּרוהען, און אַליין האָבען מיר זיך גענומען אײַנהערען אין דער שטילקייט פון דער נאַכט. איהר ווייסט, ליעבע פריינד? די שטילקייט פון דער נאַכט רעדט, רעדט ווערטער. הערט זיך אײַן אַמאָל, וועט איהר הערען קולות, שטילע נאָר זיסע ווערטער פון איין אומבעקאַנטען נפש, וואָס זיצט נעבען אײַך און סוד'עט זיך און שושקעט זיך מיט אײַך, און עס מאַהלט זיך אײַך אויס, אַז אײַך איז בעקענט די שטימע, איהר האָט זי ערגיץ געהאָרכט, איהר ווייסט ניט וואו... און עס דאַכט זיך אײַך אויס, אַז איהר האָט געהערט אַ זיפץ, אַ טיעפען זיפץ, און איהר ווייסט ניט, ווער האָט דאָס געזיפצט: צי אָט דער אומבעמערקטער נפש, וואָס זיצט נעבען אײַך, אָדער איהר אַליין האָט דאָס געזיפצט?... און עס האַפּט אײַך אָן אַ מורא מיט אַ בענגעניש אינאיינעם; איהר וואָלט געהרען אויפהויבען זיך, אַוועקגעהן, נאָר עפּיס האַלט אײַך צו — איהר ווייסט נישט וואָס... עמיצער ציהט אײַך ביי דער נשמה, איהר ווייסט ניט ווער... און עס בענגט זיך אײַך מיט סכנת־נפשות — איהר ווייסט נישט נאָך וועמען... פּלוצים הערט איהר: פּליוך! ווי אין אַ טײַך אַז מע וואַרפט אַרײַן אַ שטיינדעל, אָדער אין אַ ברונען האָט עמיצער אַראָפּגעלאָזט אַ זאַך!... אַרום און אַרום אײַך, ווייסט איהר, איז נישטאָ קיין ברונען, נישטאָ קיין טײַך. וואָס בעדײַט דער פּליוך?... אָדער אַ „קראַ“ לאָזט זיך הערען. פון וואַנען געהט דער „קראַ“, אַז אַלע פויגלען שלאָפען?... און עס דאַכט זיך אײַך, אַז די ערד אָטהעמט, קוים־קוים וואָס מע הערט. גלײַך מיט אײַך אָטהעמט זי, די ערד, די גאַנצע וועלט, און איהר פיהלט, אַז איהר זייט אַ חלק פון דער אָטהעמדיגער ערד, פון דער גרויסער־גרויסער וועלט, וועלכע איז אַ גרויסער־גרויסער סוד פאַר אײַך...

דאָס שטילשווייגען פון'ם זיידען האָט זיך ווידער פערצויגען

מעהר וויפיעל מע בעדארף, און מיר זענען אויסגעגאנגען וויסען ניכער דעם סוף פון דער געשיכטע, און מיר האבען זיך ווידער א מאל גענומען מינטערען דעם זיידען.

— נו?

— וואס נו?

— וואס הייסט, וואס נו? וואס איז געווען ווייטער? ווער איז דאס געווען? און וואס האט ער אייך געטהאן? ווי אזוי זענט איהר ארויס פון זיינע הענד?

— אזוי? איהר ווילט טאקי וויסען דעם סוף? האט צייט. מארגען איז אויך א טאג. עלעהיי, זאל זיך אייך דאכטען, עס איז א ספור־המעשה, וואס איז געדרוקט ערגיץ אין א בלאט, און דער רעדאקטאר דער חכם האט אייך איבערגעהאקט אין סאמע מיטען, אוועקגעשטעלט פון אונטען די געוויסע צוויי ווערטער: „פארטזעצונג פאלגט" — און געהט לאדט איהם צום ונתנה־תוקף. עס פערשטעהט זיך, אז דאס האט דער קלוגער רעדאקטאר אייך געטהאן מיט א כיון, בכדי איהר זאלט מארגען אויך קויפען זיין בלאט — איהר האט איין אנדער ברירה? אדער עלעהיי, זאל זיך אייך דאכטען, עס איז די מעשה מיט דער שלאנג.

— מיט וואסער שלאנג?

— איהר ווייסט נישט די מעשה מיט דער שלאנג? — ציהט אויס דער זיידע מיט א ניגון. — וועל איך אייך דערצעהלען א נייע מעשה, א מעשה מיט א שלאנג.

איינמאל, דאס איז געווע'ן דעם 31טען דעקאבער, פונקט ערב ניי־יאהר, לייענט מען אין א צייטונג אזא מין געשיכטע: „א יונגע שענע פרוי, איין ערשטלינג, איז געזעסען מיט איהר ברעקעלע קינד אויף די הענד ביי'ם פענסטער, נאר־וואס געקליבען זיך געבען דעם קינד זויגען. פלוצים, מע ווייסט נים ווי און פון וואנען, קריכט ארויס א שלאנג, טהוט זיך א קאטשע ארויף גלייך אויף דער פרוי, חאפט אריין די ברוסט אין מויל אריין און הויבט אן

צו זויגען. זעלבסטפערשטענדליך, אז די פרוי איז באלד אויפ'ן ארט געפאלען חלשות. נאטירליך, איז מען זיך צונויפגעלאפען פון דער גאנצער שטאדט רעטען די אומגליקליכע פרוי. מע האט צונויפגערופען די גרעסטע דאקטוירים פון שטאדט, נאר געהט מהוט עפים, האלט מלחמה מיט א גיפטיגער חיה! מע קאן דא גאר נישט מאכען, מחמת טאמער ריהרט מען אן די שלאנג, אזוי לאזט זי ארוים איהר גיפט און טוידט די פרוי אויפ'ן ארט. וויעדער צוריק, זאל מען לאזען די שלאנג זאל זויגען ווייטער, וועט זי אזוי לאנג זויגען, ביז די פרוי וועט שטארבען... שלעכט! — אזוי לאזט אוים די ציימונג. — די לאגע איז זעהר קריטיש, די שלאנג זויגט, די פרוי חלש'ט. דאקטוירים זיצען און זוכען מיט־לען. אונזערע רעפארטערען שטעהען און ווארטען. מארגען וועלען מיר געבען צו וויסען אונזערע לעזער וואס ס'איז געווארען מיט דער פרוי און מיט דער שלאנג". עס פערשטעהט זיך, אז ניט איין מארגען איז אוועקגעגאנגען. דער עולם האט ניט אויפ־געהערט צו קויפען אלע טאג די ציימונג, געזוכט דעם סוף פון דער פרוי מיט דער שלאנג א צייט מיט יאהרען, און איך האב מורא, אז עס זענען פאראן אזעלכע געטרייע לעזער, וואס עד היום נאך הערען זיי נישט אויף צו קויפען די ציימונג אלץ צוליעב דער פרוי מיט דער שלאנג... שוין־זשע האב איך ניט פערדיענט ביי אייך, קינדער, איהר זאלט מיר ווארטען ביז מארגען? א גוטע נאכט!

און דער זיידע איז אויפגעשטאנען פון דער ערד און האט גענומען זיך געזעגענען מיט אונז אויף דער רעכטער אמת. זענען מיר, אלע דריי אייניקלעך, צוגעפאלען צו איהם, געבעטען, גע־חלש'ט, געקושט — קוים מיט צרות געפועלט, ער זאל זיך אוועק־זעצען צוריק אויף זיין ארט און פארטזעצען זיין שרעקליכע גע־שיכטע.

— גערענקט־זשע, קינדער, וואו האלטען מיר? מיר האלטען, ווי אזוי דער נפש געהט מיט שטילע טריט צו מיין בעט. איך

הער, ווי ער סאָפּעט מיט אימפּעט און מיט כעס: „האַ! אי־האַ! אי־האַ!“ איך פּיהל דורך דער קאָלדערע עמיצענ׳ס אַ האַנד, און טאַקי באַלד נאָך אַ האַנד, עמיצער קריכט צו מיר אין בעט אַריין, אָט־אָט איז ער שוין ביי מיר אין בעט!... איך ווייס ניט, ווי אַזוי איהר; איך האָב מיך אָנגעלייענט אַמאָל, אין די יונגע יאָהרען, אַ סך אַזעלכע מעשיות, מורא׳דיגע, מיט שדים, גזלנים, מכשפים, רוחות — די דאָזיגע אַלע מעשיות, דאַרף איך אייך זאָגען דעם ריינעם אמת, האָבען אויף מיר נישט געמאַכט קיין שום איינדרוק, אויסער דעם, וואָס איך האָב נאָר געוואָלט וויסען דעם סוף, אַשטייגער, אָט אַזוי ווי איהר אַצינד... דער בעגריף פון „אָנפאַלען“, „איבערפאַלען“, „הרגה׳נען“, „טוידטען“ — איז מיר געווען פרעמד. אפילו דער מלאך־המות מיט די פיעלע אויגען איז אויך געווען ביי מיר נישט מעהר ווי אַ „סטראַשידלע“, איין אויסגעטראַכטער חלום אויף צו שרעקען אונז, און ווייטער גאָר נישט... דאָ אָבער האָב איך דערזעהן דעם מלאך־המות פאַר מיינע אויגען. איך האָב איהם דערזעהן און האָב איהם דערקענט, אַז דאָס איז — ער! ער! איך האָב נאָר נישט געקאָנט טרעפען, מיט וואָס פאַר אַ טוידט איך וועל פון איהם דאָ פאַלען, און האָב דעריבער נישט געוואוסט, צו וואָס איך זאָל מיך פריהער חאַפּען: צום קאָפּ, צום האַלז, צום בויך? נעהער פון אַלץ האָט זיך מיר פאָרגעשטעלט, אַז צוויי גרויסע, ביינעריגע, קאַלטע הענד וועלען מיך אַרומחאַפּען ביי׳ם האַלז און וועלען מיך נעמען וואַרגען. איך וועל ווערען ברוין און בלוי, די אויגען וועלען מיר אַרויס פון שטערן, און איך וועל נישט קאָנען שרייען. אויך האָט זיך מיר פאָרגעשטעלט אַ שווערע זאַך, איין אייזערנע, לאָזט זיך אַראָפּ מיר אויפ׳ן קאָפּ, און איך ווער פריטשמעליעט... אָדער אַ ברייטעם שאַרפעם קאַלטעם מעסער טהוט אַ שנייד־אַריין זיך גלייך צו מיר אין בויך אַריין, און איך הער דעם שניט... איך ווייס אַליין ניט, קינדער, פון וואַנען עס האָט זיך צו מיר גענומען מוטה און כח — פון דערשרעק ווערד דער גרעסטער טרוס אַ העלד, און אויב איהר ווילט

וויסען, וועל איך אייך אויסזאָגען אַ סוד, אַז קיין „העלדען“ זענען גאָר נישטאָ אין ערגיץ; דער אמת'ער העלד איז טאַקי נאָר דער טרוס... הקיצור, איך האָב דערזעהען, אַז עס איז מיר אַ מינוט צום טוידט, האָב איך מיר אַ טראַכט געטהאָן: „וואָס ליגסט דו, שוטה? אויף וועמען וואַרטסט דו? דיין לעבען איז דאָך סאַי ווי אַצינד נישט ווערטה אַ גראָשען“... און איך האָב מיך געגעבען אַ הויב־אויף און אַ שפּרונג־אַרויס פון בעט, און בין שוין געווען מיט איין פוס ביי'ם טיש, און האָב געחאַפּט אַ שוועבעלע און געגעבען אַ רייב־אויס און אַ טראָג־צו צום בעט, — איך טהו אַ קוק: אַ גרויסער, אַ שוואַרצער, אַ קודלאַטער הונד, איין אמת'ער „סיבירזשאַק“ מיט רויטע אויגען!...

געלעגען איז דער כּלב־שבּכּלבים, אפשר, די גאַנצע צייט, ערגיץ אונטער דער קאַנאַפּע, אָדער צווישען דער שאַפע, איז איהם נמאס געוואָרען צו ליגען אַליין, אָדער עס איז איהם געוואָרען קאַלט, איז ער דאָס געקומען צו מיר מיט אַ וויזיט, זיך בעקענען מיט'ן נייעם אורח, און אגב איז טאַקי ביי מיר אויף דער בייענער קאָלדרע פיעל בעסער, וואַרעמער און געשמאַקער...

אויף מאָרגען האָט מיר דער האָריגער בעל־אכסניה דער־צעהלט, אַז דאָס האָט ער בעקומען אַ מתנה פון אַ פּריץ.

— עס איז אַ שטילער הונט, — האָט ער זיך פערענטפערט — זעהר אַ שטילער הונט. ער משעפּעט ניט קיין פליעג אפילו. ער איז שוין זעהר אַלט, און דערצו איז ער נאָך בלינד אויף ביידע אויגען.

ח.

דער אידישער קרילאָוו

איצטינס מאָל זענען מיר געזעסען זאַלבעפערט שוין אין וואַגאָן פון אייזענבאַהן. מיר האָבען זיך געמאַכט אַ פאָהר־אַרויס

פון שטאָדט אויף אַ טאָג, אַ מין „פּאַרטי דע פּלעזיר“. נישט חלילה אויף דער יאַגד — שיסען האָבען מיר נישט ליעב. נישט שיפען זיך אויף אַ שיפעל — מיר קאָנען נישט. אויך נישט קיין אַנדערע תענוגים זיך אָנטהון — וואָס זענען מיר? פּריצים? עס געהט אונז מעהר נישט אָפּ? דורכפאָהרען זיך אביסעל — מהכתיתי. פאָהרענדיג שמועסט זיך אמאָל בעסער ווי אין דער היים. און פון וואָס שמועסען פיער אידישע שריפטשטעלער, אַז זיי זיצען זאַלבעפערט אין איין וואָגאָן? פון ליטעראַטור. דעם יונגסטען פון אונז, דעם פּאָעט, איז איינגעפאַלען אַ געדאַנק, אַז אונזער פאָלקס־ליטעראַטור פעהלט נאָר איין זאַך — פאַבעלען, „באַסנים“. אָבער באַסנים! עכט־אידישע! מיט'ן אידישען לשון, מיט אידישען וויטץ, מיט פעפער! די אידעע איז אונז אַלעמען געפעלען; שטאַרק געפעלען! דאָס הייסט, עס רעדט זיך נאָר אַזוי — געפעלען. ווי קאָן עס גלייך געפעלען אַ זאַך, וואָס יענער האָט דאָס פאַרגעלעגט, ניט איך? מע דאַרף עס פריהער רעכט צעקייען און ערשט נאָכדעם „מסביר זיין“, געבען צו פערשטעהן, בעלייכטען, אויסבעסערען, איטליכער נאָך זיין השגה און פערשטאַנד. עס פערשטעהט זיך, אַז תחילת האָבען מיר זיך אביסעל געשפּאַרט, נאָכדעם טאַקי רעכט צעאַמפּערט זיך, דאָס הייסט, חלילה נישט געקריעגט זיך, נאָר גלאַט אַזוי אויסגעוויזען, יעדער בעזונדער, אַז ער פערשטעהט בעסער פון'ם אַנדערען...

און עס איז געבליבען ביי אונז אַלע פיער, אַז מע דאַרף זיך נעמען שרייבען „באַסנים“. די פראַגע איז נאָר — מי ומי ההולכים? ווער זאָל זיך נעמען צו דער אַרבייט? דאָ האָט יעדער פון אונז אַרויסבעוויזען אַזוי פיעל בעשיידענהייט און עניוות, אַז מע האָט זיך ווידער געמוזט צעקריעגען. איטליכער פון אונז האָט אַרויפגעלעגט די אַרבייט אויפ'ן צווייטען, און מיר אַלע אויפ'ן „זיידען“. איינער האָט געזאָגט, אַז אַזאַ ערנסטע אַרבייט דאַרף נעמען אויף זיך מיין קאָלעגאַ מיט'ן הייסען טעמפּעראַמענט; ערשטענס, ווייל ער איז איין ערנסטער מענש, און, צווייטענס, ווייל

ער בעזיצט שפראך, עטליכע לשונות. דער אנדערער, טאקי מיין קאלעגא מיט'ן הייסען טעמפעראמענט, האט געדרונגען פונקט קאַ־פויער, אז דאס פאסט פאר מיר, דוקא ווייל איך בין נישט אזא ערנסטער מענש... איך האב אנגעוויזען אויפ'ן יונגטטען פון אונז, אויפ'ן פאעט, אז דאס איז פאר איהם ווי אנגעמאסטען: סמייטש, א דיכטער! און דער יונגסטער פון אונז, דער דיכטער, טייט אויף מיר מיט'ן פינגער: „אדרבה, דאס פאסט פאר אייך, איהר זענט א הומאריסט!"... אזוי לאנג, ביז עס איז געבליבען, אז מיר אלע פיער דארפען זיך נעמען צו דער ארבייט און ארויסגעבען א בוך פון פאבעלען.

— קינדער! — רופט זיך אן דער זיידע מיט זיין פרייליך שמייכעל, ווי געוועהנליך. — איך האב מורא, אז די ערשטע פאַ־בעל וועט מען דארפען מאכען איבער אונז טאקי אליין, און הייסען וועט דאס מיט'ן נאמען „דער קווארטעט"...

דער געדאנק האט ארויסגערופען א הילכיגען געלעכטער אין אונזער גאנצער חברה, און דער יונגסטער פון אונז, דער דיכטער, האט זיך אראפגעגליטשט פון דער באנק און האט זיך גענומען קאטשען פאר געלעכטער. ער האט שוין אזא טבע, אז ער הויבט אן לאכען, לאכט ער אזוי געשמאק, ביז ער מאכט דעם גאנצען עולם לאכענדיג. פלוצים וואכסט־אויס א גלאטער קאפ פון נאך גאר א יונגענמאן, א בחור, מיט א גלאט געגאלט געזיכט, ווי איין ארטיסט, מיט לאכענדיגע אויגען, מיט ריהרעוודיגע ברעמען, און רופט זיך אן צו אונז בזה הלשון:

— איזוויניטיע, גאספאדא! עס איז אביסעל ניט פריליטשנע, אפשר טאקי נישט טאקטיטשנע, וואס איך ווריוואיע מיך אומ־געבעטען אין א פרעמדען שמוס. איהר האט, ניט ווילענדיג, מיר אנגעטראטען אויפ'ן פוס. איך זיץ די גאנצע צייט, פון יענער זייט, און האָרך, ווי איהר ראזסוזשדאיעט פון א זאך, וואס איך האב פערבראכט דערויף א סך. באסנים דאס איז מיין קאניאק,

מיין לעבען. א זאק מיט באַרשטש אוועקגעגעבען. מיין נאָמען איז פעלדשטיין, פון קעשעניעוו בין איך אליין. איך שטודיער דאָקטאָר מעדיצין, אין דער גרויסער שטאָדט בערלין. איהר הערט, ווי איך רעד מיט סטיכעס? אזא פריוואַטשקע צו־נ־אלדי רוחות! קורץ, איהר קוקט מיך אָן, ווי א הוהן — א האָהן; איהר חלש'ט ווייסען, ווער איך בין, איהר זענט נערעכט, עס האָט א זין. איך וועל אייך זאָגען צוויי געצעהלטע ווערטער, וועט איהר זיך אויפ־חאפּען פון די ערטער: איך בין ד ע ר א י ד י ש ע ר ק ר י־ל אָ ו ו, און איין עק א סוף.

אָבער טאקי אזוי ווי ער האָט געטראָפען! אלע פיער האָבען מיר זיך געגעבען א הויב־אויף פון די ערטער און געבעטען דעם אידישען קרילאָוו, ער זאָל זיך אוועקזעצען דאָ מיט אונז. דער אידישער קרילאָוו האָט זיך לאַנג נישט געלאָזט בעטען. ער האָט זיך אוועקגעזעצט נעבען אונז און האָט אָנגעהויבען שיטען מיט גראַמען אזוי פיעל, אז עס האָט זיך געדרעהט דער קאָפּ. עס האָט זיך געדאכט, אז די גראַמען פאלען פון די פאָליצעס, פון די טשעמאָדאנעס, שפּרינגען דורך די פענסטער, שיטען זיך און קויקלען זיך, ווי באָב, ווי ארבעס. איידער איהר האָט צעקייעט די ערשטע עטליכע ריימען, זענען שוין געקראָכען צו אייך אין אויהער אריין פרישע גראַמען — מיט איינעם וואָרט, עס האָט זיך ביי איהם געגראַמט פון אלע זייטען. קיינער פון אונז האָט קיין צייט געהאַט א וואָרט אויסצורעדען. דער אידישער קרילאָוו האָט אונז אלעמען פער'כשופ'ט מיט זיינע גראַמען און מיט זיינע באַסנים, וועלכע איך געב איבער וואָרט און וואָרט:

איין אייזעל מיט א סאָלאָוויי.

איין אייזעל דערזעהט א סאָלאָוויי
און מאַכט צו־נ־איהם מיט א געשריי,
ווי א נאַחאַל, א בלאַזען:
„הער נאָר, סאָלאָוויטשיק, מיין טאַלאַנטליווע חזן!

מע זאָגט, דו זינגסט עפּיס אַזעלכע שטיק,
וואָס סע פּשוט איין אַנטיק!
דו ווייסט דאָך, אַז איך בין אַ מבין,
ווי אַ קאַץ אויף הייזעון.
טאָמער וואָלסט דו מיר געזונגען עפּיס אַ זאַך,
אַ פּאָר שטיקלעך, נישט קיין סך,
נאָר לעבעדיג און הויך,
עס זאָל געהן אַ רויך"...
און ער האָט זיך עס צעלאָזט, דער סאָלאָווײ,
מיט אַ שלשלת, מיט אַ דרעה,
מיט אַ פּייף און מיט אַ קנאַק,
ווי אונזער חזן פּאַסטערנאַק
אויף אַ ברית, אַז ער חאַפּט אַ כוסה,
פריהער אַ קליינע, דערנאָך — אַ גרויסע,
און מאַכט דעם גרויסען מי שברך
אונזער נגיד רב נתן־קורח...
אַ סוף. ער האָט געענדיגט, דער סאָלאָווײ,
רופט זיך אָן דער אייזעל צו איהם אַזוי:
„נישט זאָגען קיין ליגען —
דו זינגסט ניט שלעכט קיין ניגון.
אַטשען זשאַל! עס געהט פערלאָרען אַ טאַלאַנט.
איז אונזער קעלבעל האָב איך מיך דערמאַנט.
ווען דו זאָלסט זיין מיט דעם בעקענט,
וואָלט דיין געזאַנג ערשט געשמ'ט"...

. . . .

וואָס איז פון דער באַסני די נראַוואָוטשעניע?
אַז איהר שרייבט אָן אַ סאָטשינעניע
און איהר ווילט וויסען אויף דעם אַ מניעניע,
זאָלט איהר דאָס בעז מאַלײשאַוויא סטיעסניעניא,

און עס זאָל ניט זיין קיין שום גיעדאַראַזומעניע, —
אַריינגוואָרפען אין אַ גוטען אָרט דליאַ אונישטאָזשעניאַ...

* * *

דער אידישער קרילאָוו האָט אונז נישט געלאָזט לאַנג קוויקען זיך מיט דער ערשטער באַסני. ער איז אויפגעשטאַנען מיט אַ שיינענדיג פנים און מיט שמייכלענדיגע אויגען, אַריינגעלעגטביידע גראָבע פינגער אין ביידע זייטען זשילעט און גענומען לייענען אונז די צווייטע באַסני:

דער וואָלף און די קאַטץ.

עס לויפט אַ וואָלף פון שוואַרצען וואַלד,
עס ברענט דער פראָסט, עס בלאָזט, ס'איז קאַלט,
נאָר ער מוז נעבאַך לויפען,
אַניט — וועט מען זיין פעלעכען פערקויפען.
מיין וואָלף —
צום דאָרף.
ער זעהט, עס זיצט אַ קאַץ אַליין,
און הויבט אָן בעטען זעהר שען:
„קעצעלע! קעצעלע! מיר זאָל זיין פאַר דיין פנים!
אויף מיין פעל זענען דאָ אַ סך בעלנים.
נעם מיך אַריין צו דיר, ווייבעלע!
זיי מיך מכבד מיט אַ געבראָטען טייבעלע!"
— ווייסט דו וואָס? לויף זיך דורך צו מיין טאַטע.
— איך קאָן נישט! איך האָב ביי איהם גע'לקח'ענט די קאַפּאָטע.
— נו, געה־זשע צו יענקעל דלות.
— ס'איז גרינג צו זאָגען. וואו איז זיין טלית?
— נו, ווייסט דו וואָס? געה צום בעל־הבית: צו בערעל טנופת.
— איך קאָן נישט! איך האָב ביי איהם אָוועקגעלעגט די עופות.

— נו, אויב אזוי, איז א שלעכטער משא־ומתן,
צוריק אין וואלד, א רוח אין דיין טאטען !...

. . . .

יעדע באסניא האט זיך איהר גראוואאוטשעניע.
פון דאנען פיהרען מיר ארוים א פריאמאיע זאקליוטשעניע :
אז איהר פעררוקט דעם טשאלענט, מעגט איהר גיסען שמאלץ
צעהן פוד. נאר לעגט איהר נישט קיין האלץ,
האטיא עס מעג זיין אים פרייטיג,
וועט דער קוגעל ניט זיין צייטיג.

* * *

נישט געלאזט אונז אפרוהען זיך פון דער צווייטער באסני,
האט אונז דער אידישער קרילאוו געגומען לייענען א דריטע :

„קווארטעט”, ביי מיר הייסט עס „די קאפעליע”.

אז איהר ווילט וויסען ווער —
איז א ציעג, איין אייזעל מיט א בער
האבען זיך צונויפגענומען אלע דריי
געפרעמעננא מאכען א שפיעלעריי.
מע זיצט זיך ברייט און ווייך, ווי אויף וואטע,
מע קוקט אריין אין די ביכער מיט די נאטען,
די אינסטרומענטען טראגט מען צו,
מע מישט די נאטען וויים איך וואו,
מע קלאפט, מע רייבט מיט די סמיטשאקען,
עס פליהען פון די פיעדלען די קאלאקען.
דא צעבייזערט זיך דער עזעל
און גיט א שנאל דער ציעג אין נעזעל :
„אט באלוואנעס !
זיך צערימפעלט, ווי די שארלאטאנעס !
ממה נפשך, מאכען מיר א שפיעלעריי,

דאַרף מען שפּיעלען אַלע דריי
צום טאַקט, צום קלאַפּ,
און האַלטען קאַפּ.
הער נאַר, דו, רב בער!
די ציעג זאָל זיצען דאָרט, און דו — אהער!"
בקיצור, עס דויערט ניט קיין סך, טהוט די ציעג א לאַך:
„מע־ע־ע! אז אַך און וועה איז אייך!
איהר זענט ביידע גראָבע יונגען!
אומזיסט ארויסגעשטעלט די צונגען!
אַט פליהט א סאָלאָוויי,
ער וועט אייך זאָגען, ווי אזוי
מע דאַרף בעזעצען די קאַפּעליע,
זי זאָל ניט קריכען אויף דער סטעליע".
דערהערט דער סאָלאָוויי,
צעלאַכט ער זיך און מאַכט צו זיי:
„חא־חא־חא, כלי־זמרים!
גרילצערס, שאַרים־באַרים!
איהר קאָנט שוין שטעהן, איהר קאָנט שוין זיצען
איהר קאָנט אייך גראַבלען, איהר קאָנט אייך קריצען.
פון אייער שפּיעלען, איהר מעגט מיר גלויבען
וועט די וועלט קיין נחת ניט דערלעבען.
. . . .
פון דער באַסני די זאַקליוטשעניע
איז א טיעפע גראַוואָאוטשעניע:
אז מע רופט־אויף א חתן צו דער תורה
און ער קען נישט די הפטורה,
מעג ער אָנטהון דריי טליתים,
וועט ער ניט אויפשטעהן קיין תחית־המתים.
דער שניט פון די באַסנים מיט זייערע אונערוואַרטעטע „נראַ־וואָאוטשעניעס" האָבען אונז, מע קאָן זאָגען, צום מוידט געשלאָגען,

און איידער מיר האָבען צייט געהאַט זיך אַרומקוקען און זיך נעהער צו בעקענען מיט'ן אינטערעסאַנטען נפש, האָט געגעבען אַ פייף דער צוג, און דער „אידישער קרילאָוו" האָט זיך געגעבען אַ חאַפּ צו זיינע פּעקלעך, זיך אָפּגעזעגענט מיט אונז, נאַטירליך אין גראַמען, געביטען זיך מיט די אַדרעסען, און שטעהענדיג שוין מיט די טשעמאָדאַנעם אין די הענד ביי דער טהיר, האָט ער אונז דערווייל דעקלאַמירט נאָך אַ באַסני מיט'ן נאָמען:

אַ פּוכס אין ווייַנגאָרטען.

אַ פּוכס אַ מחותן, הונגעריג ווי אַ וואָלף,
איז געגאַנגען אין בעסאַראַביע אין אַ דאָרף
פאַרביי אַ ווינאָגראַדניק אַ גראַמאַדנעם
(איך וועל אייך זאָגען אויף זשאַרגאָן,
וועט איהר חאַפּען דעם טאָן:
„אַ גאָרטען אַ ווינאָגראַדנעם").
ער דרעהט זיך, דער מחותן,
ביי די זייטען און אין מיטען;
די פויגעלעך פּישטשען,
די ווינטרויבען בלישטשען.
אוי־וואַ, איין עבירה —
אַ טייערע פּרי,
און האָבען אַ זעלטענעם ריח;
נאָר זיי הענגען אַזוי הויך,
חאַטש דראַפּע זיך אויף די ווענד,
חאַטש קריך פון דער פעל,
צערייס זיך די הענד,
מאַך פון זיך אַ תל!...
אָפּגעשטאַנען אַזוי אַקעגען אַ שעה,
מאַכט ער פאַר דאָסאַדע: „ווייס איך —
אויף וואָס אידען מאַכען אַ ברכה!

איך זאָל אזוי האָבען הצלחה:
א שטיקעל טרוקען ברויט מיט זאַלץ,
בעשמירט מיט פוטער אָדער שמאַלץ,
האָט טויזענד מאָל מעהר טעם!
ווינאָ־גראַד! א גאַנצער טאַרעראַם!
א טרעסקאַוויצי, א מציאה!
דאָקטוירים פּראָפּיסעווען א רפואה!
וואַפּערוויך, איז ער גרין אזוי ווי גראָז,
האָט קיין אידישען טעם, ווייס איך וואָס!
זויער ווי פּסח׳יגער וויין,
איך דאַרף איהם אויף סים־סאָט כפּרות,
ווי צייהן־וועהטיג,
ווי מיינע צרות —
לאָז ער אייך געהן אין דער ערד אריין!״...

. . . .

פון דער דאָזיגער באסני, ק׳סאָזשאַלעניע,
ציהען מיר א מאָדנע גראוואָוטשעניע:
אז סע שטעהען אין גאס צוויי אידען
און בעסיערדעווען זיך ספּאָקאָינע און צופריעדען,
חלילה נישט געקריעגט זיך, נישט געספּאָרעט,
ניט געשטורכעט, ניט געטאָרעט,
נאָר גלאַט אזוי, מיט העגד, מיט ביינער, —
דאַרף נישט אריינמישען זיך קיינער,
וואָרום צווישען יאָ און ניין,
קאָנט איהר חאַפּען אין די צייהן...

* * *

שוין שטעהענדיג מיט די טשעמאָדאַנעס אויפ׳ן וואָקזאַל, אין א לאַנגען ראָק, מיט א הוטעל אויף א זייט, האָט „דער אידישער סריילאָוו״ צו אונז געוואונקען פון דער ווייטען. די קלוגע אויגען.

די ריהרעוודיגע ברעמען, דאָס פּנים, דאָס גאַנצע סימפּאַטישע אויס־זעהען זיינס האָט גערעדט, גערעדט, גערעדט מיט גראַמען. צום לעצטען מאָל האָט ער אונז געשענקט אַ שמייכעל און אויסגעשריגען פון דער ווייטען:

באַסנים וועל איך אייך ערשט שיקען;
איך האָף צו גאָט, זיי וועלען אייך געפעלען.
איהר וועט, אם ירצה השם, זיך קוויקען.
דער עולם וועט די פינגער לעקען, איהר וועט קוועלען!